STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02219

# ALE MAYSES FUN ELIYAHU HA-NOVI

Yehudah Yudl Rozenberg

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

## אַלֶע מַעֲשִׂיוֹת פוּן

# אליהו הנביא

### אִין דִיזֶען סֵפֶר גֶעפִינְט זִיךְ פִינְף אַבְטֵיילוּנְגֶען

א) דער יחוס פון אליהו הנביא.

ב) זיין ערשיינונג אין דער צייט פון די יודישע מלכים, און זיין הסתלקות אין הימעל אריין לעבענדיגערהייט.

ג) אלע וואונדערליכע מעשיות פון אליהו הנביא אין דער צייט פון דיא חכמי התלמוד, און פון דיא לעצטע דורות.

ד) דיא לימודים פון אליהו הנביא און זיינע דברי מוסר.

ה) דיא בעציהונגען פון אליהו הנביא וועגען דיא גאולה.

דאס אלעס איז ארויסגענומען געווארען פון תלמוד בבלי וירושלמי, פון הייליגען זוהר, און פון אלע מדרשים, כדי מזכה הרבים צו זיין, מען זאל לערנען אין דעם ספר אלע מוצאי שבת קודש. דאס איז

**אַ סְגֻלָּה גְדוֹלָה לְפַרְנָסָה לְהַצְלָחָה וְלִבְרָכָה**

אזוי ווי עס ווערט געברענגט אין פיעל הייליגע ספרים. צום סוף ספר האבען מיר געדרוקט א תפלה פון אליהו הנביא מתפלל צו זיין אלע יום כפור.

---

דאס ספר האט מחבר געווען אויף לשון קודש הרב הגאון המפורסם וכו' מו"ה **יודל ראזענבערג** שליט"א פון **לאדז**. געוועזענער רב אין **טארלא**. מחבר הספרים ידות נדרים. שערי זהר תורה. וואס זיין יחוס שטאמט ארויס פון רבנו יהודה החסיד זצ"ל. און מיט דעם רשות פון בעל מחבר האבען מיר דאס ספר מעתיק געווען אויף זשארגאן, כדי אלע קלאססען מענשען זאלען קאנען לערנען אין דעם ספר.

---

№ 32. נדפס בהוצאות המו"ם ר' **אהרן ציילינגאלד** פון ווארשא נאלעווקי

שנת תרע"א לפ"ק

**МАСІЕСЪ ЭЛІЯ ГАНОВЫ** т. е. Исторія пророка „Элія".
соч. Раввина Ю. Розенберга.
Изданіе и собственность Автора Ю. Розенберга и книгопродавца А. Цайлингольда.

# אזהרה גדולה:

דאס איז בידוע אז יעדער מענש האט בכח על פי דין תורה צו אסר'ן בהנאה זיין זאך אויף דער גאנצער וועלט. אלזא האב איך גע'אסור'ט בהנאה אויף יעדען מענש, קיינער זאל נישט טארען נאכדרוקען דאס ספר, און קיינער זאל נישט טארען איבערזעצען דעם ספר „אליהו הנביא" אויף זשארגאן אפילו מיט אנ'אנדערן סדר. אויסער דער מוכר ספרים ר' אהרן צייליגנאלד פון ווארשא, וואס איך האב איהם געגעבען רשות איבערצוזעצען אויף זשארגאן. דער וואס וועט חס ושלום משיג גבול זיין, אויסער דעם וואס ער וועט עובר איסור זיין, וועט ער נאך געוויס בע־שטראפט ווערען לויט דעם געזעץ פון דער רעגירונג.

דברי המחבר.

Типографія Ф. Баумриттера, Варшава.
1914 г.

אזוי ווי עס ווערט גיברענגט אין פיעל הייליגע ספרים א **סגולה להצלחה** אויף א גאנצע וואך, אז מען זאל אלע מוצאי שבת קודש גידענקען **אליהו הנביא** זיבענציג מאל. אלזא האבען מיר דא געדריקט דעם זמר פון אליהו הנביא אזוי נאך אז עס ווערט דא געדענקט אליהו הנביא זיבענציג מאהל. און ווער עס וועט דעם זמר אזוי נאך זאגען אלע מוצאי שבת קודש, און ער וועט נאך עפיס לערנען אין דעם ספר די מעשיות פון אליהו הנביא, דאן וועט געווים אליהו הנביא אויף דעם מענש מלמד זכות זיין אין הימעל, אז ער זאל א גאנצע וואך מצליח זיין.

---

# זמר למוצאי שבת

אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא אֵלִיָּהוּ הַתִּשְׁבִּי אֵלִיָּהוּ הַגִּלְעָדִי בִּמְהֵרָה יָבֹא אֵלֵינוּ עִם מָשִׁיחַ בֶּן דָּוִד:
אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא אֵלִיָּהוּ הַתִּשְׁבִּי אֵלִיָּהוּ הַגִּלְעָדִי בִּמְהֵרָה יָבֹא אֵלֵינוּ עִם מָשִׁיחַ בֶּן דָּוִד:

אִישׁ אֲשֶׁר קִנֵּא לְשֵׁם הָאֵל. אִישׁ בֻּשַּׂר שָׁלוֹם עַל יַד יְקוּתִיאֵל. אִישׁ נִגַּשׁ וַיְכַפֵּר עַל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל:

אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא אֵלִיָּהוּ הַתִּשְׁבִּי אֵלִיָּהוּ הַגִּלְעָדִי בִּמְהֵרָה יָבֹא אֵלֵינוּ עִם מָשִׁיחַ בֶּן דָּוִד:
אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא אֵלִיָּהוּ הַתִּשְׁבִּי אֵלִיָּהוּ הַגִּלְעָדִי בִּמְהֵרָה יָבֹא אֵלֵינוּ עִם מָשִׁיחַ בֶּן דָּוִד:

אִישׁ דּוֹרוֹת שְׁנֵים עָשָׂר רָאוּ עֵינָיו. אִישׁ הַנִּקְרָא בַּעַל שֵׂעָר בְּסִמָּנָיו. אִישׁ וְאֵזוֹר עוֹר אָזוּר בְּמָתְנָיו:

אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא אֵלִיָּהוּ הַתִּשְׁבִּי אֵלִיָּהוּ הַגִּלְעָדִי בִּמְהֵרָה יָבֹא אֵלֵינוּ עִם מָשִׁיחַ בֶּן דָּוִד:
אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא אֵלִיָּהוּ הַתִּשְׁבִּי אֵלִיָּהוּ הַגִּלְעָדִי בִּמְהֵרָה יָבֹא אֵלֵינוּ עִם מָשִׁיחַ בֶּן דָּוִד:

אִישׁ זָעַף עַל עוֹבְדֵי חַמָּנִים. אִישׁ חָשׁ וְנִשְׁבַּע מִהְיוֹת גִּשְׁמֵי מְעוֹנִים. אִישׁ טַל וּמָטָר עָצַר שָׁלֹשׁ שָׁנִים:

אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא אֵלִיָּהוּ הַתִּשְׁבִּי אֵלִיָּהוּ הַגִּלְעָדִי בִּמְהֵרָה יָבֹא אֵלֵינוּ עִם מָשִׁיחַ בֶּן דָּוִד:
אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא אֵלִיָּהוּ הַתִּשְׁבִּי אֵלִיָּהוּ הַגִּלְעָדִי בִּמְהֵרָה יָבֹא אֵלֵינוּ עִם מָשִׁיחַ בֶּן דָּוִד:

אִישׁ יָצָא לִמְצֹא לְנַפְשׁוֹ נַחַת. אִישׁ כִּלְכְּלוּהוּ הָעוֹרְבִים וְלֹא מֵת לַשַּׁחַת. אִישׁ לְמַעֲנוֹ נִתְבָּרְכוּ כַּד וְצַפַּחַת:

אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא אֵלִיָּהוּ הַתִּשְׁבִּי אֵלִיָּהוּ הַגִּלְעָדִי בִּמְהֵרָה יָבֹא אֵלֵינוּ עִם מָשִׁיחַ בֶּן דָּוִד:
אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא אֵלִיָּהוּ הַתִּשְׁבִּי אֵלִיָּהוּ הַגִּלְעָדִי בִּמְהֵרָה יָבֹא אֵלֵינוּ עִם מָשִׁיחַ בֶּן דָּוִד:

אִישׁ מוּסָרָיו הִקְשִׁיבוּ כְּמֵהִים. אִישׁ נַעֲנָה בָּאֵשׁ מִשְּׁמֵי גְבוֹהִים. אִישׁ סָחוּ אַחֲרָיו יְהֹוָה הוּא הָאֱלֹהִים:

אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא אֵלִיָּהוּ הַתִּשְׁבִּי אֵלִיָּהוּ הַגִּלְעָדִי בִּמְהֵרָה יָבֹא אֵלֵינוּ עִם מָשִׁיחַ בֶּן דָּוִד:
אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא אֵלִיָּהוּ הַתִּשְׁבִּי אֵלִיָּהוּ הַגִּלְעָדִי בִּמְהֵרָה יָבֹא אֵלֵינוּ עִם מָשִׁיחַ בֶּן דָּוִד:

אִישׁ עָתִיד לְהִשְׁתַּלֵּחַ מִשְּׁמֵי עֲרָבוֹת. אִישׁ פָּקִיד עַל כָּל בְּשׂוֹרוֹת טוֹבוֹת. אִישׁ צִיר נֶאֱמָן לְהָשִׁיב לֵב בָּנִים עַל אָבוֹת:

אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא אֵלִיָּהוּ הַתִּשְׁבִּי אֵלִיָּהוּ הַגִּלְעָדִי בִּמְהֵרָה יָבֹא אֵלֵינוּ עִם מָשִׁיחַ בֶּן דָּוִד:
אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא אֵלִיָּהוּ הַתִּשְׁבִּי אֵלִיָּהוּ הַגִּלְעָדִי בִּמְהֵרָה יָבֹא אֵלֵינוּ עִם מָשִׁיחַ בֶּן דָּוִד:

אִישׁ קָרָא קַנֹּא קִנֵּאתִי לַיהֹוָה בְּתִפְאָרָה. אִישׁ רָכַב עַל סוּסֵי אֵשׁ בִּסְעָרָה. אִישׁ שֶׁלֹּא טָעַם טַעַם מִיתָה וּקְבוּרָה:

אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא אֵלִיָּהוּ הַתִּשְׁבִּי אֵלִיָּהוּ הַגִּלְעָדִי בִּמְהֵרָה יָבֹא אֵלֵינוּ עִם מָשִׁיחַ בֶּן דָּוִד:
אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא אֵלִיָּהוּ הַתִּשְׁבִּי אֵלִיָּהוּ הַגִּלְעָדִי בִּמְהֵרָה יָבֹא אֵלֵינוּ עִם מָשִׁיחַ בֶּן דָּוִד:

אִישׁ תִּשְׁבִּי עַל שְׁמוֹ נִקְרָא. תַּצְלִיחֵנוּ עַל יָדוֹ בַּתּוֹרָה. תַּשְׁמִיעֵנוּ מִפִּיו בְּשׂוֹרָה טוֹבָה בִּמְהֵרָה. תּוֹצִיאֵנוּ מֵאֲפֵלָה לְאוֹרָה:

אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא אֵלִיָּהוּ הַתִּשְׁבִּי אֵלִיָּהוּ הַגִּלְעָדִי בִּמְהֵרָה יָבֹא אֵלֵינוּ עִם מָשִׁיחַ בֶּן דָּוִד:
אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא אֵלִיָּהוּ הַתִּשְׁבִּי אֵלִיָּהוּ הַגִּלְעָדִי בִּמְהֵרָה יָבֹא אֵלֵינוּ עִם מָשִׁיחַ בֶּן דָּוִד:

אִישׁ תִּשְׁבִּי תַּצִּילֵנוּ מִפִּי אֲרָיוֹת. תְּבַשְּׂרֵנוּ בְּשׂוֹרוֹת טוֹבוֹת. תְּשַׂמְּחֵנוּ בָּנִים עַל אָבוֹת. בְּמוֹצָאֵי שַׁבָּתוֹת:

אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא אֵלִיָּהוּ הַתִּשְׁבִּי אֵלִיָּהוּ הַגִּלְעָדִי בִּמְהֵרָה יָבֹא אֵלֵינוּ עִם מָשִׁיחַ בֶּן דָּוִד:
אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא אֵלִיָּהוּ הַתִּשְׁבִּי אֵלִיָּהוּ הַגִּלְעָדִי בִּמְהֵרָה יָבֹא אֵלֵינוּ עִם מָשִׁיחַ בֶּן דָּוִד:

אַשְׁרֵי מִי שֶׁרָאָה פָנָיו בַּחֲלוֹם. אַשְׁרֵי מִי שֶׁנָּתַן לוֹ שָׁלוֹם וְהֶחֱזִיר לוֹ שָׁלוֹם. יְהֹוָה יְבָרֵךְ אֶת עַמּוֹ בַשָּׁלוֹם:

אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא אֵלִיָּהוּ הַתִּשְׁבִּי אֵלִיָּהוּ הַגִּלְעָדִי בִּמְהֵרָה יָבֹא אֵלֵינוּ עִם מָשִׁיחַ בֶּן דָּוִד:
אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא אֵלִיָּהוּ הַתִּשְׁבִּי אֵלִיָּהוּ הַגִּלְעָדִי בִּמְהֵרָה יָבֹא אֵלֵינוּ עִם מָשִׁיחַ בֶּן דָּוִד:

כַּכָּתוּב הִנֵּה אָנֹכִי שֹׁלֵחַ לָכֶם אֵת אֵלִיָּה הַנָּבִיא לִפְנֵי בּוֹא יוֹם יְהֹוָה הַגָּדוֹל וְהַנּוֹרָא. וְהֵשִׁיב לֵב אָבוֹת עַל בָּנִים וְלֵב בָּנִים עַל אֲבוֹתָם:

אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא אֵלִיָּהוּ הַתִּשְׁבִּי אֵלִיָּהוּ הַגִּלְעָדִי בִּמְהֵרָה יָבֹא אֵלֵינוּ עִם מָשִׁיחַ בֶּן דָּוִד:

---

אַתָּה גִּבּוֹר לְעוֹלָם אֲדֹנָי. מְכַלְכֵּל חַיִּים בְּחֶסֶד. יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ שֶׁיִּהְיֶה הַשָּׁבוּעַ הַבָּא עָלַי לִישׁוּעָה לִרְוָחָה וּלְהַצְלָחָה. וְיִתְקַיֵּם בִּי מִקְרָא שֶׁכָּתוּב. כֹּל אֲשֶׁר יַעֲשֶׂה יַצְלִיחַ וַהֲדָרְךָ צְלַח וּרְכַב עַל דְּבַר אֱמֶת. אָמֵן סֶלָה:

# ערשטע אבטיילונג .

## דער יחוס פון אליהו הנביא .

ז'ער תנא רבי תנחומא שרייבט אזוי אין דעם ספר פסיקתא רבתי וועגען אליהו הנביא. עס שטעהט אין פסוק, ובנביא העלה יי את ישראל ממצרים ובנביא נשמר. דורך א נביא האט דער אויבערשטער ארויסגענומען יודען פון מצרים. דאס מיינט מען משה רבנו. דורך א נביא ווערען יודען אבגעהיטען. דאס מיינט מען אליהו הנביא. מיר געפינען צוויי נביאים זענען אויפגעשטאנען צו יודען פון שבט לוי. משה רבנו איז דער ערשטער. און אליהו הנביא איז דער לעצטער. אוןביידע זענען דעם אויבערשטענס שלוחים אויסצולייזען יודען פון גלות. אזוי ווי משה רבנו וואס האט אויסגעלייזט די יודען פון מצרים, זענען זיי שוין נישט מעהר דארט אהין צוריק פערטריבען געווארען. אזוי גוט אז אליהו הנביא וועט אויסלייזען יודען פון פיערטען גלות, ווערען זיי אויך שוין קיינמאל נישט צוריק פערטריבען ווערען. נאר עס וועט זיין א עוויגע הילף. און אזוי געפינען מיר אז משה רבנו מיט אליהו הנביא זענען ביידע גלייך מיט אלע זאכען. משה איז א נביא. אליהו איז א נביא. משה ווערט אנגערופען איש האלהים. אליהו ווערט אנגערופען איש האלהים. משה איז ארויף אין הימעל ארויף. אליהו איז ארויף אין הימעל אריין. משה האט געטוידט דעם מצרי. אליהו האט געטוידט חיאל האלי. משה איז געשפייזט געווארען דורך א אשה דורך יתרו'ס טאכטער. אליהו איז געשפייזט געווארען דורך א אשה פון שטאדט צרפת. משה איז ענטלאפען פאר פרעה. אליהו איז ענטלאפען פאר איזבל. משה איז ענטלאפען און איז געקומען צו א ברונען. אליהו איז ענטלאפען און איז געקומען צו דעם ברונען באר שבע. משה איז פערדעקט געווארען אין א וואלקען. אליהו איז פערדעקט געווארען אין א וואלקען. משה האט זיך אויסגעבאטען ביי דעם אויבערשטען צו ענדערן דעם דרך הטבע, אז עדת קרח זאל איינגעזונקען ווערען. אליהו האט זיך אויסגעבאטען ביי דעם אויבערשטען צו ענדערן דעם דרך הטבע, עס זאל דריי יאהר קיין רעגען נישט געהן. משה האט זוכה געוועזען אז די הייליגע מרכבה איז פאר איהם פערבייגעגאנגען ווען ער איז געוועזען אין די מערה. און ער האט געהערט דעם אויבערשטענס קול. אליהו האט אויך זוכה געוועזען אז די הייליגע מרכבה איז פאר איהם פערבייגעגאנגען ווען ער איז געוועזען אין די מערה, און האט געהערט דעם אויבערשטענס קול. משה האט איינגעזאמעלט די יודען צום הר סיני, אליהו האט איינגעזאמעלט די יודען צום הר הכרמל. משה האט געהייסען טוידטען די וואס האבען גע-

דיענט

דינענט צום עגל. אליהו האט געהייסען טויטען די וואס האבען געדיענט צו דער עבודה־זרה בעל. משה איז געקומען צום הר האלהים. אליהו איז געקומען צום הר האלהים. משה איז ארומגעגאנגען אין דער מדבר, און א מלאך האט מיט איהם גערעדט. אליהו איז ארומגעגאנגען אין מדבר דמשק, און א מלאך האט מיט איהם גערעדט. משה האט פערציג טעג און פערציג נעכט נישט געגעסען און נישט געטרונקען. אליהו האט אויך פערציג טעג און פערציג נעכט נישט געגעסען און נישט געטרונקען. משה האט אבגעשטעלט דעם גלגל פון דער זון. אליהו האט אויך אבגעשטעלט דעם גלגל פון דער זון. משה האט מתפלל געווען פאר די יודען און האט מזכיר געווען זכות אבות. אליהו האט מתפלל געווען פאר יודען און האט אויך מזכיר געווען זכות אבות. משה האט אריינגעבראכט אין די יודישע הערצער א ליעבשאפט צום אויבערשטען, און יודען האבען געשריגען נעשה ונשמע. אליהו האט אריינגעבראכט א ליעבשאפט אין די יודישע הערצער צום אויבערשטען, און זיי האבען געשריגען יי הוא האלהים. משה האט געמאכט דאס משכן, און האט פערנומען א ארט וואס מען קאן אויסזייען צוויי מעסטלעך תבואה. אליהו האט אויפגעשטעלט דאס מזבח ביי דעם הר הכרמל, און האט געמאכט ארום א גראבען, אויך אויף א פערנעם וואס מען קאן אויסזייען צוויי מעסטלעך תבואה. משה האט געמאכט אראבניידערן פייער פון הימעל פאר אלע יודען. אליהו האט געמאכט אראבניידערן פייער פון הימעל פאר אלע יודען. משה האט אויפגעבויט א מזבח אויף דעם אויבערשטענס נאמען פון צוועלף שטיינער קעגען די צוועלף שבטים. אליהו האט אויך אויפגעבויט א מזבח אויף דעם אויבערשטענס נאמען פון צוועלף שטיינער קעגען די צוועלף שבטים. משה האט געשפאלטען דעם ים, און דאס זעלבע מופת האט בעוויזען נאך איהם זיין תלמיד יהושע ביי דעם ירדן. אליהו האט געשפאלטען דעם ירדן, און דאס זעלבע מופת האט בעוויזען נאך איהם זיין תלמיד אלישע:

רבי אלעזר בן פדת האט געזאגט אז אליהו הנביא האט געוואהנט אין ירושלים, און איז געזעסען צווישען די סנהדרין אין לשכת הגזית. געבוירען געווארען איז ער אין א גרויסע שטאדט פון חלק יהודה. זיין חלק נחלה האט ער געהאט צווישען צוויי שבטים, שבט בנימין און שבט יהודה, מיט פיער נעמען ווערט ער אנגערופען. יערשיה. אליה. זכרי. בני ירוחם. דער פירוש פון די נעמען איז אזוי. יערשיה. איז דער פשט געטליכער שטורם. מיינט מען אזוי. אז ווען דער אויבערשטער וויל חס ושלום ברענגען א רעש אויף דער וועלט איבער די עבירות. אליה. וזכרי. דאן איז אליהו מתפלל און איז מוזכיר זכות אבות. בני ירוחם. איז זיך דער אויבערשטער מרחם איבער זיינע קינדער, און די וועלט ווערט ניצל פון רעש:

אמאָל האָבען זיך די חכמים געשפּאַרט וועגען אליהו הנביא. טייל האָבען געזאָגט אז ער שטאַמט אַרויס פון שבט בנימין. טייל האָבען געזאָגט אַז ער שטאַמט אַרויס פון שבט גד. אין דעם איז אליהו הנביא אַריינגעקומען פאַר די חכמים און האָט זיי געפרעגט. רבותי צו וואָס קריגענט איהר איך בחנם וועגען מיר. איך קום דאָך גאָר אַרויס פון אונזער מוטער רחל'ס קינדער. האָבען די חכמים איהם אָבגעפרעגט. צי ביזט דו דען נישט קיין כהן. דו האָסט דאָך אַליין געזאָגט צו די אשה אלמנה פון שטאָדט צרפת, אַז זי זאָל קנעטען אַ טייג, און זי זאָל צום ערשטענס אַראָבנעמען אַ שטיקעל טייג צו באַקען דיר אַ קיכעל. איז דאָך דיין מיינונג געווים געוועזען אַז זי זאָל אָבשיידען חלה, און דו זאָלסט עסען די חלה. ביזט דו דאָך געוויס אַ כהן. הייגט ווי אַזוי איז דאָס מעגליך אַז דו זאָלסט אַרויסקומען פון רחל'ס קינדער. האָט אליהו זיי געענטפערט. נישט דאָס האָב איך געמיינט. איך האָב גאָר געמיינט מרמז צו זיין זיי דיזען רמז. בעוויל דאָס קינד פון דער אלמנה איז געוועזען די נשמה פון משיח בן יוסף. און מיט דעם וואָס איך האָב געזאָגט אַז זי זאָל צום ערשטען מיר באַקען אַ קיכעל, און דערנאָך זאָל זי באַקען פאַר איהר מיט איהר קינד, האָב איך געמיינט צו געבען זיי אַ ידיעה אַז איך וועל צום ערשטען נתגלה ווערען אויף דער וועלט, און דערנאָך וועט ערשט דער משיח קומען:

רבי שמעון בן לקיש האָט געזאָגט אַז פנחס איז אליהו הנביא. און אַזוי האָט דער אויבערשטער געזאָגט צו איהם, נאָך דעם וואָס ער האָט זמרי דערשטאָכען. אַזוי ווי דו האָסט געמאַכט שלום צווישען מיר און צווישען מיינע קינדער אויף דער וועלט, אַזוי ביזט דו אָנגעגרייט אויף משיח'ס צייטען זאָלסט דעמסטמאָל אויך מאַכען שלום צווישען מיר און מיינע קינדער. איבער דעם שטעהט אין די תורה ביי מעשה זמרי דער פסוק. תחת אשר קנא לאלהיו ויכפר על בני ישראל. ויכפר איז דער פשט אַז ער וועט שטענדיג מכפר זיין אויף די יודען ביז תחיית המתים. רבי אליעזר זאָגט אַז דער אויבערשטער האָט אויסגעדרעהט דעם נאָמען פון פנחס אויף דעם נאָמען אליהו הגלעדי. פאַר אַ זכר מען זאָל געדענקען אַז אין דעם געגענד וואו דער הר הגלעד געפינט זיך, דאָרט איז געשעהן מעשה זמרי, און דאָרט האָט פנחס אומגעקעהרט די יודען פון טוידט צום לעבען. און איבער דעם שטעהט דאָרט אין די תורה, תחת אשר קנא לאלהיו. איינענטליך וואָלט געדאַרפט שטעהן תחת אשר קנא לאלהים, נאָר דאָס איז אַ רמז. אַז דורך דעם וואָס פנחס האָט געצערנט אוי האָט ער זוכה געוועזען צו דעם שכר ער זאָל זיין אליהו. וואָרום „לאלהיו“ קאָנען מאַכען „לאליהו“:

דער ספר גליא רזי און אויך דער ספר עזרה מאמרות שרייבען די:

די דעות וואס זאגען אז פנחס איז אליהו. מיינען נישט פשוט. נאר זייער מיינונג איז אז פנחס זעלבסט איז נישט געוועזן בכח צו טוידטען זמרי, נאר עס איז אין איהם אריין די צוויי נשמות פון אהרן'ס קינדער נדב און אביהוא, און אויך איז אין איהם אריין דער קראפט פון אליהו הנביא, דאן האט ער ערשט געקאנט בעוויזען צו דערשטעכען זמרי. און דער ספר מגיד מישרים שרייבט אז פנחס זה אליהו מיינט מען אזוי. אז די פינף אותיות פון דעם נאמען פינחס קאנען איבערגעטוישט ווערען אויף די פינף אותיות פון דעם נאמען אליהו. און דער רבנו בחיי שרייבט אז דער נאמען אליהו האט אין זיך צוויי כחות אויף שלעכטס און אויף גוטס, איבער דעם האט אליהו הנביא בכח געהאט צו פערברענען דעם שר פון מלך אחזיה מיט זיינע פופציג מענשען. און אויך האט ער בכח געהאט מחיה מתים צו זיין:

דער ספר שלשלת הקבלה שרייבט אז אליהו הנביא איז געוועזן א תלמיד צו דעם נביא אחיה השילוני אין די לעצטע יאהרען פון שלמה המלך'ס צייטען. דאס איז געוועזן א ערך פון צוויי טויזענד נייו הונדערט עטליכע און זעכציג יאהר נאך וועלט-בעשאפונג. און עס איז דא פיעל דעות אין מדרשים וועגען דעם יחוס פון אליהו הנביא. טייל זאגען אז פון זיין פאטערס צד קומט ער ארוים פון שבט גד. און פון זיין מוטערס צד פון שבט בנימין. טייל זאגען אז ער קומט נאר ארוים פון שבט בנימין אליין, און אז ער איז געוועזן צווישען די סנהדרין, און ער האט געוואהנט אין ירושלים. און טייל זאגען אז ער איז פנחס, קומט ער דאך ארוים פון שבט לוי. טייל ווייזען אוים אז עס איז אוממעגליך אז ער זאל זיין פנחס. אבער רוב דעות איז אז ער איז יא טאקי פנחס. נסתלק געווארען איז ער לעבעדי-געהייד אין הימעל אריין אין יאהר דריי טויזענד זיבען און פערציג נאך וועלט-בעשאפונג, דאס איז געוועזן אכטצעהן יאהר וואס יהושפט מלך יהודה האט געקעניגט. און אין די ערשטע יאהרען וואס יהורם בן אחאב מלך ישראל האט געקעניגט. זיבען יאהר נאך אליהו הנביא'ס הסתלקות האט אליהו הנביא געשיקט א בריעף צו יהורם בן יהושפט מלך יהודה מיט א שלעכטע נבואה, צוליעב זיינע גרויסע זינד און בלוט פערגיסעניץ:

דער ספר סדר עולם שרייבט אז אין צווייטען יאהר וואס אחזיה בן אחאב האט געקעניגט איז אליהו הנביא נסתלק געווארען לעבעדיגערהייד אין הימעל אריין, און ער וועט זיך נישט בעוויזען בפרסום צו דער גאנצער וועלט ביז דער מלך המשיח וועט קומען. דאמאלס וועט ער נתגלה ווערען און וועט צוריק בעהאלטען ווערען. ביז גוג ומגוג וועט קומען מלחמה האל-טען מיט יודען. דאן וועט ער ווייטער נתגלה ווערען. דערווייל געפינט זיך אליהו הנביא אין הימעל און שרייבט אויף אלע זכיות פון יעדען יוד:

דער

דער ספר סודי רזי שרייבט אז אליהו הנביא איז מקריב דעם קרבן התמיד אלע טאג. און אז ער וואשט די הענד פון די הייליגע אבות אין די מערת המכפלה ווען זיי דארפען מתפלל צו זיין. און ערע מוצאי שבת קודש קלערט דאס בית דין של מעלה אריין אין דין ומשפט פון יעדער נשמה, צי איז זי שוין אבגעקומען איהר עונש אין גיהנם, צי זאל מען זי צוריק שיקען אין גיהנם אריין. און די נשמה וועלכע דארף שוין נישט צוריק געהן אין גיהנם, נעמט אליהו הנביא די נשמה און פיהרט זי אין גן־עדן אריין אויף איהר פאסענדיג ארט. און די נשמות וועלכע דארפען שוין נישט צוריק צו געהן אין גיהנם אריין אויף א גאנצע וואך, נאר אויף עטליכע טעג, נעמט אליהו הנביא אויף זיך דעם עונש צו ליידען פאר די נשמה, און איז מגין אויף די נשמה, אז מען זאל זי שוין נישט מעהר צוריק פיהרען אין גיהנם אריין. צוליעב דעם איז א מנהג אז מוצאי שבת קודש זאל מען זאגען זמירות צו געדענקען דעם נאמען פון אליהו הנביא, און אויך צו לערנען די מעשיות פון אליהו הנביא מיט זיינע תורות, כדי אליהו הנביא זאל אויף דעם מענש מלמד זכות זיין אין הימעל, ער זאל מצליח זיין:

דער ספר הפרדס שרייבט א גרויסען סוד פון סתרי תורה. אז עס געפינט זיך ווא־ נישט בפירוש אין די גאנצע תורה אז אליהו הנביא איז געבוירען געווארען פון א פאטער און מוטער. עס שטעהט נאר אז ער איז געוועזען פון די איינוואהנער פון שטאדט גלעד. אבער דער אמת איז אז פון אנהויב אן איז ער געווען א מלאך אין הימעל מיט א בעוואוסטען נאמען. נאר ווען מען האט אהם געדארפט האבען אויף דער וועלט, איז ער אראב פון הימעל און עס איז צו איהם געגעבען געווארען א גוף פון דער וועלט, ער זאל אויסזעהן אזוי ווי א מענש, כדי ער זאל קאנען זיין א נביא אויף דער וועלט. און דערסטגלייבען נאך דעם וואס ער איז ארויף אין הימעל אריין מיט א וואלקען, אז ער ווערט געברויכט אויף דער וועלט, פליהט ער אראב אויף די ערד, מאכענדיג פיער מאל מיט זיינע פליגעל. און פלעגט זיך בעווייזען צו די חכמים אין א געשטאלט פון א טערק אדער פון א רייטער. אלזא זאל קיין וואונדער נישט זיין וואס אליהו הנביא שטעהט אין א העכערע מדרגה פון אלע מענשען. און ווען דער אויבערשטער האט געוואלט בעשאפען דעם מענש, האט ער זיך פריהער בעראטהען מיט די מלאכים, צו פרובען זיי אויב עס געפינט זיך עפים ביי זיי קנאה. און עס איז טאקי געווען פיעל מלאכים וואס האבען מקטרג געווען. צו וואס דארף מען א מענש אויף די וועלט. האט דער אויבערשטער געזעהן אז זיי זאגען דאס מחמת קנאה, האט זיי דער אויבערשטער פערברענט. בעוויל ביי מלאכים דארף נישט זיין קיין קנאה ושנאה. און אליהו הנביא איז אויך דאמאלס געווען צווישען די מלאכים, אבער ער האט נישט מקטרג

געוועזען

געווען, נאר ער האט געזאגט, רבונו של עולם אויב דיר געפעלט צו בע־שאפען א מענש, געפעלט מיר אוראי. און אויב דו וועסט מסכים זיין וויל איך אראבנידערן פון הימעל און וועל איהם משמש זיין. האט דער אויבער־שטער צו איהם געזאגט. יא גוט, נאר אז ווען דו וועסט אראבנידערן זאל דארט דיין נאמען נישט גערופען ווערען מיט דעם נאמען פון מלאך, נאר דארט זאל דיין נאמען גערופען ווערען מיט א נאמען פון א מענש. און אזוי האט טאקי אליהו געטהון, ער איז אראב אין דער צייט פון די יודישע מלכים, און איז גערופען געווארען מיט דעם נאמען אליהו הנביא, און האט מחזק געווען די געטליכע אמונה אויף דער וועלט ביי דעם הר הכרמל פאר דעם מלך אחאב. דערנאך האט איהם דער אויבערשטער צוריק גענומען אין הימעל ארייך, און האט צו איהם אזוי געזאגט. דו זאלסט זיין דער אכטונג־געבער אויף מיינע קינדער שטענדיג. און דו זאלסט שטענדיג מחזק זיין מיין אמונה אויף די וועלט. און דאס האט אליהו גע־מיינט וואס ער האט געזאגט צום אויבערשטען די ווערטער. ביי דעם הר הכרמל. וכדברך עשיתי. דאס מיינט מען, איך האב געטהון אזוי ווי דו האסט מיך געהייסען נאך איידער איך האב אראבגענידערט אויף דער וועלט, אזוי האב איך מקיים געווען:

רבי נתן האט געפרעגט צו רבי יוסי בן חנינא. אויב אליהו הנביא האט געהאט עפיס קינדער צי נישט. האט רבי יוסי איהם געענטפערט, אז אליהו איז געווען אינגאנצען אויסגעטהיילט פון אזעלכע ענינים. און עס שטעהט אל תגעו במשיחי ובנביאי אל תרעו. אל תרעו מיינט מען אז מען זאל זיך נישט חבר'ן, צוגלייכען זיך צו די נביאים, וואס דער אויבערשטער האט זיי אבגעשייט פון אלע יודען, און האט זיי אריינגעבראכט אין זיין היכל ארייך. מכל שכן נאך אליהו הנביא, וואס ער איז ביי זיין לעבען איבערגעקעהרט געווארען אויף א מלאך אין הימעל, איז אויף איהם אודאי קיין קשיא נישט צו פרעגען:

# צווייטע אבטיילונג.

## דאס ערשיינונג פון אליהו הנביא אין דער צייט פון די יודישע מלכים, און זיין הסתלקות.

אין די צייטען פון אחאב מלך ישראל איז אליהו הנביא געשיקט געווארען פון אויבערשטען צום מלך אחאב. צו שטראפען איהם און צו ווייזען איהם גרויסע מופתים. כדי ער זאל וויסען אז דער הייליגער בעשעפער פיהרט די גאנצע וועלט מיט א השגחה פרטית אויף יעדען בעשעפעניש. דען דער מלך אחאב איז געוועזען זעהר זינדיג, פיעל מעהר ווי די אלע מלכים וועלכע האבען געקעניגט פאר איהם. קאלע געווארען איז ער אזוי שטארק דורך זיין ווייב איזבל, וועלכע איז געוועזען א מלך'ס א טאכטער פון א פרעמדע אומה געצען-דיענערס. האט זי איהם אנגערעדט ער זאל איינפיהרען ביי יודען, זיי זאלען דיענען צו דער עבודה זרה בעל און צו דער עבודה זרה אשרה. צו דער זון און צו די לבנה. אנגעהויבען האט זיך די מעשה אזוי. דער מלך אחאב האט געהאט א לייבליבען גוטען-פריינד, מיט דעם נאמען חיאל, וועלכער איז געוועזען א הויפט-פיהרער צו דער עבודה זרה בעל. און איז געוועזען געזעצט איבער דעם מלך'ס אוצרות. און ווען יהושע בן נון, וועלכער האט געקעניגט איבער יודען נאך משה רבינו, האט איינגענומען די שטאדט יריחו, האט ער די שטאדט חרוב געמאכט אויף עוויג, און האט גיזר געווען אויף יודען, זיי זאלען זיך קיין-מאל נישט דערוועגען צוריק אויפצובויען די שטאדט. דערביי האט יהושע צוגעגעבען א קללה אז דער מענש וואס וועט אויפבויען די שטאדט, זאל בעגראבען אלע זיינע קינדער. ביי דעם פונדאמענט פערלעגען זאל ער בעגראבען דאס עלטסטע קינד, און ביי די טהויערן ארייננשטעלען דאס יונגסטע קינד. דער חיאל האט נישט געקוקט אויף די גזרה און אויף די קללה. און האט אויפגעבויט די שטאדט יריחו. מסתמא זענען די הוצאות געגאנגען פון מלך אחאב'ס אוצר, ווייל די שטאדט איז געשטאנען ביי דער גרענעץ פון זיין לאנד אויף א גוטען האנדעלס-פונקט, וואס צוויי גרויסע טייכען זענען זיך צוזאמען-געקומען. איין טייך האט זיך געצויגען ביז דעם ירדן, און דער צווייטער טייך האט זיך געצויגען ביז דעם ים המלח. די קללה איז טאקי פינקטליך מקוים געווארען ביי דעם חיאל. ווען ער האט פערלעגט דעם פונדאמענט האט ער בעגראבען דעם עלטסטען זוהן אבירם. און

זיין

ווען ער האט ארייננעשטעלט די טהויערן האט ער בעגראבען דעם יונג־סטען זוהן שגוב :

דאמאלס איז נעגאנגען דער מלך אחאב צו חיאל'ן מנחם אבל זיין . אין די זעלבע צייט האט דער אויבערשטער געזאגט צו אליהו הנביא . נעה דו אויך צו חיאל'ן , וועסט דו דארט טרעפען דעם מלך אחאב , און זאלסט זיי ביידע מוסר זאגען . האט אליהו נעענטפערט . עס איז מיר שווער צו נעהן צו זיי . ווארום געוויס וועלען זיי מיר ענטפערן שלעכטע רייד דיך צו דערצערנען , און איך וועל נישט קאנען סובל זיין זייערע רייד . חעט דאך פון דעם קיין גוטס נישט ארויסקומען . האט דער אויבערשטער געזאגט צו אליהו . זאלסט יא געהן , און אויב זיי וועלען דיר ענטפערן שלעכטע רייד מיך צו דערצערנען , זאג איך דיר צו , אז וואס דו וועסט נוזר זיין וועל איך מקיים זיין . איז אליהו הנביא נעגאנגען צו חיאל'ן , און האט מאקי דארט געטראפען דעם מלך אחאב . זיי זענען אריין־געגאנגען אין א שמועס וועגען די שטאדט יריחו . האט אליהו זיי מוסר געזאגט , פאר וואס זיי האבען עובר געוועזן אויף יהושע'ס גזרה , און דורך דעם איז מקוים געווארען יהושע'ס קללה אויף חיאל'ס קינדער . האט דער מלך אחאב גע־פרעגט צו אליהו . זאג מיר ווער איז גרעסער , צי משה רבנו צי זיין תלמיד יהושע . הייסט אז די קללות פון משה ווערען נישט מקוים . ווי אזוי קאנסט דו זאגען אז די קללה פון זיין תלמיד יהושע איז יא מקוים געווא־רען . משה רבנו האט דאך אנגעשריבען אין די פרשה פון קריאת שמע , אז אויב יודען וועלען דינען די עבודה זרה , וועט קיין רעגען נישט זיין . און איך האב אנגעשטעלט אויף אלע פע'רער בילדער פון דער עבודה זרה , און איך געה אלע טאג מיך בוקען צו די בילדער , צום סוף נעהט געגוג רעגען , זעהסט דו דאך אז די קללה פון משה ווערט נישט מקוים , זאגסט דו אז די קללה פון יהושע איז יא מקוים געווארען . ווי אזוי קאן דאס זיין . ווי אליהו האט דאס נעהערט האט ער געזאגט צום מלך אחאב . אז דו זאגסט יא אזוי , שווער איך ביי דעם אויבערשטענס נאמען , אז פון היינט אן וועט שוין מעהר קיין רעגען נישט געהן אהן מיין רשות . נאך דעם האט אליהו פערלאנגט פון אויבערשטען , מען זאל איהם געבען דעם שליסעל פון רעגען . דאן האט דער אויבערשטער איהם איבערגעגעבען דעם שליסעל פון רעגען , און האט צו איהם אזוי געזאגט . נעה בעהאלט דיך פאר דעם מלך אחאב אין דעם טאהל כרית , נעבען דעם ירדן , צווי־שען די בוימער . און איך האב בעפוילען אויף די קראהען־פויגעל , זיי זאלען דיך שפייזען . אליהו איז דארט אהין געגאנגען און האט זיך דארט בעהאלטען . די קראהען־פויגעל האבען איהם געבראכט אלע טאג ברויט מיט פלייש אין דער פריה . און ברויט מיט פלייש אין אבענד , און ער האט געטרונקען טייך־וואסער . דארט האט אליהו פערברענגט א לאנגע צייט .

ביז דער טייך האָט אויסגעטריקענט, צוליעב דעם וואָס קיין רעגען איז נישט געגאנגען, האָט אליהו נישט געהאַט קיין וואַסער צו טרינקען. און עס איז געוואָרען אַ גרויסער הונגער אין לאַנד.

אזוי ווי דער אויבערשטער האָט געזעהן אַז עס איז דאָ גרויס צער ביי די יודען, האָט ער זיך אָנגעהויבען צו דערבאַרמען אויף זיי, און האָט געמאַכט אַ סבה. אַז אליהו הנביא זאָל פון זיך זעלבסט אָבגעבען דעם שליסעל פון רעגען. דאַן האָט דער אויבערשטער אַזוי געזאָגט צו אליהו הנביא, שטעה אויף און געה צו דער שטאָדט צרפת, וועלכע געהער צו צידון. דאָרט וועסט דו דיך אויפהאַלטען ביי אַ אשה, וועלכע איז אַ אַלמנה, און זי וועט דיך שפייזען. אליהו הנביא איז דאָרט אהין געגאַנגען. און אַזוי ווי ער איז אָנגעקומען צו דעם טויער פון די שטאָדט האָט ער דעריזעהן אַ אשה אַלמנה קלויבט האָלץ צום ברענען. אליהו האָט באַלד פערשטאַנען אַז ביי די אַלמנה דאַרף ער זיך אויפצוהאַלטען. האָט ער פערלאַנגט פון איהר זי זאָל איהם געבען אַ טרונק וואַסער. נאָך דעם האָט ער געבעטען זי זאָל איהם געבען ברויט צו עסען. האָט די אשה געשוואָרען אַז עס געפינט זיך נישט אין איהר שטוב קיין ברויט, נאָר אַ ביסעל מעהל מיט אַ קריגעלע בוימאייל. און צוליעב דעם קלויבט זי אַ ביסעל האָלץ, זי זאָל האָבען אָנצוקאָכען עטוואָס עסען פאַר איהר מיט איהר זוהן. דערביי האָט זי נאָך געזאָגט. ווער ווייסט אויב נאָך דעם וועט איהר נישט אויסקומען צו שטאַרבען פאַר הונגער מיט איהר קינד. האָט אליהו צו איהר געזאָגט. פאַר דעם זאָלסט דו קיין מורא נישט האָבען, נאָר מאַך פון דעם מעהל פאַר מיר אַ קיכעל צום ערשטען. און דערנאָך וועסט דו פון די רעשט מעהל מאַכען עסען פאַר דיר מיט דיין קינד. דען איך זאָג דיר צו, אַז דער אויבערשטער וועט אַריינשיקען זיין ברכה אין דעם פעכעלע מעהל מיט דעם קריגעלע בוימאייל, אַז עס וועט קיין־מאָל נישט פעהלען פון זיי קיין מעהל מיט בוימאייל. די אשה האָט געטהון אַזוי ווי אליהו האָט איהר געהייסען, און זי האָט געלעבט אַ גאַנץ לאַנגע צייט פון דעם פעסעלע מעהל מיט דעם קריגעלע בוימאייל, אין וועלכען די ברכה איז אַריינגעקומען, אַזוי ווי אליהו האָט געזאָגט:

נאָך דעם איז קראַנק געוואָרען דער זוהן פון די אַלמנה. דאָס שלאַפקייט האָט זיך געשטאַרקט ביז דאָס קינד האָט שוין געהאַלטען ביי אָבשטאַרבען. האָט די אשה אָנגעהויבען שטורמען אויף אליהו און זי האָט צו איהם אַזוי געזאָגט. צו וואָס ביזט דו געקומען צו מיר צו מאַכען געדענקען מיינע זינד און צו טויטען מיין זוהן. ווארום איידער דו ביזט צו מיר געקומען האָט דער אויבערשטער געזעהן מיינע מעשים און די מעשים פון די שטאָדט־מענשען, זענען דאָך מיינע

מעשים

מעשים פיעל בעסער פון זייערע מעשים. אבער יעצט אז דו ביזט ביי מיר זענען דאך מיינע מעשים נאר נישט השוב ביי דעם אויבערשטען קענען דיינע מעשים. דורך דעם זענען מיינע זינד געדענקט געווארען אין הימעל, אז מיין קינד זאל דורך זיי געשטראפט ווערען. און אויך דארפסט דו איבער-קלערען, אז דורך מיין קינדס טוידט וועלען אלע מענשען רעדען פון אונזער זינד, זיי וועלען זאגען אז דו ביזט געקומען צו מיר וועגען זנות, דורך דעם איז אויסגעגאסען געווארען דער צארן אויף מיין קינד, וועט דורך דיר דעם אויבערשטענס נאמען פערשוואכט הערען. אליהו האט זעהר באנג געטהון אויף די שארפע רייד פון דער ביטערע אלמנה. האט ער גענומען דאס טוידטע קינד און האט עס ארויפגעבראכט צו זיך אין זיין שטיבעל אריין, וועלכעס איז געוועזען אויף דעם שטאק אין דער הויך, און האט אנידער-געלעגט דאס קינד אויף זיין בעט. נאך דעם האט ער זיך אנידער-געשטעלט מתפלל זיין פאר דעם אויבערשטען און האט געזאגט. רבונו של עולם, צי אויף די אלמנה וואס איך האלט מיך אויף ביי איהר גיסט דו אויך אוים דיין צארן צו טוידטען איהר זוהן. שטעהט אין הייליגען זוהר, רבי יוסי זאגט, אזוי האט אליהו הנביא פארגעלעגט א טענה פאר'ן אויבערשטען. ווייל דער אויבערשטער האט דאך צוגעזאגט אליהו, אז אזוי ווי ער וועט קומען אין שטאדט צרפת, געפינט זיך דארט א אלמנה וועלכע וועט איהם שפייזען, און ער וועט זיך קאנען ביי איהר אויפהאלטען. אלזא האט אליהו געזאגט. דאס איז דאך בעוואוסט, אז דער וואס שפייזט דעם נויטבעדערפטיגען, מכל שכן נאך ווען עס איז הונגער אויף דער וועלט, ווערט דיזער מענש אנגעקניפט אין עץ החיים, און ברענגט לעבען פאר זיך מיט זיינע קינדער. און ווער עס דערהאלט א נפש אויף דער וועלט איז זוכה אנגעקניפט צו ווערען אין עץ החיים. היינט פאר וואס זאל אצונד געוועלטיגען דער עץ המות דער מדת הדין אויף דער אלמנה, וועלכע דו האסט אויף איהר בעפוילען זי זאל מיך שפייזען. און דורך איהר ביטער הארץ, איבער די צרה פון איהר זוהן, האט זי קענען מיר אזעלכע שארפע רייד גערעדט. אלזא בעט איך דיך, לאז דאס נפש פון דעם קינד צוריק געהן אין זיין לייב אריין. און לאז די וועלט וויסען אז עס קאן זיין תחיית המתים. נאך די תפלה האט זיך אליהו ארויפגעשפרייט מיט זיין פנים אויף דעם קינד'ס פנים דריי מאל. און האט ווייטער מתפלל געוועזען אז דאס קינד זאל צוריק לעבעדיג ווערען. האט דער אויבערשטער געזאגט צו אליהו. זאלסט וויסען אז דריי שליסלען ווערען נישט פון מיר איבערגעגעבען אין א שליח'ס האנד. פון א געווי-נערין, פון רעגען, פון תחיית המתים. היינט אז איך וועל דיר שליסעל פון תחיית המתים אויך. וועט מען זאגען אז צוויי אין דער האנד פון תלמיד, און איין שליסעל איז אין דער אלזא גיב מיר צוריק דעם שליסעל פון רעגען, און ני·

תחיית המתים. האט אליהו אזוי געטהון. דאן האט דער או־געטהון זיין בקשה, און דאס קינד איז צוריק לעבענדיג געווארען. אליהו אבגעגעבען דאס קינד צו זיין מוטער און האט צו איהר געזאגט. זעהסט אז דיין זוהן איז געבליבען לעבען. האט די אשה איהם געענט־פערט, אצונד ווייס איך אז דו ביסט באמת א געטליכער מענש:

ווען אליהו הנביא האט אבגעגעבען אין הימעל דעם שליסעל פון רעגען. איז שוין געוועזען דאס דריטע יאהר וואס קיין רעגען איז נישט גע־גאנגען. דער הונגער איז זעהר שטארק געוועזען אין לאנד. דאן האט זיך דער אויבערשטער דערבארעמט איבער זיין פאלק און האט געזאגט צו אליהו. געה בעוויז דיך פאר דעם מלך אחאב. און אזוי ווי דורך דיר איז דער רעגען אויפגעהאלטען געווארען, אזוי וועל איך דורך דיר צוריק אנהויבען צו געבען רעגען. איז אליהו געגאנגען בעוויזען זיך צו דעם מלך אחאב. אין דער זעלבער צייט האט דער מלך אחאב ארויסגעשיקט זיין שר עובדיה, וועלכער איז געוועזען געזעצט איבער דעם מלך'ס הויף, אז ער זאל געהן זוכען א פעלד מיט גראז, מען זאל דארט קאנען פאשען בהמות. און אחאב זעלבסט איז אויך געגאנגען זוכען א פאשע אויף אנ־אנדערן וועג. עובדיה האט געטראפען אליהו'ן אויפ'ן וועג, איז עובדיה געפאלען אויף זיין פנים פאר אליהו און האט געזאגט. צי ביזט דו טאקי מיין הערר אליהו. האט אליהו געענטפערט. אז ער איז טאקי אליהו, און האט באלד גוזר געוועזען אויף עובדיה ער זאל שוין געהן צום מלך אחאב, און זאל איהם זאגען אז ער האט געטראפען אליהו הנביא אויפ'ן וועג. און אז אליהו האט געזאגט אז נאך אין היינטיגען טאג וועט ער זיך בע־וויזען פאר דעם מלך. עובדיה האט אזוי געטהון. דאן איז דער מלך אחאב אקעגען געגאנגען צו טרעפען אליהו. אזוי ווי אחאב האט געטראפען אליהו, האט ער צו איהם א געשריי געטהון. דו ביזט דאס דער עוכר ישראל, וואס דו האלטסט אויף דעם רעגען. האט אליהו איהם געענט־פערט. איך האב קיין־מאל נישט פערפינסטערט די יודען, אבער דו מיט דיינע הויז־מענשען האבען יא פערפינסטערט די יודען, מיט דעם וואס איהר האט זיי געמאכט אבקעהרען פון אונזער גאט, זיי זאלען געהן דינען די עבודה זרה בעל. אצונד מוז דאס געצען־דינעריי נעמען א סוף. געה זאמעל איין אלע יודען זיי זאלען זיך צוזאמען־קומען צום „הר הכרמל" און דו מיט אלע נביאים פון דער עבודה זרה בעל זאלט איהר אויך אהין קומען. דאן וועל איך האבען מיט זיי א ויכוח פאר אלע יודען, און וועל אויסווייזען אלע זאלען זעהן ווער עס פיהרט די וועלט. און נאך דעם וועט שוין די ערד געהאלפען ווערען מיט רעגען:

דורך אחאב'ס בעפעהל האט זיך פערזאמעלט א גרויסע עדה פון פיעל

פיעל טויזענדער יודען אויף א בעשטימטען טאג. און אחאב האט מיט זיך
גענומען אלע נביאי הבעל, פיער הונדערט און פופציג מאן. אלע האבען
זיך פערזאמעלט צום הר הכרמל. דאן איז אליהו אנגעקומען און האט אוים-
געריפען פאר דעם גאנצען פאלק די ווערטער. „יודען! ביז ווי לאנג וועט
איהר צווייפלען מיט צווייערליי געדאנקען, און איהר ווילט נישט גלויבען
באמונה שלימה, אז אויסער דעם יודישען גאט, וועלכער איז דער איינצי-
גער היילינער בעשעפער פון דער גאנצער וועלט, איז קיין שום אנדערער
גאט נישט פערהאנען". אלע יודען האבען געשוויגען און האבען איהם גאר
נישט געענטפערט. דאן האט זיך אליהו אויסגעדרעהט צו די נביאי הבעל
און האט צו זיי אזוי געזאגט. „איך בין געבליבען דער איינציגער נביא
צו אונזער גאט. און איהר נביאי הבעל זענט דא פיער הונדערט און פופ-
ציג מאן, לאז צו אונז געגעבען ווערען צוויי אקסען. איהר זאלט אייך
נעמען איין אקס מקריב צו זיין א קרבן פאר דעם בעל, און קיין פייער
זאלט איהר נישט מאכען, איך וועל אויך נעמען איין אקס מקריב צו זיין א
קרבן פאר דעם יודישען גאט, און איך וועל אויך קיין פייער נישט מאכען.
איהר וועט רופען צו דעם בעל ער זאל שיקען פייער צו פערברענען זיין
קרבן און איך וועל רופען צו מיין גאט ער זאל שיקען פייער. און ווער
עס וועט ענטפערן מיט פייער, וועט מען וויסען אז ער איז דער אמת'ר
גאט". אויף די ווערטער האט דאס גאנצע פאלק געענטפערט, אז עס איז
ריכטיג אזוי. באלד איז אויסגעקליבען געווארען צוויי אקסען א צווילינג,
וועלכע זענען אויפגעהאדעוועט געווארען אויף איין קארימע. און מען
האט געווארפען גורל, אויף איין אקס פאר דעם יודישען גאט, און אויף
איין אקס פאר דעם בעל. אז אליהו האט זיך גענומען זיין אקס איז דער
אקס באלד איהם נאך-געגאנגען, און אז די נביאי הבעל האבען געוואלט
נעמען זייער אקס, האט דער אקס נישט געוואלט ריהרען זיך פון ארט.
אלע נביאי הבעל זענען צוגעגאנגען צום אקס, און האבען נישט געקאנט
אפילו קיין פום רוקען פון ארט. ביז אליהו איז צוגעגאנגען צום אקס און
האט איהם געזאגט, ער זאל געהן מיט זיי. דאן האט דער אקס געענט-
פערט צו אליהו פאר דעם גאנצען פאלק, און האט אזוי געזאגט. „איך מיט
מיין חבר זענען פון איין בויך געבוירען, און אויף איין פאשע געפאשעט,
און פון איין קארימע געגעסען, צום סוף געהט ער פאר א קרבן צום היילינען
יודישען גאט, און דעם אויבערשטענס נאמען וועט דורך איהם געהייליגט
ווערען, און איך פאר וואס זאל איך אויפגעברענגט ווערען פאר א קרבן
צום בעל, צו דערצערנען מיין בעשעפער". האט אליהו געזאגט צום
אקס. „געה יא מיט זיי, לאזען זיי נישט האבען קיין אויסרייד. און אזוי ווי
דעם אויבערשטענס נאמען וועט ווערען געהייליגט דורך מיין קרבן, אזוי
וועט ער ווערען געהייליגט דורך דיר אויך". האט ווייטער דער אקס גע-
זאגט צו אליהו. „אז דו גיבסט מיר יא אזא עצה, שווער איך אז איך

זאָל מיך נישט ריהרען פון אָרט, ביז דו זעלבסט וועסט מיך איבערענטפערן אין זייערע הענד״, באַלד האָט אליהו אַזוי געטהון, און די נביאי הבעל האָבען גענומען דעם אָקס פון אליהו'ס האַנד, און האָבען איהם אויפגעברענגט פאַר אַ קרבן. נאָך דעם האָבען זיי אָנגעהויבען צו רופען צום בעל פון דער פריה ביז מיטאָג, אַז דער בעל זאָל זיי ענטפערן מיט פייער, אָבער זייער רופען איז געווען אומזיסט. זיי האָבען אָנגעהויבען ארומצושפרינגען און צו טופען מיט די פיס אויף דעם מזבח, וועלכעס חיאל, דער שר פון מלך אַחאָב, האָט איהם געמאַכט הויל פון אונטען, און חיאל זעלבסט האָט זיך בעהאַלטען אונטערן מזבח מיט פייער־געציג, און די נביאי הבעל האָבען זיך מיט איהם בעשטעלט, אַז אַזוי ווי ער וועט הערען שפרינגען און טופען מיט די פיס אויף דעם מזבח, דאַן זאָל ער מאַכען פייער. אָבער דער אויבערשטער האָט אויף איהם אָנגעשיקט אונטערן מזבח אַ שלאַנג, וועלכער האָט איהם אַ ביס געטהון און איז באַלד דאָרט געשטאָרבען. די נביאי הבעל האָבען פון דעם נישט געוואוסט האָבען זיי גערעכענט אַז חיאל הערט נישט, האָבען זיי אָנגעהויבען אַרע מאָל העכער צו ליאַרמען צו שרייען צו שפרינגען צו טופען מיט די פיס אויף דעם מזבח, און האָבען זיך צושטאָכען מיט שווערדען מיט שפיזען, ביז דאָס בלוט האָט גין זיי גערונען. אָבער דאָס איז אַלס געווען אומזיסט. דאַן האָט אליהו אָנגעהויבען שפעטען פון זיי און האָט צו זיי געזאָגט. „פרובט נאָך העכער צו שרייען, אפשר שלאָפט אַצונד דער בעל וועט ער אויפקומען. אָדער אפשר איז ער ערגיץ אין וועג וועט ער אַהיים קומען״. און דער אויבערשטער האָט אויף דער שעה שטיל געמאַכט די גאַנצע וועלט, די אויבערשטע בעשעפענישען מיט די אונטערשטע. די וועלט האָט דאַמאָלס אויסגעזעהן ווי פערוויסט, גלייך עס וואָלט נישט געווען קיין לעבעדיג בעשעפעניש אויף דער וועלט. דען ווען עס וואָלט עמיצער דאַן געמאַכט הערען עפיס אַ קול, וואָלטען די נביאי הבעל געווען געזאָגט אַז אָט האָט דער בעל אונז געענטפערט, אָבער אַצונד זענען זיי שוין פערשעמט געוואָרען פון זייער האָפנונג, און זיי האָבען שוין פערשטאַנען אַז זייער קלאָג איז פאַרטיג:

נאָך דעם האָט אליהו אויסגערופען אַז דאָס גאַנצע פאָלק יודען וואָס האָבען זיך דאָרט געפונען זאָלען נעהנטער צוגעהן צו איהם. און אליהו האָט גענומען צוועלף שטיינער, קעגען די צאָהל פון צוועלף שבטים, יעקב'ס קינדער. פון די שטיינער האָט ער אויפגעמויערט אַ מזבח אין גאָט'ס נאָמען. אַרום דעם מזבח האָט ער געמאַכט אַ גראָבען פון אַ שטח וואָס מען קען אויסזייען צוויי מעסטלעך תבואה. נאָך דעם האָט ער אַרויסגעלעגט האָלץ, און האָט צורעכט געמאַכט דעם אָקס, און האָט איהם צושניטען אויף שטיקער, און אַרויפגעלעגט אויף דעם האָלץ. און אליהו האָט געזאָגט

געזאגט צו זיינע תלמידים, ברענגט פיער קריגען וואסער און גיסט אויס
אויף דעם קרבן עולה און אויף דעם האלץ. אזוי האט ער זיי געהייסען
דריי מאל טהון. נאך דעם האט אליהו ווייטער אויסגערופען צו זיינע
תלמידים. אז ווער עס האט וואסער זאל אהערקומען גיסען אויף זיינע הענד,
דאן איז צוגעקומען אלישע און האט געגאסען וואסער אויף אליהו'ס הענד,
זענען אליהו'ס פינגער געווארען אזוי ווי קוואלען וואסער, און דאס גאנצע
ארט ארום מיט דעם גראבען איז דערפילט געווארען מיט וואסער. ווען
עס איז געקומען די צייט פון מנחה דאווענען, האט אליהו אנגעהויבען
מתפלל צו זיין פאר דעם אויבערשטען און האט אזוי געזאגט. „רבונו של
עולם וואס דו ביזט דער גאט פון אברהם יצחק ויעקב, היינט וועט בע-
וואוסט ווערען אז נאר דו ביזט דער גאט פון יודען און איך בין דיין קנעכט.
און לויט דיינע רייד האב איך געטהון די אלע זאכען, איך בעט דיך, ענט-
פער מיר גאט אין מיין זכות, ענטפער מיר אין זכות פון מיינע תלמידים, אז
עס זאל אראבקומען פון הימעל א פייער אויף דעם מזבח, אזוי נאך אז
קיינעם זאל נישט איינפאלען צו זאגען אז דאס איז מעשה כשפים, און לאז
דאס פאלק וויסען אז נאר דו ביזט דער איינציגער גאט פון דער גאנצער
וועלט, און לאזען זיי זעהן דיין ליעבשאפט צו זיי, אז דו אליין ציהסט צוריק
זייערע הערצער זאלען זיך צוריק אומדרעהען צו דיר צו דיענען דיך”,
אזוי ווי אליהו האט אויפגעהערט מתפלל צו זיין איז אראב א פייער פון הימעל,
און עס האט פערברענט דעם קרבן עולה מיט דעם האלץ מיט די שטיינער
מיט די ערד פון מזבח, און דאס וואסער פון דעם גראבען ארום האט אויך
דאס פייער אויסגעלעקט. אזוי ווי דאס פאלק האט דערזעהן דאס פייער,
זענען אלע געפאלען אויף זייער פנים און האבען געשריגען. „דער גאט איז
דער הערשער פון די וועלט! דער גאט איז דער הערשער פון די וועלט!”
און אליהו האט באלד געהייסען האפען אלע נביאי הבעל, און מען האט
זיי אראב-געפיהרט צום טייך קישון, דארט האט מען זיי אלע אויסגעשחטען.
נאך דעם האט אליהו געזאגט צום מלך אחאב. געה עסען און טרינ-
קען, ווארום איך הער שוין דעם גערויש פון רעגען. און אליהו איז ארויפ-
געגאנגען אויף דעם שפיץ פון הר הכרמל און האט דארט מתפלל געווען
אויף רעגען. דער הימעל איז באלד בעדעקט געווארען מיט וואלקענס,
און עס האט זיך געמאכט א ווינד מיט א גרויסען רעגען. נאך דעם איז
אחאב אהיים געריטען קיין יזרעאל. אליהו האט געוואלט אבגעבען אחאב'ן
כבוד פון א מלך, האט דער אויבערשטער געגעבען צו אליהו א
כח וגבורה, און ער האט זיך גוט אונטערגעגארטעלט זיינע לענדען,
און איז געלאפען פאראויס פאר דעם מלך ביז ער איז געקומען
קיין יזרעאל:

ווען איזבל אחאב'ס ווייב האט זיך דערוואוסט, אז אליהו האט אום-
געברענגט

געבּרענגט אלע נביאי הבעל, איז זי זעהר בּייז געוואָרען, און זי האָט בּעשטימט אליהו אויך אומצוברענגען. אליהו האָט זיך פון דעם בּאַלד דערוואוסט, האָט ער פאַר איהר מורא געקריגען. רבי חייא האָט געפרעגט, אז אליהו איז יאָ אַזוי גרויס געווען, און וואָס ער האָט גוזר געווען האָט דער אויבּערשטער בּאַלד מקיים געווען, פאַר וואָס זשע האָט ער מורא געקריגען פאַר איזבל'ן. האָט רבי יוסי איהם געענטפערט. דאָס איז דאָך בּעוואוסט, אז די צדיקים ווילען נישט מטריח זיין דעם אויבערשטען מיט מעשה נסים, דאָ וואו דער געפאַהר איז אַ נעוועהנטליכער און אַ אַנזעהעוודיגער פאַר יעדענס אויגען. אַזוי ווי מיר געפינען בּיי שמואל הנביא, אז ער האָט געזאָגט צום אויבערשטען. „איך האָב מורא צו געהן זאַלבּען דוד'ן פאַר אַ מלך, וואָרום אַז שאול המלך וועט פון דעם זיך דערוויסען וועט ער מיך הרג'נען". האָט איהם דער אויבערשטער אויף דעם געענטפערט, ער זאָל מיטנעמען אַ קאַלבּ און זאָל זאָגען אַ אויסרייד, אַז ער געהט נאָר מקריב זיין דאָרט אַ קרבּן. דאָס איז געווען צוליעב דעם בּיי ווייל דאָרט איז געווען אַ בּעוואוסטע סכּנה, האָט שמואל נישט געוואָלט מטריח זיין דעם אויבערשטען מיט מעשה נסים, אַזוי דאָ האָט אליהו נישט געוואָלט מטריח זיין דעם אויבערשטען מיט מעשה נסים, נאָר ער האָט מתפלל געווען אויף די צרה. האָט דער אויבערשטער איהם געענטפערט. צי בּיזט דו בּעסער פון די אבות. עשו האָט געוואָלט הרג'נען יעקב'ן, איז יעקב ענטלאָפען און איז ניצל געוואָרען. פרעה האָט געוואָלט הרג'נען משה'ן, איז ער ענטלאָפען און איז ניצל געוואָרען. שאול האָט געוואָלט הרג'נען דוד'ן, איז ער ענטלאָפען און איז ניצל געוואָרען. אַזוי דאַרפסט דו פון זיי זיך אָבּצולערנען אַז מען דאַרף אַמאָל ענטלויפען. אליהו איז בּאַלד ענטלאָפען פון דאָרט און איז געקומען אין די מדבּר בּאר שבע זעהר מיעד, און האָט געבּעטען אויף זיך דעם טוידט. ער האָט זיך געלעגט אַבּרוהען אונטער אַ בּוים און איז ענטשלאָפען געוואָרען. דאַן איז געשיקט געוואָרען צו איהם אַ מלאך פון הימעל, וועלכער האָט איהם אויפגעוועקט פון שלאָף, און האָט איהם געבּראַכט אַ געבּאַקען קיכעל מיט אַ קריגעל וואַסער. דער מלאך האָט צו איהם געזאָגט, שטעה אויף עסען, דען דו האָסט נאָך פון דאַנעט צו געהן אַ ווייטען וועג. אליהו איז אויפגעשטאַנען און האָט געגעסען און געטרונקען. נאָך דעם עסען איז ער געגאַנגען פערציג טעג און פערציג נעכט אָהן עסען און אָהן טרינקען, בּיז ער איז געקומען צום הר חורב, און האָט דאָרט גענעכטיגט אין דער הייל. דאַן האָט אליהו געהערט אַ קול פון אַ גרויסען שטורם, האָט ער פערשטאַנען אַז די הייליגע שכינה געהט פערבּיי. האָט אליהו זיך פערהילט דאָס פנים מיט זיין אויבער-מלבּוש, און איז אַרויסגעגאַנגען פאַר די טהיר פון די מערה. און האָט זיך דאָרט אַנידערגעשטעלט. האָט ער געהערט אַ קול וואָס האָט איהם געפרעגט. וואָס טהוסט דו דאָ אליהו. האָט ער געענטפערט. איך האָבּ געצאָרנט פאַר דיין כּבוד'ס

וועגען

וועגען. דען די יודען האבען פערלאזט דיין הייליגען ברית, דיינע מזבחות האבען זיי צופיהרט, דיינע נביאים האבען זיי געהרג'עט מיט די שווערד, און איך אליין בין איבערגעבליבען, ווילען זיי מיר אויך דאס לעבען נעמען. דאן האט דער אויבערשטער אנגעהויבען איהם צו טרייסטען מיט גוטע רייד און האט צו איהם אזוי געזאגט. זעה נאר ווען איך האב אראבגענידערט אויף דיזען בארג צו געבען יודען די תורה, האב איך מיטגענומען מיט מיר נאר אזעלכע מלאכים, וועלכע האבען נאר פערלאנגט גוטס פאר יודען, און דו ווילסט גאר נישט מלמד זכות זיין אויף יודען. אליהו האט זיך אבער געהאלטען ביי זיין דעה, און האט נאך איינמאל איבערגע'חזר'ט זיינע ערשטע רייד. אז דער אויבערשטער האט געזעהן דעם צארן פון אליהו אויף די יודען, האט ער געזאגט צו אליהו, איך זעה אז דו ביזט עביג א צערנער אויף יודען, אין שטים האסט דו געצארנט אויף יודען וועגען זנות, אצונד צערנסט דו אויף יודען, אז זיי האבען פערלאזט מיין הייליגען ברית, און ווילען נישט מל זיין זייערע קינדער. פאר דאס זאג איך דיר, אז ווי לאנג דו וועסט לעבען, וועלען יודען נישט מאכען קיין ברית מילה, ביז דו וועסט אליין זעהן מיט דיינע אויגען. פון די רייד וואס דער אויבערשטער האט אזוי געזאגט צו אליהו. האבען די חכמים מתקן געווען, אז מען זאל אויף יעדען ברית אנגרייטען א בעזונדערע שטוהל פאר אליהו הנביא, וואס ער ווערט אנגערופען מלאך הברית. און דאמאלס האט דער אויבערשטער געזאגט צו אליהו, געה צוריק אין די מדבר דמשק, און זאלסט זאלבען אלישע בן שפט פון שטאדט אבל מחולה. ער זאל זיין א נביא אויף דיין ארט. און וואס דו קלעהרסט שלעכטס אויף יודען קאן איך נישט טהון:

שטעהט אין הייליגען זוהר. רבי חייא זאגט מען קאן זעהן אז דער מענש וואס צארנט דעם אויבערשטענס צארן, קאן דער מלאך המות נישט שולט זיין אויף דעם מענש, אזוי ווי אויף אלע מענשען. דען מען זעהט דאך וואס דער אויבערשטער האט מבטיח געווען פנחס'ן נאך מעשה זמרי. הנני נותן לו את בריתי שלום. דאס מיינט מען א עביג לעבען. אצונד אז אליהו הנביא האט מקטרג געווען אויף יודען, נאך דעם וואס ער האט געצארנט דעם אויבערשטענס צארן און האט געהייסען אומברענגען די פיער הונדערט און פופציג נביאי הבעל, האט דער אויבערשטער איהם געזאגט. ביז ווי לאנג וועסט דו אלץ צארנען מיין צארן. דו האסט פערשלאסען פאר דיר דעם טויער, אז דער מלאך המות זאל נישט קאנען שולט זיין אין דיר. און די וועלט מיט מיינע קינדער קאנסט דו נישט סובל זיין, און דו ביזט אויף זיי מקטרג אז זיי האלטען נישט ברית מילה. פאר דאס ווי לאנג דו וועסט לעבען, וועסט דו מוזען זיין אויף אלע ערטער, וואו מיינע קינדער וועלען מקיים זיין די מצוה ברית מילה. און לויט די רייד

פון

פין אויבערשטען האבען די חכמים מתקן געווען דעם מנהג, מען זאל אנגרייטען אויף יעדען ברית מילה א בעזונדערע שטוהל פאר אליהו הנביא'ס וועגען, בעוויל ער מוז זיך דארט געפינען. און נאך האט דער אויבערשטער געזאגט צו אליהו, נאך זיין מקטרג זיין אויף יודען. אויב דו אליהו קאנסט שוין נישט מקבל זיין די וועלט מיט מיינע קינדער, וועט שוין פון היינט אן זיין א אנדערער נביא אויף דיין ארט צו מיינע קינדער. געה און זאלב אלישע בן שפט פון שטאדט אבל מחולה פאר א נביא אויף דיין ארט, און דו וועסט נסתלק ווערען פון דער וועלט צוריק אויף דיין ארט אין הימעל אריין. רבי אבא זאגט, אין דער שעה וואס א יוד ברענגט זיין קינד מען זאל איהם מכניס זיין בבריתו של אברהם אבינו, רופט דער אויבערשטער אוים צום פמליא של מעלה און זאגט. זעהט נאר וואס מיין בעשעפעניש טהוט אויף די וועלט. און אין די זעלבע רגע פליהט אליהו הנביא אויף דעם ארט וואו דער ברית איז, און געפינט זיך דארט. און צוליעב דעם דארף מען אנגרייטען א בעזונדערע שטוהל פאר זיין כבוד'ס וועגען, און מען זאל אויסרופען די ווערטער. זה הכסא של אליהו הנביא זכור לטוב. און אויב מען טהוט נישט אזוי, געפינט ער זיך נישט דארט. און נאך דעם ברית קומט אליהו פאר דעם אויבערשטען און זאגט פאר איהם עדות, אז דער און דער יוד האט מקיים געווען די מצוה פון הייליגען ברית. און דאס זעלבע מויל וואס האט אמאל מקטרג געווען, אז יודען האבען פערלאזט דעם הייליגען ברית, זאגט היינט עדות אז יודען זענען יא מקיים דעם הייליגען ברית. און אזוי האבען מיר געלערנט אז אליהו איז פאר דעם נענש געווארען פון אויבערשטען. בעוויל ער האט מקטרג געווען אויף יודען, וואס זענען דעם אויבערשטענס קינדער. און אזוי ווי אליהו האט געזעהן אז עס איז נישט געפעלען דעם אויבערשטען וואס ער האט גערעדט שלעכטס אויף יודען, האט אליהו אויף זיך מקבל געווען מיט א שבועה, אז ער זאל פון היינט אן פארשטעלען פאר דעם אויבערשטען די זכיות פון יעדען יוד ביז עביג. און אז א יוד טהוט א מצוה קומט באלד די רגע אליהו פאר דעם אויבערשטען און זאגט. אזא און אזא מצוה האט געטהון דער און דער יוד. און אליהו געהט נישט אוועק ביז ער שרייבט אויף די מצוה פון דעם מענש:

נאך דעם איז אליהו הנביא פון דארט אוועקגעגאנגען, אויסצופיהרען וואס דער אויבערשטער האט איהם געהייסען. ער האט געפונען דעם אלישע בן שפט אקערן אין פעלד צוזאמען מיט זיינע קנעכט. האט אליהו גענומען זיין אויבער־מלבוש און האט דאס א וואָרף געטהון צו אלישע. דאס איז געווען א צייכען אלישע זאל פערשטעהן, אז אליהו גיט איהם איבער זיין אויבער־מלבוש, און מיט דעם וועט ער איבערנעמען זיין רוח נבואה אויך. אלישע האט באלד פערלאזט די אקסען מיט דעם אקערן, און איז נאכגע־

נאנגען

נאָכגעגאַנגען נאָך אליהו. ער האָט אליהו בעדינט און איז געוואָרען זיין תלמיד:

אין די צייטען האָט אחאב געזינדיגט א גרויסע זינד װעגען דעם וויינגאָרטען פון נבות, וועלכער האָט אויך געוואוינט אין יזרעאל. אחאב האָט חשק געקריגען צו דעם וויינגאָרטען, בעוויל ער איז געווען נאָהנט צו זיין פּאַלאַץ, אָבער נבות האָט איהם נישט געוואָלט אוועקגעבען פאַר קיין שום געלד, בעוויל די נחלה איז געווען פון זיינע עלטערן. האָט אחאב׳ס ווייב איזבל געמאַכט מיט פאַלשקייט, אַז פאַלשע עדות האָבען געזאָגט אויף דעם נבות, אַז ער האָט געלעסטערט גאָט מיט דעם מלך אחאב. אַזוי נאָך איז נבות בעשטראָפט געוואָרען מען זאָל איהם פערשטיינען, אַזוי ווי א מורד במלכות. און אַ מורד במלכות וואָס ווערט בעשטראָפט מיט דעם טוידט, האָט געהערט זיין פערמעגען צום מלך. און נאָך דעם וואָס נבות איז בעשטראָפט געוואָרען מיט דעם טוידט, איז זיך אחאב גאַנץ דרייסט אַריינגעגאַנגען אין דעם וויינגאָרטען צו ירשנען איהם. דאַן האָט דער אויבערשטער איהם אַקעגען געשיקט אליהו הנביא מיט אַ שטרענגע נבואה. ער האָט צו אַחאָב׳ן אַזוי געזאָגט. „הער אוים דעם אויבערשטענס רייד, דו האָסט גע׳הרג׳עט אַ מענש אַזוי ווי אַ רוצח, אַצונד געהסט דו איהם ירש׳נען, פאַר דאָס וועט זיין, אַז אויף דעם זעלבען אָרט וואָס די כלבים האָבען געלעקט דאָס בלוט פון נבות, וועלען זיי לעקען דיין בלוט אויך, און דיין גאַנץ הויזגעזינד וועט פערשניטען ווערען, אַז עס וועט פון דיר קיין זכר נישט בלייבען". אַזוי ווי אחאב האָט געהערט די רייד, איז ער געוואָרען זעהר טרויעריג, ער האָט אויף זיך צוריסען זיינע מלבושים און האָט אָנגעטהון אַ זאַק אויף זיין לייב און האָט געפאַסט. דאַן האָט גאָט געזאָגט צו אליהו. בעוויל אַחאב איז געוואָרען אונטערטעניג פאַר מיר, וועט דאָס שלעכטס נישט קומען אויף איהם אין זיינע צייטען, נאָר אין דער צייט פון זיין זוהן וועל איך ברענגען דאָס שלעכטס אויף זיין הויז:

נאָך אחאב׳ס טוידט איז געוואָרען אַ מלך זיין זוהן אַחזיה. האָט זיך געמאַכט אַז אַחזיה איז אַראָבגעפאַלען פון אַ גאַנעק, דורך די אייזערנע קראַטען וועלכע האָבען זיך פלוצלונג איינגעבראָכען, און ער איז פון דעם קראַנק געוואָרען. האָט אַחזיה געשיקט שלוחים צו פאָרשען ביי די עבודה זרה „בעל זבוב" דעם אָבגאָט פון עקרון, אויב ער וועט געזונד ווערען פון די קרענק, צי נישט. אליהו הנביא האָט געטראָפען אויפ׳ן וועג די שלוחים פון מלך אַחזיה, האָט ער צו זיי געזאָגט. קעהרט אייך צוריק צום מלך און איהר זאָלט איהם די נבואה זאָגען. „אַזוי האָט גאָט געזאָגט. צי איז דען נישטאָ קיין גאָט ביי יודען, וואָס דו האָסט געשיקט פאָרשען ביי די עבודה זרה „בעל זבוב" דער אָבגאָט פון עקרון, פאַר דאָס וועסט דו שוין פון דעם בעט נישט אַראָבגעהן, נור דו וועסט שטאַרבען". די שלוחים האָבען

האבען זיך אומגעקעהרט און האבען אזוי געזאגט צום מלך. האט דער מלך זיי געפרעגט, ווי אזוי זעהט אוים דער מענש וואס האט אייך איבער־געגעבען די רייד. האבען זיי געזאגט, דער מענש טראגט לאנגע האר און איז ארומגעגארטעלט מיט א לעדערנע גארטעל. האט דער מלך געזאגט, דאס איז נישט קיינער, נאר אליהו הנביא. [רבי חנינא בן דוסא זאגט אז די גארטעל איז פון דער פעל פון איל, וועלכער איז בעשאפען געווארען פרייטאג פאר נאכט, ער זאל זיין א קרבן עולה אויף יצחק'ס ארט ביי דער עקידה]. אחזיה איז געווארען זעהר בייז אויף אליהו האט ער געשיקט צו איהם פופציג זעלנער מיט זייער שר, זאלען ברענגען אליהו מיט געוואלד פאר דעם מלך. דער שר מיט זיינע זעלנער זענען געגאנגען און האבען גע־טראפען אליהו זיצענדיג אויף דעם שפיץ בארג. האט דער שר ארויפגע־שריגען צו אליהו מיט א שטרענגען טאן, הער נאר דו געטליכער מאן, דער מלך האט בעפוילען זאלסט באלד אראבגעהן. האט אליהו געענטפערט. נו אויב איך בין יא א געטליכער מאן, בעפעהל איך עס זאל אראב א פייער פון הימעל צו פערברענגען דיך מיט דיינע מענשען. עס איז טאקי באלד אראב א פייער פון הימעל און דער שר מיט אלע זיינע מענשען זענען פערברענט געווארען. האט דער מלך אחזיה געשיקט צום צווייטען מאל א אנדערן שר מיט פופציג זעלנער. דער צווייטער שר איז אויך געווען אזא עזותדיגער, האט ער מיט אלע זיינע מענשען געהאט דעם זעלבען סוף וואס די ערשטע. נאך דעם האט ווייטער דער מלך געשיקט צום דריטען מאל א נעראטענעם שר, אויך מיט פופציג זעלנער, און אזוי ווי דער דריטער שר איז צוגעקומען צום בארג האט ער אנידערגעקניעט פאר אליהו, און האט אנגעהויבען בעטען זיך ביי אליהו, ער זאל איהם נישט מעניש זיין אזוי ווי די ערשטע צוויי שרים, נאר ער זאל אין גוטען מיט איהם מיטגעהן. דאן איז אליהו אראב פון בארג און איז מיט זיי געגאנגען צום מלך. דארט האט אליהו איבערגע'חזר'ט זיינע רייד פון די נבואה פאר דעם מלך. אזוי ווי ער האט בעפוילען צו איהם דורך די שלוחים, און דער מלך האט מורא געהאט עפים שלעכטם צו טהון אליהו. דער סוף איז געווען אז די נבואה איז מקוים געווארען. אחזיה איז געשטארבען, האט געקעניגט נאך איהם זיין ברודער יהורם:

## ווי אזוי איז אליהו נסתלק געווארען לעבענ־דיגערהייד אין הימעל אריין:

ווען עס איז געקומען דער טאג וואס אליהו הנביא האט געדארפט נסתלק צו ווערען, האט ער געוואוסט אז ער וועט נישט שטארבען אזוי ווי אלע מענשען, נאר ער וועט קומען לעבענדיגערהייד אין הימעל אריין.

האט

האט ער נישט געוואלט אז דאס זאל געשעהן ווען ער ווערט זיין צווישען מענשען, אלזא האט ער בעשטימט צו דערווייטערן זיך פון אלע מענשען דעם לעצטען טאג. און אפילו פון זיין תלמיד אלישע האט ער אויך געוואלט מעלים זיין דאס הסתלקות. האט אליהו געזאגט צו אלישע. בלייב דא זיצען, און איך מוז פון דאנעט אוועקגעהן, דען גאט האט מיך געשיקט קיין בית אל. אבער אלישע האט באלד געשווארען אז ער וועט איהם נישט אבלאזען נאר ער מוז מיט איהם מיטגעהן. דען דער אויבערשטער האט מודיע געווען צו אלישע און צו אלע יונגע נביאים, ברוח הקודש, אז אין דעם טאג וועט זיין דאס הסתלקות פון אליהו הנביא, אלזא איז אלישע נאכגעגאנגען אליהו'ן קיין בית אל. דערנאך זענען זיי געגאנגען פון דארט קיין יריחו. נאך זיי זענען געגאנגען פון דערווייטענס פופציג יונגע לייט פון די יונגע נביאים. וועלכע האבען ש-ארק חשק געהאט צו זעהן דעם סוף פון אליהו. ווען אליהו מיט אלישע זענען געקומען צום ירדן, האט אליהו גענומען זיין אויבער-מלבוש און האט דאס פערוויקעלט, נאך דעם האט ער א קלאפ געטהון דערמיט אויף דעם וואסער פון ירדן, איז דער ירדן געשפאלטען געווארען, דאס וואסער האט זיך צורוקט פוןביידע זייטען און עס איז אזוי געבליבען שטעהן, זענען אליהו מיט אלישע אדורך-געגאנגען די גאנצע ברייט פון ירדן אין דער טריקעניש. און די פופציג יונגע נביאים זענען געבליבען שטעהן אויף די זייט ירדן. דאן האט אליהו געזאגט צו אלישע, וואס פערלאנגסט דו פון מיר איך זאל דיר איבערלאזען, איידער איך ווער אבגעשייד פון דיר. האט אלישע געזאגט איך פערלאנג אז מיין רוח נבואה זאל זיין טאפעל ווי דיין רוח נבואה. האט אליהו געזאגט, דיין פערלאנג איז צו שטארק, נאר דאך אויב דו וועסט זוכה זיין מיך צו זעהן, ווען איך וועל ווערען פון דיר אוועקגענומען, זאג איך דיר צו אז עס וועט אזוי זיין ווי דו פערלאנגסט, און אויב נישט, וועט נישט זיין אזוי ווי דו פערלאנגסט. און בעוייל די חכמים האבען געזאגט, אז איין חבר פון אנדערן זאל נישט אבשיידען זיך, נאר ביי א שמועס פון תורה, אלזא האבען זיי ביידע אנגעהויבען צו שמועסען דברי תורה, און האבען שפא-ציערט צוזאמען. אין דעם איז פלוצלונג אנגעקומען א פייערדיגע קאטש מיט פייערדיגע פערד, וועלכע האבען זיי ביידע צושייד, און אליהו איז מיט א שטורם-ווינד ארויף אין הימעל אריין. דער מלאך וואס איז געשיקט געווארען ארויף צו נעמען אליהו, האט נישט אזוי פשוט געקאנט קיין שליטה האבען איבער אליהו, בעוייל ער האט עוסק געווען מיט אלישע אין דברי תורה, אלזא האט ער זיך געטהון אזא עצה, אבצושיידען איינעם פון אנדערן דורך די פייערדיגע מרכבה, ממילא האט אליהו אויפגעהערט צו לערנען, דאן האט באלד דער מלאך געקאנט שולט זיין איבער אליהו, ארויפצונעמען איהם אין הימעל אריין לעבעדיגערהייד.

דער

דער הייליגער זוהר שרייבט. אז ווען דער אויבערשטער האט געשיקט א אנדערן מלאך ארויפצונעמען אליהו הנביא, האט זיך אנידערגעשטעלט דער מלאך המות מקטרג זיין אויף דעם. האט דער אויבערשטער איהם געזאגט, אז ווען די וועלט איז בעשאפען געווארען, איז באלד אזוי בעשטימט געווארען, אז אליהו הנביא זאל קומען אין הימעל אריין לעבעדיג. האט דער מלאך המות געזאגט, אז דורך דעם וועלען אבער אנדערע מענשען אויך האבען טענות מיט בקשות אז זיי זאלען קומען לעבענדיג אין הימעל אריין. האט דער אויבערשטער געענטפערט, אז אליהו הנביא איז נישט אזוי ווי אנדערע מענשען, און אז אליהו האט בכח דעם מלאך המות בטל צו מאכען פון די וועלט אינגאנצען. און נאך האט דער אויבערשטער געזאגט צום מלאך המות, אויב דו ווילסט דוקא האבען א שליטה איבער אליהו, אדרבא געה אראב צו איהם. דער מלאך המות איז טאקי באלד אראב צו אליהו, אבער אזוי ווי אליהו האט איהם דערזעהן, האט אליהו איהם ארונטערגעווארפען אונטער זיינע פיס, און האט איהם געוואלט פערניכטען אינגאנצען פון די וועלט, אבער דער אויבערשטער האט איהם נישט געגעבען אויף דעם קיין רשות. נאך שרייבט דער הייליגער זוהר. אז ווען אליהו איז ארויף אין הימעל אריין האט זיך זיין רוח אבגעשייד פון דעם גוף און איז געווארען א הייליגער מלאך. אזוי ווי אלע הייליגע מלאכים אין הימעל, און ער טהוט דעם אויבערשטענס שליחות אויף דער וועלט, און אלע נסים וואס דער אויבערשטער טהוט אויף דער וועלט איז אלץ דורך אליהו הנביא. און ווען ער קומט אראב אויף דער וועלט בעווייזט ער זיך פאר מענשען אין א געשטאלט פון א גוף, אזוי ווי אלע מענשען. רבי שמעון האט געפרעגט ווי אזוי איז דאס מעגליך, אז אליהו איז ארויפגעקומען אין הימעל אריין לעבענדיג, דאס איז דאך בעוואוסט אז אין אלע הימלען קאן זיך נישט דערהאלטען אפילו איין קערנדל פון די וועלטס-זאכען, נאר דער סוד געפינט זיך נאך אין אדם הראשון'ס ספר. דארט שטעהט אז עס וועט אמאל אראבקומען אויף דער וועלט א רוח פון הימעל. דער רוח וועט אריין אין א קערפערליכען גוף. ער וועט זיך רופען אליהו. און מיט דעם גוף וועט ער ארויף אין הימעל מיט א רוח סערה אין א וואלקען, און דארט אין דעם וואלקען וועט זיין רוח ארויס פון דעם קערפערליכען גוף, און ער וועט אריין אין א לויטערן גוף פון א ליכטיגקייט מיט וועלכען ער וועט קאנען פליהען אין הימעל אריין, צו געפינען זיך צווישען די מלאכים. און דער ערשטער גוף וועט בלייבען ליגען אין וואלקען. און ווען ער וועט דארפען צוריק אראבצוקומען אויף דער וועלט, וועט ער פריהער אריין אין דעם וואלקען, דארט וועט ער אויסטהון דעם הימלישען גוף און וועט זיך אנטהון דעם קערפערליכען גוף, מיט וועלכען ער וועט זיך בעווייזען אויף דער וועלט. און מיט איעלכע צוויי גופים וועט זיך אליהו קאנען געפינען אויף ביידע וועלטען:

אזוי

אזוי ווי אלישע האט דערזעהן אליהו'ס ארויפפליהען אין הימעל אריין האט ער אנגעהויבען צו שרייען: „מיין פאטער! מיין פאטער! דו ביזט דאך בעסער מגין אויף יודען ווי אלע זייערע חיילות מיט כלי זיין". און אז אליהו איז געווארען שוין אינגאנצען פערהוילען פון אלישע'ס אויגען, האט אלישע זיך קורע געווען די מלבושים, אזוי גוט ווי אליהו וואלט געווען געשטארבען. נאך דעם האט אלישע דערזעהן ליעגענדיג פאר איהם אליהו'ס אויבער־מלבוש, וועלכעס איז אראבגעפאלען פון איהם, ווען ער איז אין הימעל אריין געפלויגען. האט דאס אלישע אויפגעהויבען און איז צוגעגאנגען צום ירדן און האט מיט דעם מלבוש א קלאפ געטהון אין וואסער און האט אזוי געזאגט. „וואו איז דער גאט פון אליהו, וועלכער זאל מיר געבען דעם העלבען קראפט, איך זאל אויך קאנען בעווייזען אזא מופת ווי אליהו". דאן איז דער ירדן געשפאלטען געווארען און דאס וואסער האט זיך צוטהיילט, און אלישע איז אריבערגעגאנגען דעם ירדן אין דער טריקעניש. דאס אלעס וואס דא איז פארגעקומען האבען די יונגע נביאים, וועלכע זענען געווען אין יריחו, געזעהן פון דערווייטענס. האבען זיי געזאגט איינער צום אנדערן, אז דער רוח נבואה פון אליהו האט גערוהט אויף אלישע. און זענען אלע געקומען צו אלישע און האבען זיך געבוקט פאר איהם מיט דעם פנים צו דער ערד, צו ווייזען, אז פון היינט אן ווילען זיי זיין אונטערטעניג ביי איהם, אזוי ווי ביי אליהו. דאך האבען די יונגע נביאים נישט פערשטאנען, אז אליהו איז מיט זיין גוף ארויפגעפלויגען אין הימעל אריין לעבענדיגערהייד, נאר זיי האבען געטראכט אז אין דער הויך צווישען די וואלקענס איז אליהו'ס רוח ארויס פון זיין גוף, און דער שטורם־ווינד האט ערגיץ אראבגעווארפען דעם גוף צווישען די בערגער. אליא האבען פופציג יונגע נביאים בעשטימט צו געהן זוכען אליהו'ס גוף, כדי זיי זאלען קענען איהם מספיד זיין און קובר זיין בכבוד גדול. דריי טעג האבען זיי געזוכט, און האבען נישט געפונען, דאן האבען זיי פערשטאנען אז אליהו איז מיט זיין גוף געפלויגען אין הימעל אריין לעבענדיגערהייט. פון דאמאלס אן האט זיך נאך אליהו נישט בעוויזען בפרסום, אז יעדער זאל איהם זעהן, ביז איידער דער משיח וועט קומען, דאמאלס וועט ער זיך ווידער בעווייזען בפרסום פאר די גאנצע וועלט. אויסער די צדיקים וועלכע זענען זוכה צו גילוי אליהו בעווייזט זיך היינט אויך אליהו צו זיי, נאר בהסתר, אז קיין אנדערער זאל איהם נישט זעהן:

אין דער צייט וואס האט געקעניגט יהורם מלך יהודה, וועלכער האט זיך פערפעסטיגט מיט זיין מלוכה דורך מערדעריי און רציחה, בעוויל ער האט אויסגעהרג'עט אלע זיינע ברידער מיט דער שווערד, און אויסער דעם איז ער געגאנגען אין זעהר א שלעכטען וועג, בעוויל ער האט גענומען אחאב'ס א טאכטער פאר א ווייב, איז אמאל פלוצלונג אנגעקומען

פאר

פאַר איהם אַ בריעף פון אליהו הנביא מיט אַ שאַרפע נבואה פון נאָט. דער אינהאַלט פון דער נבואה איז גערוועזן, אַז יהורם וועט האָבען בקרוב אַ שוואַרצען סוף. עס וועט קומען אויף זיין גאַנץ הויז אַ גרויסע מגפה. וועלכע וועט ברענגען אויף זיי פיעל ביטערע קרענק, און יהורם וועט שטאַרבען מיט זעהר אַ מיתה משונה. און עס איז טאַקי פינקטליך מקוים געוואָרען אַלעס אַזוי ווי עס איז געשטאַנען אין דעם בריעף. לויט רעכנונג איז דער בריעף געקומען צום מלך יהורם דאָס זיבענטע יאָהר נאָך דעם הסתלקות פון אליהו הנביא. און ווי אַזוי נאָך דער בריעף איז געשריבען געוואָרען דורך אליהו. דערסטגלייכען ווי אַזוי נאָך דער בריעף איז אָנגעקומען פאַר דעם מלך יהורם, איז אין דעם דאָ פיעל דעות צווישען די מפרשים. אָבער דעם ריכטיגען אמת וועט מען ערשט וויסען, ווען דער זעלבער שרייבער פון דעם בריעף וועט זיך באַוויזען בקרוב צו אַלע יודען. דאַן וועט ער אונז דערלייכטען די אויגען במהרה בימינו אמן:

# דריטע אבטיילונג.

## אלע וואונדערליכע מעשיות פון אליהו הנביא אין דער צייט פון די חכמי התלמוד, און פון די לעטצטע דורות.

אין די גמרא נדרים שטעהט, אז דער תנא רבי עקיבא ווען ער איז נאך געוועזען אין דער יוגענד א ארעמער פאסטוך, איז בעשטאנגען א טאכטער פון דעם גרויסען גביר כלבא שבוע, וועלכער האט געוואהנט אין ירושלים, אז זי זאל צו איהם מקודש ווערען פאר א ווייב. נאך דעם וואס רבי עקיבא האט זי מקדש געוועזען, איז כלבא שבוע פון דעם געוואהר געווארען, איז ער געווארען זעהר בייז און האט זי מדיר הנאה געוועזען, אז זי זאל נישט טארען קיין הנאה האבען פון זיין פערמעגען. דערנאך האט זי מיט איהם חתונה געהאט אין ווינטער. קיין דירה האבען זיי נישט געהאט, האבען זיי געמוזט שלאפען אין דעם שפייכלער פון שטרוי. אין דער פריה האט דאס ווייב איהם ארויסגעקליבען די שטיקלעך שטרוי פון צווישען זיינע האר. האט רבי עקיבא צו איהר געזאגט, ווען איך וואלט געהאט געלד, וואלט איך דיר געקויפט א גאלדען ציערונג, אויף וועלכען עס איז אויסגעמאלט די שטאדט ירושלים. אין דעם איז צוגעקומען אליהו הנביא פארשטעלט אזוי ווי איין ארעמאן, און האט אנקלאפענדיג ביי דער טהיר אריינגעשריגען צו זיי. איך בעט אייך האט רחמנות און שענקט מיר א ביסעל שטרוי, ווארען מיין ווייב איז געלעגען געווארען אויף דער בלויסער ערד, און איך האב גאר נישט וואס איהר אונטערצולעגען. דאן האט רבי עקיבא געטרייסט זיין ווייב און האט צו איהר געזאגט. זעהסט עס געפינט זיך נאך ארעמערע מענשען ווי מיר זענען, וועלכע האבען אפילו קיין ביסעל שטרוי אויך נישט. נאך דעם האט דאס ווייב צו איהם געזאגט, פאלג מיך און געה לערנען אין א ישיבה לערנען תורה. איז רבי עקיבא אוועק אין דער ישיבה פון רבי אליעזר מיט רבי יהושע און האט דארט געלערענט תורה צוועלף יאהר. נאך דעם איז ער אהיים געגאנגען. איידער ער איז אריינגעקומען אין שטוב אריין האט ער געהערט אונטער די וואנד פון זיין ווייבס שטוב ווי א רשע זידעלט זיין ווייב און זאגט צו איהר. א שעהנע זאך אויף דיר וואס דיין פאטער האט דיך מדיר הנאה געוועזען פון זיין פערמעגען. אינס, ווי קומסט דו עפיס צו אזא מאן, וועלכער איז נישט דיינס גלייכען. דו ביזט דאך עפיס דעם רייכען כלבא שבוע'ס א טאכטער און ער איז א פאסטוך. צוועטענס זעהסט דו דאך נאך אלעמען אז דו ביזט איהם

פערמיאוסט

פערמיאוסט געווארען, און שוין צוועלף יאהר וואס ער האט דיך איבערגעלאזט א לעבענדיגע אלמנה. האט זי דעם רשע געענטפערט. ווען מען מאן זאל מיך פאלגען וואלט איך איהם געהייסען ער זאל דארט זיצען און לערנען נאך צוועלף יאהר. אזוי ווי רבי עקיבא האט דאס דערהערט האט ער געזאגט. נו אז זי האט יא מיר געגעבען רשות נאך צו לערנען, וועל איך טאקי צוריק געהן אין דער ישיבה נאך לערנען תורה. און איז באלד צוריק און האט געלערנט תורה נאך צוועלף יאהר. נאך דעם איז ער אהיים מיט פיער און צוואנציג טויזענד תלמידים. אין שטאדט האט מען זיך דערוואוסט אז עס קומט אן עפיס א גרויסער תנא מיט זעהר פיעל תלמידים, איז די גאנצע שטאדט אקעגען געגאנגען. רבי עקיבא'ס ווייב איז אויך אקעגען געגאנגען. ווען זי האט זיך צוגעשטופט אנצוקוקען דאס פנים פון רבי עקיבא, האבען די תלמידים זי נישט צוגעלאזט. האט רבי עקיבא דערהערט, האט ער געזאגט צו זיי. לאזט איהר צו, דען מיין תורה און אייערע תורה געהער אלעס צו איהר.

אין מדרש שטעהט אז רבי יהושע בן לוי האט געפאסט א לאנגע צייט, און האט מתפלל געווען ער זאל זוכה זיין צו זעהן אליהו הנביא. מען האט איהם פון הימעל צוליעב געטהון און אליהו הנביא האט זיך צו איהם בעוויזען. האט אליהו איהם געפרעגט. וואס פאר א בקשה האסט דו צו מיר וועל איך דיר טהון וואס דו פערלאנגסט. האט רבי יהושע בן לוי צו איהם געזאגט, איך פערלאנג מיט דיר מיטצוגעהן א צייט, איך זאל זעהן דיינע וואונדערליכע מעשים אויף דער וועלט, כדי איך זאל פון דיר פיעל חכמה לערנען. האט אליהו געזאגט, דו וועסט דאך אבער נישט קאנען פערטראגען צוקוקען זיך צו מיינע וואונדערליכע מעשים, און געוויס וועסט דו תמיד מיך מטריח זיין מיט דיינע שאלות און מיט דיינע קשיות, איך זאל דיר זאגען די סודות פון מיינע מעשים, און דאס איז נישט פאר מיר. האט רבי יהושע בן לוי געענטפערט, איך זאג דיר צו מיין העררר אז איך וועל דיך קיין קשיות נישט פרעגען, איך וועל נאר זעהן און שווייגען, דען מיין פערלאנג איז זעהר שטארק נאר צו זעהן דיינע וואונדערליכע מעשים אויף דער וועלט. דאן איז אליהו בעשטאנען איהם מיטצונעמען, נאר ער האט זיך אויסגערעדט מיט איהם בפירוש, אז באם ער וועט איהם איבערפרעגען שאלות וועגען זיינע מעשים, זאל ער שוין מעהר מיט איהם נישט געהן. נאך דעם זענען זיי ביידע געגאנגען אין וועג אריין. צום ערשטען זענען זיי אנגעקומען אין א דארף צו א גרויסען ארעמאן, וועלכער האט נישט מעהר פערמאגט ווי איין קוה אין שטאל. און דער ארעמאן מיט זיין ווייב זענען פונקט געזעסען פאר די טהיר ווען די צוויי אורחים זענען אנגעקומען. ווי דער ארעמאן מיט'ן ווייב האבען דערזעהן אז די אורחים געהען צו זיי, זענען זיי ביידע אנטקעגען געגאנגען און האבען זיי אריינגעבעטען צו זיך

אין

אין שטוב אריין, און האבען זיי מכבד געווען מיט עסען און טרינקען, פון וואס זיי האבען פערמאגט אין שטוב. די אורחים האבען געגעסען און גע־טרונקען און האבען דארט אויך גענעכטיגט. אין דער פריה האבען זיך די אורחים מכין געווען אוועק צו געהן. פאר דעם אוועקגעהן האט רבי יהושע בן לוי געהערט ווי אליהו האט מתפלל געווען, אז דער קוה זאל א פגירה טרעפען. און די קוה איז טאקי באלד געפגר'ט און זיי ביידע זענען פון דארט אוועק געגאנגען. אבער רבי יהושע בן לוי פון גרויס קרענקונג איבער די קוה האט ער נישט געקאנט געהן ווייטער. זיין הארץ האט אין איהם שטארק געקלאפט און האט זיך געטראכט, היתכן פאר וואס זאל דאס אליהו אזא רציחה טהון, צי האט ער שוין נישט געהאט קיין אנדערן שכר מכבד צו זיין דעם ארעמאן מיט זיין ווייב, פאר דעם וואס זיי האבען מיט אונז מקיים געווען די מצוה הכנסת אורחים בשמחה, נאר מיט א פגירה אויף זייער קוה, פון וועלכע זיי האבען זיך מפרנס געווען. און רבי יהושע בן לוי האט זיך נישט געקאנט איינהאלטען און האט געמוזט איבערפרעגען אליהו מיט די יעזע ווערטער. „מיין הערר! איך בעט דיך זעהר שטארק, זאג מיר פאר וואס האסט דו אנגעשיקט א פגירה אויף דעם ארעמאן'ס קוה, זיי זענען דאך גוטע מענשען און האבען אונז מכבד געווען, און האבען מקיים געווען די מצוה הכנסת אורחים מיט זייער גאנצען כח"? אויף דעם האט אליהו איהם געענטפערט. צי געדענקסט דו שוין נישט דעם תנאי וואס איך האב מיט דיר אויסגענומען, אז דו זאלסט נאר קוקען און שווייגען. נאר אויב דו ווילסט איך זאל מיך שוין פון דיר אבשיידען וועל איך דיר זאגען דעם סוף פון די מעשה. רבי יהושע בן לוי איז אבער געווען א שאד אבצושיידען זיך פון אליהו, האט ער געמוזט שווייגען און האט שוין מעהר נישט געפרעגט. זיי זענען געגאנגען ווייטער צוזאמען א גאנצען טאג. אויף דער נאכט זענען זיי אריינגעקומען צו א גרויסען עושר. דער עושר האט זיך אויף די צוויי אורחים גאר נישט אומגעקוקט, און האט גאר נישט געוואלט רעדען מיט זיי, און מען האט זיי נישט מכבד געווען מיט קיין שום זאך. זיי האבען דארט אזוי איבערגענעכטיגט די נאכט אהן עסען אהן טרינקען. גאנץ פריה איז אליהו ארויסגעגאנגען און האט זיך ארומגעדרעהט אויף דעם הויף מיט רבי יהושע בן לוי, האט ער געזעהן אז איין וואנד פון דעם עושר'ס הויף איז איינגעפאלען, און מען דארף זי צוריק אויפמויערן. האט אליהו מתפלל געווען עס זאל געשעהן א נס, אז די וואנד זאל פון זיך זעלבסט אויפגעמויערט ווערען. און עס איז באלד אזוי געשעהן, די וואנד איז פלוצלונג אליין אויפגעשטעלט געווארען. נאך דעם זענען זיי ביידע ווייטער אוועק געגאנגען. רבי יהושע בן לוי האט זיך ווייטער שטארק פערוואונדערט אויף די מעשה, און האט נישט געהאט קיין מנוחה אויף זיין הארץ. ער האט אבער מורא געהאט איבערצופרעגען זיך אליהו, פאר וואס קומט דאס דעם שלעכטען עושר אזא טובה צו טהון, און האט געמוזט שווייגען. זיי

זאגען

זענען ווייטער געגאַנגען צוזאַמען אַ גאַנצען טאָג. אויף דער נאַכט זענען זיי אָנגעקומען אין אַ גרויסע שטאָדט. דאָרט זענען זיי געגאַנגען אין אַ שיינע רייכע שוהל אַריין, וואו די בעלי בתים זענען זיך געזעסען אויף שיינע טייערע שטוהלען, יעדער לויט זיין רייכטהום. דער שוהל־שמש האָט אויסגערופען, אַז עס איז דאָ צוויי אורחים, ווער וויל זיי אַהיימנעמען אויף נאַכט־עסען מיט נאַכט־לעגער. האָט זיך איינער אָנגערופען צום שמש. פערדרעה נישט קיינעם קיין קאָפּף, עס איז גענוג זאָלסט דאָ אַהערברענגען ברויט מיט זאַלץ מיט וואַסער, און זאָלען זיי זיך דאָ אין די פאָדער־שוהל איבערנעכטיגען. עס איז טאַקי אַזוי געבליבען. קיינער האָט די אורחים נישט אַהיימגעבעטען, און זיי האָבען זיך דאָרט איבערגענעכטיגט מיט ברויט און וואַסער. אין דער פריה פאַר זייער אַוועקגעהן האָט אליהו די בעלי בתים בעוואונשען מיט די ברכה „דער אויבערשטער זאָל אייך העלפען איהר זאָלט אַלע זיין גבאים". נאָך דעם זענען זיי פון דאָרט אַוועקגעגאַנגען אין וועג אַריין. רבי יהושע בן לוי איז ווייטער נאָך מ ה״ פול געוואָרען מיט פערוואונדערונג און עגמת נפש איבער אליהו׳ס מעשים. ער האָט זיך איינגעהאַלטען מיט אַלע קרעפטען און פערשוויגען. פאַר נאַכט זענען זיי ווייטער אָנגעקומען אין אַ שטאָדט אַריין. צום דאַווענען זענען זיי געגאַנגען אין שוהל אַריין. דאָ האָט מען זיי אויפגענומען מיט כבוד. יעדער בעל הבית האָט זיך געפרייד מיט זיי און האָט געוואָלט פאַרבעטען צו זיך די אורחים. און דאָ וואו זיי האָבען גענעכטיגט האָט מען זיי שטאַרק מכבד געווען. אין דער פריה פאַר זייער אַוועקגעהן זענען זיי געגאַנגען אין שוהל אַריין צום דאַווענען. דאָרט האָט רבי יהושע בן לוי געהערט ווי אליהו האָט איבערגעלאָזט די בעלי בתים אַזאַ ברכה. „דער אויבערשטער זאָל אייך העלפען אַז עס זאָל זיך נישט געפינען צווישען אייך מעהר ווי איין גבאי". און האָבען זיך געזעגענט און זענען פון דאָרט אַוועקגעגאַנגען. רבי יהושע בן לוי האָט זיך ווייטער נאָך מעהר פערוואונדערט. היתכן נאָך אַזאַ בעהאַנדלונג ווי זיי האָבען דאָ געהאַט אין דער שטאָדט, קומט איבערצולאָזען אַזאַ קללה. הכלל עס האָט רבי יהושע בן לוי אַזוי ווייט געדריקט אליהו׳ס מעשים, אַז ער האָט זיך שוין נישט געקאָנט מעהר איינהאַלטען, און האָט זיך מיישב געווען, וואָס עס וועט זיין לאָז זיין, און ער מוז שוין אליהו איבערפרעגען אויף די אַלע זיינע וואונדערליכע מעשים. האָט רבי יהושע בן לוי געזאָגט צו אליהו. איך בעט דיך איבער מיין העדר, זאָג מיר די סודות פון דיינע וואונדערליכע מעשים, דען מיין האַרץ קלעמט מיך זעהר שטאַרק, אַז איך מוז מיך שוין איבער־פרעגען. האָט אליהו איהם געענטפערט. נו אויב דו ווילסט דיך מיט מיר צושיידען וועל איך דיר זאָגען אַלע סודות פון די וואונדערליכע מעשים, וואָס דו האָסט פון מיר צוגעזעהן. זאָלסט וויסען אַז דער אָרעמאַן וואָס איך האָב געהרג׳ט זיין קוה, איז געווען אַ גזירה אין היכל אַז אין דעם זעלבען טאָג זאָל דעם אָרעמאַנ׳ס ווייב שטאַרבען, האָב איך מתפלל

געוויזען

געוועזען אז די קוה זאל זיין איהר כפרה, בעווייל די אשה איז א צדקת, און דורך איהר וועט נאך דער ארעמאן פיעל גוטס האבען. און דאס וואס דו האסט געזעהן אז איך האב מתפלל געוועזען ביי דעם שלעכטען עושר, אז די איינגעפאלענע וואנד זאל פון זיך זעלבסט אויפגעמויערט ווערען, שטעקט אין דעם אזא סוד. דען ווען איך וואלט געוועזען דערלאזט אז דער עושר אליין זאל אויפשטעלען די וואנד, וואלט ער געוועזען אויפגעגראבען דעם פונדאמענט, וואלט ער דארט געפונען א גרויסען אוצר פון גאלד און זילבער. אלזא האב איך מתפלל געוועזען, אז די וואנד זאל פון זיך זעלבסט אויפגעשטעלט ווערען. און דער סוף וועט זיין אז בקרוב וועט די וואנד איינפאלען, און זי וועט שוין קיינמאל נישט צוריק אויפגעשטעלט ווערען. און דאס וואס איך האב געוואונשען אין דער גרויסער שוהל די שלעכטע בעלי בתים, אז זיי זאלען אלע זיין גבאים, דאס איז פאר זיי א גרויסער עונש און א קללה. דען דורך דעם וועט זיין תמיד צווישען זיי גרויס מחלוקת, בעווייל יעדער וועט זיך שטארקען מבטל צו זיין דעם אנדערנס דעה. און אזוי איז אויף אלע ערטער, וואו עס איז דא פיעל מנהיגים, דארט איז דא נישט קיין ארדנונג, נאר א חורבן. און אצונד דארפסט דו שוין אליין צו פערשטעהן, אז די אנדערע שטאדט מיט די גוטע בעלי בתים, וואס איך האב זיי בעוואונשען זיי זאלען נאר פערמאגען איין גבאי, איז דאס נישט קיין קללה, נאר א אמת'ע ברכה, דען דורך דעם וועט זיין ביי זיי שלום, און אלע וועלען פאלגען דעם מנהיג'ס דעה, וועט אלעס אויסגעפיהרט ווערען. נאך האט אליהו געזאגט צו רבי יהושע בן לוי פאר זיין אבשיידען זיך. זאלסט וויסען אז ווען דו וועסט זעהן א רשע וואס איז מצליח, און עס געהט איהם זעהר גוט, זאלסט דו דיך אויף דעם נישט פערוואונדערן, און זאלסט דיך נישט לאזען איבערגערעדט צו ווערען פון יצר הרע, דען דאס איז נישט אויף זיין גוטען, נאר אויף זיין שלעכטען. און אויב דו וועסט זעהן א צדיק, וואס האט תמיד צער און ליידט פיעל צרות ווי לאנג ער לעבט, זאל דיך נישט פערדריסען, און זאלסט דיך נישט לאזען פון יצר הרע ער זאל אין דיר אריינברענגען קשיות אויף דעם אויבערשטענס הנהגה, ווי אזוי ער פיהרט עפיס די וועלט. נאר זאלסט האבען אמונה אז דער אויבערשטער איז אמת וצדק, און זיין משפט איז אויך אמת וצדק, און ער פיהרט די וועלט מיט א השגחה פרטית אויף יעדען מענש. נאר מיר קאנען נישט זעהן וואס ער זעהט. און מיר קאנען נישט וויסען וואס ער ווייסט. נאך דעם האבען זיי זיך געזעגענט, און יעדער איז זיך געגאנגען זיין וועגס.

אין די גמרא כתובות שטעהט, אז ווען רבי יהושע בן לוי האט געדארפט נפטר צו ווערען האט ער דעם מלאך המות אבגענארט, און עס איז איהם געראטען צו קומען לעבעדיגערהייט אין גן עדן אריין. דאן

איז

איז איהם אליהו הנביא באלד אנטקעגען געקומען און האט איהם געפיהרט אויף זיין ארט, וועלכעס איז געווען אנגעגרייט פאר איהם אין גן עדן. און אליהו האט אויסגערופען פאר איהם. מאכט אנ'ארט און לאזט אדורך רבי יהושע בן לוי, מאכט אנ'ארט און לאזט אדורך רבי יהושע בן לוי.

אין מדרש שטעהט, אז אליהו הנביא מיט רבי יהושע בן לוי האבען געפלעגט צו לערנען תורה צוזאמען אין גן עדן. האט זיך אמאל געמאכט אז זיי האבען געהאלטען ביי א ענין וואס דער תנא רבי שמעון בר יוחאי האט געזאגט, און זיי האבען דאס נישט פערשטאנען. איז ביי זיי געבליבען זיי זאלען געהן אין גן עדן ביז צום היכל פון רבי שמעון בר יוחאי, כדי איהם זעלבסט צו פרעגען דעם פשט פון זיינע רייד. איז אריינגעגאנגען צום ערשטען אליהו הנביא. האט רבי שמעון בר יוחאי איהם געפרעגט, ווער נאך איז מיט דיר מיטגעקומען. האט אליהו געענטפערט, ער איז דער גרעסטער צדיק פון דעם דור, מיט דעם נאמען רבי יהושע בן לוי. האט רבי שמעון בן יוחאי געפרעגט, צי דער רעגען-בויגען האט זיך בעוויזען אין זיינע צייטען. האט אליהו געענטפערט, אז יא. האט רבי שמעון בר יוחאי געזאגט, אויב דער רעגען-בויגען איז געזעהן געווארען אין זיינע צייטען, איז דאך א סימן אז די וועלט איז דאמאלס ראוי געווען צו א מבול, און אז דער רבי יהושע בן לוי האט נישט געקאנט מגין זיין אויף די גאנצע וועלט, פאר דאס איז ער נישט ווערטה אנצוקוקען מיין פנים:

אין די גמרא עבודה זרה שטעהט, אז דאס מלכות פון רום האט אמאל גענומען רבי אלעזר בן פורטא אין תפיסה אריין, איבער א מסירה וואס מען האט אויף איהם געמאכט פינף בלבולים. בשעת דעם משפט האט מען איהם צום ערשטען געפרעגט. פאר וואס האסט דו געלערנט תורה, און פאר וואס האסט דו געגנב'ת. האט ער זיי געענטפערט. ממה נפשך איז דאך איינס פון די צוויי זיכער א ליגען. דען דאס פערשטעהט דאך יעדער, אז א שווערד מיט א גמרא קאן נישט זיין צוזאמען, א תלמיד חכם גיבט זיך נישט אב צו גנבות, און דער וואס גיבט זיך אב צו גנבות דער איז זיך נישט מוסר נפש צו לערנען תורה, הייסט אז איינס פון די צוויי איז זיכער א פאלשער בלבול, קאנט איהר דאך שוין פערשטעהן אז דער מסור איז א ליגנער, און דאס אנדערע איז אויך נאר א פאלשער בלבול. דערנאך האט מען איהם געפרעגט, פאר וואס רופט מען דיך רבי. האט ער געענטפערט. בעוויל איך בין א רבי פון וועבערס, וואס איך האב זיי אויסגעלערנט די מלאכה פון וועבעריי. האבען די שופטים איהם געפרובט צי ער קאן טאקי וועבעריי. זיי האבען געלאזט ברענגען צוויי קנוילען גארן. איין קנויל איז געווען קעטי גארן, און איין קנויל איז געווען שאס גארן. האבען זיי איהם געפרעגט, זאג אונז וועלכע קנויל איז קעטי גארן, און וועלכע קנויל איז

שאט

שאָם גאַרן. איז געשעהן אַ נס אַז עס איז אַרומגעפלויגען צוזאַמען צוויי זמער־פויגעלעך אין דעם זאַל, איינס אַ זכר איינס אַ נקבה, האָט דאָס פויגעלע וואָס איז געווען אַ זכר זיך געשטעלט אויף דעם קנויל פון שאָם גאַרן, און דאָס פויגעלע וואָס איז געווען אַ נקבה האָט זיך אַנידערגעשטעלט אויף דעם קנויל פון קעטי גאַרן. און בעוויל דער קעטי גאַרן נעמט אַריין דעם שאָם גאַרן, האָט ער פערשטאַנען צו ענטפערן וועלכע קנויל איז שאָם גאַרן, און וועלכע קנויל איז קעטי גאַרן. נאָך האָט מען איהם געפרעגט, פאַר וואָס ביזט דו נישט געקומען אין דעם שטאָדטס־קלוב אַריין צו פרעהען זיך צוזאַמען מיט אונז אין דעם טאָג פון אונזער חאָגע, אַזוי ווי אונזער בעפעהל איז געווען. האָט רבי אלעזר געענטפערט, בעוויל איך בין זעהר שוואַך אויף דער עלטער, האָב איך מורא געהאַט אַז דער המון זאָל מיך נישט צוטרעטען מיט זייערע פיס. האָבען די ריכטער איהם אָבגעפרעגט, צי האָט זיך אַמאָל פערלאָפען אַז מען האָט דאָרט אַ מענש צוטרעטען. איז ווייטער געשעהן אַ נס, אַז אין דער זעלבע צייט האָט מען אין דעם שטאָדטס־קלוב צוטרעטען אַן אַלטען מאַן. ווייטער האָבען זיי איהם געפרעגט. פאַר וואָס האָסט דו פריי געלאָזט דיין עבד, קעגען אונזער בעפעהל מען זאָל קיין קנעכט נישט בעפרייען. האָט רבי אלעזר געזאָגט, אַז דאָס איז אויך אַ פאַלשער בלבול. האָט זיך דאָרט געפונען איינער וואָס האָט געוואָלט עדות זאָגען, אַז דאָס איז יאָ אמת. איז געקומען אליהו הנביא פאַרשטעלט אַזוי ווי איינער פון זייערע שרים וואָס האָבען זיך דאָרט געפונען, און האָט געזאָגט צו דעם עדות, פאָלג מיך, לאָז אָב, און זאָג נישט קעגען דעם יוד קיין עדות. דו זעהסט דאָך אַז איהם איז שוין ביז יעצט נסים געשעהן, וועט דאָך מסתמא קעגען דעם בלבול אויך איהם עפּיס אַ נס געשעהן. און דו וועסט מיט דיין עדות זאָגען גאָר נישט מאַכען, נאָר דו וועסט בלייבען אַ נאַרישער רשע, איז גלייכער זאָלסט אָבהאַקען פון דיין עדות זאָגען. דער רשע האָט אָבער נישט געקוקט אויף אליהו'ס רייד, און האָט דוקא געוואָלט געהן עדות זאָגען. דער זעלבער עדות איז געווען אַ שליח פון גרויסע שרים, ער זאָל אַוועקפיהרען כתבים קיין רום. און זאָל זיי אָבגעבען אין קיסר'ס האַנד אַריין, און די אַלע כתבים האָט דער עדות געהאַלטען ביי זיך. איז צוגעגאַנגען אליהו צו איהם און האָט אַרויסגעכאַפט די כתבים און האָט זיי אַוועקגעשליידערט אויף אַ מרחק פון פיער הונדערט מייל. דער עדות איז אַרויסגעלאָפען זוכען די כתבים, און האָט שוין מורא געהאַט צוריקצוקומען לעדיג אָהן די כתבים. אַזוי נאָך איז רבי אלעזר פון דעם משפט ניצל געוואָרען:

אין די גמרא עבודה זרה שטעהט אַז רבי מאיר האָט זיך מוסר נפש געווען, מציל צו זיין, זיין ווייב'ס שוועסטער, רבי חנינא בן תרדיון'ס טאָכטער, וועלכע איז געפאַנגען געוואָרען זי זאָל זיצען אין אַ געצעלט

פון

פון זנות. רבי מאיר האָט מיט זיך גענומען צוויי טעפּ גאָלדענע רענדלעך און איז געגאַנגען זי אויסלייזען. רבי מאיר האָט אַזוי געזאָגט, אויב זי האָט נאָך נישט געטהון קיין עבירה וועט געוויס דער אויבערשטער א נס טהון, אַז איך וועל זי קאָנען מציל זיין. און אויב זי האָט יאָ שוין געטהון אַ עבירה, וועל איך זי שוין נישט קאָנען מציל זיין. אַלזאָ איז צום ערשטען געגאַנגען רבי מאיר צו ערקונדיגען זיך וועגען דעם. ער האָט זיך פערשטעלט פאַר אַ זעלנער אַ רייטער און איז צו איהר אַריינגעגאַנגען, האָט ער צו איהר געזאָגט, בעשטיי אויף מיר, האָט זי איהם געענטפערט, איך האָב היינט סדר נשים. האָט ער צו איהר געזאָגט, איך וועל וואַרטען אויף דיר. האָט זי געזאָגט, איז דען דאָ נישט פיעל שעהנערע פאַר מיר. האָט רבי מאיר פערשטאַנען, אַז געוויס ענטפערט זי אַזוי יעדען, און זי האָט נאָך קיין עבירה נישט געטהון. איז רבי מאיר געגאַנגען צום שומר פון דער תפיסה און האָט צו איהם געזאָגט, איך וועל דיר געבען צוויי טעפּ גאָלדענע רענדלעך און גיב מיר אַרויס דאָס מיידעל. און אויב דער שר פון דער תפיסה וועט דערפון געוואָהר ווערען, וועסט דו איהם געבען איין טאָפּ רענדלעך מפיים צו זיין, און דער אַנדערער טאָפּ רענדלעך וועט דיר בלייבען. האָט דער שומר געזאָגט, וואָס וועל איך אָבער טהון אַז מען וועט מיך פערקלאָגען דערנאָך פאַר אַ אַנדערן שר. האָט רבי מאיר צו איהם געזאָגט, דו האָסט גאָר נישט וואָס מורא צו האָבען, אויב מען וועט וועלען דיך בעשטראָפען, זאָלסט דו אַ געשריי טהון, „גאָט פון רבי מאיר! ענטפער מיר". דאַן וועסט דו באַלד ניצל ווערען, אַז עס וועט דיר קיינער קיין שום שלעכטס נישט קאָנען טהון. און אויב דו ווילסט קענסט דו דאָס באַלד פּרובען. אין דעם הויף פון דער תפיסה האָט זיך געפונען ווילדע בייזע כלבים וועלכע האָבען געקענט אַ מענש צורייסען אויף שטיקער. איז געגאַנגען דער שומר און האָט אָנגערייצט אויף זיך די כלבים. אַז די כלבים זענען איהם בעפאַלען, האָט ער אַ געשריי געטהון. „גאָט פון רבי מאיר! ענטפער מיר". זענען באַלד די כלבים פון איהם אַנטלאָפען. נאָך דעם האָט דער שומר אַרויסגעגעבען די געפאַנגענע אין ר' מאיר'ס האַנד אַריין און ער איז מיט איהר ענטלאָפען. דערנאָך איז די זאַך בעוואוסט געוואָרען צו דער רעגירונג, האָט מען דעם שומר פערמשפּט צו הענגען. ווען מען האָט איהם אַרויפגעפיהרט אויף דער תליה האָט ער אַ געשריי געטהון. „גאָט פון רבי מאיר! ענטפער מיר". האָט שוין קיין איינער נישט געהאַט קיין שליטה איבער איהם. זיי זענען געבליבען שטעהן מיט גרויס פערוואונדערונג און האָבען איהם געפרעגט, ער זאָל זיי זאָגען וואָס זיין קראַפט איז. האָט ער זיי דערצעהלט די גאַנצע מעשה. האָט די רעגירונג אויסגעמאָלט רבי מאיר'ס געשטאַלט ביי דעם אַריינגאַנג פון טויער אין די שטאָדט רוים, מיט אַ אויפשריפט, אַז ווער עס וועט טרעפען אַזאַ מענש זאָל מען איהם איבערגעבען די

רעגירונג

רעגירונג, איינמאָל האָט אַ מענש דערקענט רבי מאיר'ן און איז געלאָפען חאַפּען איהם. רבי מאיר האָט דאָס באַלד דערשפּירט, האָט ער זיך אַזאַ עצה געטהון. ער איז אַרייַנגעגאַנגען אין אַ בית הזונות. טייל זאָגען אַז ער איז אַרייַנגעגאַנגען אין אַ גויעשע גאָרקעך, און האָט זיך געמאַכט פערזוכען אַ טרפה מאכל. ער האָט אַרייַנגעשטעקט איין פינגער אין געקעכטס, און האָט אויסגעזאָגט דעם צווייטען פינגער, מען זאָל מיינען אַז ער פערזוכט טאַקי באמת דאָס טרפה מאכל. און טייל זאָגען, אַז אליהו הנביא האָט זיך דאָרט בעוויזען אין אַ געשטאַלט פון אַ זונה, וועלכע איז אַקעגען געלאָפען רבי מאיר'ן און האָט איהם געהאַלזט, אַזוי ווי איהרם אַ בעקאַנטער פון לאַנג, די מעשיות האָבען געווירקט, אַז דער וואָס האָט דאָס געזעהן האָט געזאָגט. חס ושלום! ווען דאָס זאָל טאַקי זיין רבי מאיר וואָלט ער דען אַזוי געטהון. און אַזוי נאָך איז רבי מאיר ניצל געוואָרען:

אין די גמרא תענית שטעהט, אַז די יודען האָבען אַמאָל געשיקט „רבי נחום איש גם זו" קיין רוים צום קיסר מיט אַ טייערע מתנה, כדי מען זאָל מבטל זיין פון זיי שלעכטע גזירות. און איבער דעם האָבען זיי אויסגעקליבען פאַר אַ שליח דעם „רבי נחום איש גם זו" בעוויל ער איז געוועזען געוואוהנט מיט נסים. רבי נחום האָט מיטגענומען די מתנה און האָט זיך געלאָזט אין וועג אַריין. אַז ער איז שוין געוועזען נישט ווייט פון רוים איז איהם אויסגעקומען צו נעכטיגען אויף אַנ'אָרט. די מענשען פון דעם הויז זענען געוואָהר געוואָרען וואָס ער פיהרט מיט זיך, האָבען זיי בייַנאַכט אַרויסגע'גנב'ט דאָס קעסטעל און האָבען אַרויסגענומען די מתנה און האָבען אָנגעשיט פול מיט ערד און פערמאַכט צוריק, און אַנידערגעשטעלט צוריק אויף דעם זעלבען אָרט, מען זאָל גאָרנישט דערקענען. אין דער פריה האָט רבי נחום גענומען מיט זיך דאָס קעסטעל און איז אַוועק קיין רוים. ווען ער האָט עס איבערגעגעבען דעם קיסר האָט מען אויפגעעפענט און געזעהן אַז עס איז פול מיט בלויסע ערד, איז דער קיסר זעהר בייז געוואָרען און האָט געזאָגט צו זיינע שרים. זעהט ווי די יודען מאַכען שפּאָט פון מיר. רבי נחום האָט דאָס דערהערט איז ער געוואָרען שטאַרק דערשראָקען. ער האָט זיך אָבער באַלד מיישב געווען און האָט געזאָגט „גם זו לטובה". דאָס זאָל אויך זיין צום גוטען. אַזוי ווי זיין שטייגער איז געוועזען תמיד אַזוי צו זאָגען אויף אַלע שלעכטע זאַכען, און איבער דעם האָט מען איהם גערופען „איש גם זו". אין דעם האָט זיך דאָרט אליהו הנביא בעוויזען אין אַ געשטאַלט פון איינעם פון די גרויסע שרים, און האָט געזאָגט צום קיסר, אפשר איז דאָס קעסטעל ערד אַזאַ ערד וואָס זייער פאָטער אברהם האָט געהאַט, אַז ער האָט געשאָסען מיט ערד איז געוואָרען פון די ערד שווערדען, און אַז ער האָט געשאָסען מיט שטרוי איז געוואָרען

וואָרען פון דעם שטרוי פיילען. פונקט איז געוועזען אַ שטאָדט וואָס דער קיסר האָט זי נישט געקאָנט איינגעמען אין אַ מלחמה. האָט מען געמאַכט אַ פּראָבע און מען האָט געשאָסען אויף דער שטאָדט מיט די ערד, און זיי האָבען איינגענומען די שטאָדט. האָט דער קיסר געהייסען אָנשיטען אַ פול קעסטעל מיט פּערעל און בּרילאַנטען, און האָט צוריק געשיקט אַ מתנה צו די יודען דורך דעם רבי נחום איש גם זו, און זייער בּקשה האָט ער אויך ממלא געווען, און האָט געהייסען בּעגלייטען דעם רבּי נחום'ן מיט אַ גרויסען כּבוד. צוריקצוועגס איז אויסגעקומען אַז רבי נחום האָט ווייטער גענעכטיגט אויף דעם זעלבען אָרט וואו מען האָט די גנבה געטהון. ווי זיי האָבען געזעהן רבי נחום'ס פריידּ און האָבען פון איהם געהערט דעם גרויסען כבוד וואָס ער האָט געהאַט פון קיסר, האָבען זיי איהם געפרעגט. וואָס פאַר אַ מתנה האָסט דו געבראַכט דעם קיסר, וואָס ער האָט דיר פאַר דאָס אַזאַ גרויסען כבוד אָבּגעגעבען? האָט ער זיי געענטפערט אַז אויסער דעם קעסטעל האָט ער קיין שום זאַך נישט איבּערגעגעבען דעם קיסר. ווי די מענשען האָבען דאָס דערהערט, האָבען זיי דאָס הויז איינגעלעגט און האָבען געגראָבען ערד, איינגעפּאַקט אין גרויסע קאַסטענס, און אַוועקגעפיהרט קיין רוים צום קיסר. זיי האָבען בּעמאָלדען אַז זיי האָבען געבראַכט פיעל ערד, פון דער זעלבע ערד וואָס די יודען האָבען געשיקט אַ מתנה צום קיסר. מען האָט בּיי זיי צוגענומען די ערד און געמאַכט די זעלבע פּראָבע וואָס מיט יענער ערד, האָט מען געזעהן אַז דאָס איז גאָר נישט דאָס זעלבע, האָט מען פערמשפּט די גנבים צום הענגען. און רבי נחום איש גם זו איז אַהיים געקומען מיט אַ פרעהליך האַרץ, און האָט געבּראַכט די יודען אַ בּשורה טובה.

אין ספר פרקי דרבי אליעזר שטעהט. אַז בּשעת דער מלך אחשורוש און המן זענען געווען בּיי אסתר המלכּה אויף דער סעודה. און אסתר האָט דאַמאָלס מודיע געווען צום מלך, אַז דער המן הרשע האָט אַרויסגעגעבען אַ גזירה אומצובּרענגען איהר פאָלק, און ווען דער מלך איז אַריינגעפאַלען מיט גרוים כּעס אין זיין לוסט-גאָרטען אַריין, איז דערווייל המן אַרויפגעפאַלען אויף דעם בעט וואו אסתר איז געזעסען איבּערצובּעטען זי, אויף דעם איז פּונקט דער מלך צוריק אַריינגעקומען, און האָט אַ געשריי געטהון. „צי ווילסט דו נאָך בּיי מיר אין שטוב מאַנס זיין די מלכּה"! דאַמאָלס האָט זיך אליהו הנביא בּעוויזען פאַר דעם מלך אין דעם געשטאַלט פון חרבונה. וועלכער איז געווען איינער פון דעם מלך'ס סריסים, און האָט געזאָגט צום מלך, אַז אין המן'ס הויז געפינט זיך אַ תליה פון פופציג עהלען הויך, וועלכע איז געמאַכט געוואָרען פון אַ זייל וואָס איז אַהער געבראַכט געוואָרען פון יודישען בּית המקדש, און די תליה האָט המן אָנגעגרייט צו הענגען אויף איהר דעם זעלבען מרדכי, וועלכער האָט מציל

געוועזען

געװעזען דעם מלך פון טוידט. װי דער מלך האָט דאָס דערהערט האָט ער באַלד געגעבען אַ בעפעהל, אַז המן זאָל אױפגעהאָנגען װערען אױף דער זעלבער תליה, און בעװײל אליהו הנביא האָט זיך בעװיזען אין דעם געשטאַלט פון חרבונא, דאַרף מען זאָגען וגם חרבונא זכור לטוב:

אין הײליגען זוהר שטעהט. אַז רבי שמעון בן יוחאי און זײַן זוהן רבי אלעזר האָבען זיך אײנגעזאַמעלט צװישען בױמער אין אַ פעלד מיט נאָך אַכט תלמידים, רבי אבא, רבי יהודה, רבי יוסי בן יעקב, רבי יצחק, רבי חזקיה בר רב, רבי חייא, רבי יוסי, און ר׳ ייסא. דאַמאָלס האָט רבי שמעון בן יוחאי פאַר זײ געדרשנ׳ט אין חכמת הקבלה, און האָט זײ מגלה געװעזען די גרעסטע סודות פון די אױבערשטע עולמות. און אַ הימליש פײַער מיט פיעל הײליגע מלאכים האָבען זײ אַרומגערינגעלט. און פון גרױס תענוג, פון שטאַרק מתיקות, װאָס זײערע נשמות האָבען געשפירט בשעת דעם לערנען, זענען די דרײַ צדיקים רבי יוסי בן יעקב, רבי חזקיה, און רבי ייסא נסתלק געװאָרען. דען פון גרױס תענוג און פון שטאַרק מתיקות האָבען זיך זײערע נשמות נישט געקאָנט דערהאַלטען אין די גופות, און זענען אַרױסגעפלױגען צו בעהעפטען זיך אין דער הײליגער שכינה. און די מלאכים האָבען באַלד אַרױפגעבּרענגט די דרײַ נשמות אין דעם הײליגען פּרוכת, זײ זאָלען דאָרט שײַנען אין דעם הימלישען גן עדן. נאָך דער דרשה האָט רבי שמעון בן יוחאי געזאָגט, עפּיס איז מיר אַ פּלא אױף דעם װאָס ער טראָגט גרױסע האָר, און איז אַרומגעגאַרטעלט מיט אַ לעדערנע גאַרטעל, װאָס ער איז הײַנט בײַ אונז נישט געװען אױף די דרשה. אין דעם איז טאַקי פּונקט אָנגעקומען אליהו הנביא, און זײַן פּנים האָט געשײַנט מיט דרײַערלײַ ליכטיגקײַט. האָט רבי שמעון איהם געפרעגט, פאַר װאָס ביזט דו, מײַן הערר, הײַנט נישט געװען בײַ אונז. װען איך האָב מגלה געװעזען די גרעסטע סודות פון די אױבערשטע הימלען און פערבאָרגענע װעלטען. האָט אליהו געענטפערט. איך קאָן דיר שױערען בײַ דײַן לעבען, רבי, אַז זיבען טאָג פאַר איער גרױסע אסיפה, איז אין הימעל אױסגעקליבען געװאָרען פאַר דעם אױבערשטען די גרעסטע צדיקים פון דײַנע תלמידים, װעלכע זאָלען זײַן ראױ צו געפינען זיך צוזאַמען מיט דיר אױף דעם גרױסען פערזאַמלונג, בשעת דו װעסט מגלה זײַן די גרױסע הײליגע סודות. און איך בין אױך גערעכענט געװאָרען צו זײַן מיט איך אױף דער גרױסער אסיפה. אָבער עס האָט זיך אַזױ געמאַכט אַז איך האָב נישט געקאָנט אַהער קומען, בעװײַל אין דעם זעלבען טאָג האָט דער אױבערשטער מיך געשיקט אַ נס צו טהון צו רב המנונא סבא מיט זײַנע חברים, װעלכע זענען געפאַנגען געװאָרען און פערשלאָסען געװאָרען אין אַ גרױס פעסטונג אַרײַן. האָב איך זײ געטהון אַ נס. איך האָב אומגעװאָרפען

װאָרפען

וואַרפֿען איין וואַנד פֿון דעם פֿעסטונג אויף פֿינף און פֿערציג שרים, וועלכע האָבען געהיט דאָס פֿעסטונג און זיי זענען אַלע גע׳הרג׳ט געוואָרען. נאָך דעם האָב איך אַרויסגענומען פֿון דאָרט רב המנונא מיט זיינע חברים, און איך האָב זיי אַוועקגעפֿיהרט קיין בקעת אונו, און זיי זענען ניצל געוואָרען. און דאָרט האָב איך פֿאַר זיי מבין געווען ברויט מיט וואַסער, בעוויל עס איז שוין געווען דער דריטער טאָג, וואָס זיי האָבען געפֿאַסט. און אַ גאַנצען טאָג האָב איך מיך נישט געקאָנט אָבשיידען פֿון זיי. און ווען איך בין צוריק געקומען אין הימעל אַריין, האָב איך דאָרט געפֿונען דריי פֿון דיינע תלמידים אין דעם הייליגען פרוכת, האָב איך מיך געפֿרעגט. וואָס טהוען זיי עפּיס דאָ. האָט מען מיר געזאָגט, אַז זיי זענען דעם אויבער־שטענס חלק פֿון דער הייליגער אסיפה, וואָס רבי שמעון בן יוחאי מיט זיינע תלמידים האָבען זיך פֿערזאַמעלט. וואָהל איז דיין חלק, וואָהל איז דאָס חלק פֿון דיינע תלמידים, וועלכע זיצען פֿאַר דיר. אייער שכר איז זעהר פֿיעל אין הימלישען גן עדן, און צוליעב דיר האָט מען אין הימלישען גן עדן אַנגעקרוינט דיין שוועהר רבי פנחס בן יאיר מיט פֿופֿציג קרוינען, און דו ביזט גערופֿען געוואָרען מיט דעם טיטעל „דעם אויבער־שטענס הייליגער און געעהרטער". געעהרט ביזט דו אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט:

אין די גמרא בבא מציעא שטעהט. אַז אליהו הנביא האָט גע־פֿלעגט עפֿטער צו קומען אין דער ישיבה פֿון דעם הייליגען תנא, וואָס מען האָט איהם גערופֿען „רבי". דאָס איז געווען דער תנא רבי יהודה הנשיא. אַמאָל האָט זיך פֿערלאָפֿען אין אַ טאָג ראש חודש וואָס אליהו איז אַ גאַנצען טאָג נישט געקומען, נאָר ערשט פֿאַר נאַכט איז ער געקומען. האָט רבי איהם געפֿרעגט, פֿאַר וואָס האָט זיך עפּיס דער הער היינט אַזוי פֿער־שפּעטיגט. האָט אליהו געענטפֿערט. איך בין היינט געווען פֿערנומען אַ גאַנצען טאָג מיט מיין עבודה ביי די הייליגע אבות, וואָס איך האָב געדאַרפֿט זיי משמש צו זיין, בעוויל זיי האָבען געדאַרפֿט היינט מתפלל צו זיין. האָב איך געדאַרפֿט צום ערשטען אויפֿצושטעלען אברהם אבינו און צו וואַ־שען זיינע הענד, און צו וואַרטען ביז נאָך זיין תפלה, דאַן האָב איך איהם צוריקגעלעגט אויף זיין אָרט. דאָס זעלבע האָב איך געדאַרפֿט טהון דערנאָך צו יצחק אבינו, און דערנאָך צו יעקב אבינו. דען איך טאָר נישט אַלע דריי אבות אויפֿשטעלען, זיי זאָלען אַלע דריי מתפלל זיין צו־זאַמען, בעוויל זיי וואָלטען געקאָנט גובר זיין מיט זייערע תפלות צו ברענ־גען משיח׳ן פֿאַר די ריכטיגע צייט, וועלכעס טויג נישט פֿאַר יודען. האָט רבי ווידער געפֿרעגט צו אליהו, זאָג מיר צי געפֿינט זיך היינט אויף דער וועלט אַזעלכע גרויסע צדיקים ווי די אבות זענען געווען. האָט אליהו גע־ענטפֿערט, אַז רבי חייא מיט זיינע זיהן זענען אַזוי גרויס ווי די אבות. האָט

רבי

רבי גוזר תענית געוועזן און האט אנידער געשטעלט רבי חייא מיט זיינע זיהן פאר דעם ארון קודש, און האט זיי געהייסען מתפלל זיין צוזאמען גלייך ווארט ביי ווארט. איז געוועזן אזוי, ווען זיי האבען געזאגט משיב הרוח, האט באלד געבלאזען א ווינד, און ווען זיי האבען געזאגט מוריד הגשם, איז באלד געגאנגען רעגען. ווען זיי האבען געהאלטען שוין צו זאגען מחיה המתים, האט זיך געטאבט א רעש אויף דער וועלט עס זאל ווערען תחיית המתים. האט מען געפרעגט אין הימעל, ווער קאן דאס זיין וואס האט מגלה סוד געוועזן אויף די ערד וועגען דעם גרויסען כח פון רבי חייא מיט זיינע זיהן. איז מען געוואהר געווארען אז אליהו האט מגלה געוועזן דעם סוד, האט מען איהם באלד בעשטראפט אין הימעל מיט זעכציג מלקות. פון א פייערדיגע רוט. און אליהו איז באלד אראבגעקומען אויף דעם ארט וואו רבי חייא מיט זיינע זיהן האבען מתפלל געוועזן, ער האט זיך פערשטעלט פאר א פייערדיגען בער און איז אריינגעקומען צווישען זיי און האט זיי מבלבל געוועזן פון זייער תפלה;

אין די גמרא תענית שטעהט. אז רב יהודה האט אמאל געזעהן צוויי מענשען האבען ארומגעשטיפט און האבען זיך געווארפען מיט ברויט־לעך, וועלכעס איז געוועזן א בזיון פאר דעם ברויט. האט רב יהודה גע־זאגט, עס ווייזט אויס אז עס איז דא צופיעל זעטיגקייט אויף די וועלט, האט ער געגעבען א עין הרע אויף די וועלט, איז געווארען א הונגער. רב כהנא איז געוועזן ביי רב יהודה א שטוב־מענטש און האט איהם משמש גע־וועזן. האבען די רבנן געזאגט צו רב כהנא, ער זאל מאכען, אז רב יהודה זאל דארפען ארויסצוגעהן דורך די טהיר וואס געהט אין מארק אריין, כדי ער זאל זעהן ווי מענשען רייסען זיך צו קויפען עסעניווארג, וועט ער פערשטעהן אז עס איז הונגער אויף די וועלט, וועט ער מתפלל זיין אויף רעגען. האט רב כהנא אזוי געטהון, און ווען רב יהודה איז ארויסגעגאנגען דורך דער טהיר האט ער געזעהן א המון מענשען שטופען זיך אויף איין ארט. האט זיך רב יהודה געפרעגט, וואס איז עפיס דארט אזא רעש. האט מען איהם געזאגט, אז דארט שטעהט איינער מיט א קויש טייטלען צו פער־קויפען, שטופט זיך דער עולם צום קויפען. האט רב יהודה געזאגט, עס ווייזט אויס אז עס איז דא הונגער אויף די וועלט. האט רב יהודה געזאגט צום משמש, טהו מיר אויס די שיך, כדי צו ווייזען דעם הימעל אז ער האט דערפון גרויס צער, און ער טרויערט אויף די וועלט. אזוי ווי דער משמש האט איהם אויסגעטהון איין שוך איז באלד געגאנגען א שטארקער רעגען, ווען ער האט איהם געוואלט אויסטהון דעם צווייטען שוך איז געקומען אליהו הנביא און האט איהם געזאגט. זאלסט וויסען איך האב געהערט ווי דער אויבערשטער האט געזאגט, אז אויב דו וועסט אויסטהון דעם צווייטען שוך אויך, וועט אויסקומען עס זאל זיך אראבלאזען אזא שטארקער רעגען.

וועלכער

וועלבער וועט חרוב מאכען די וועלט:

אין ירושלמי מסכת כלאים שטעהט. אז רבי חייא רבה איז געוועזען אנ'איינגעהער ביי רבי. אמאל האט רבי חייא רבה עפיס גערעדט פאר רבי איבריגע רייד. האט רבי צו איהם געזאגט, געה נאר ארויס און זעה דארט ווער עס רופט דיך. רבי חייא רבה איז ארויסגעגאנגען און האט קיינעם נישט געזעהן, האט ער פערשטאנען אז עס האט רבי פערדראסען אויף זיינע רייד, האט רבי געזאגט די ווערטער מיט א כוונה, כדי ארויסצופיהרען רבי חייא רבה פון זיין שטוב. איבער דעם האט באלד רבי חייא רבה אויף זיך גענומען א חרם אויף דרייסיג טאג, און אפילו נאך די דרייסיג טעג האט אויך רבי חייא רבה מורא געהאט פאר רבי. און האט זיך גע־היטען נישט צו זיין עפטער קיין איינגעהער ביי רבי אזוי ווי פריהער. נאר אמאל פלעגט ער יא אריינצוגעהן, אויב ער האט געהאט א נויטיג געשעפט צו איהם. אליהו הנביא האט אבער געוואלט שלום מאכען צווישען רבי מיט רבי חייא רבה, אז דאס ליעבשאפט זייערס זאל זיין אזוי ווי פריהער. איז אמאל אליהו הנביא אריינגעקומען צו רבי אין דעם געשטאלט פון רבי חייא רבה, און ווי געוועהנטליך האט ער געפרעגט רבי, וואס מאכט דער הערר. האט רבי געזאגט אז א צאהן טהוט איהם שטארק וועה. האט אליהו צו איהם געזאגט, ווייזט נאר מיר דעם צאהן. אזוי ווי רבי האט איהם געוויזען דעם צאהן האט אליהו ארויפגעלעגט זיין פינגער אויף דעם צאהן, און דער צאהן איז אויסגעהיילט געווארען. צו־מארגענס איז טאקי יא רבי חייא רבה אריינגעקומען צו רבי און האט איהם געפרעגט, וואס מאכט דער הערר מיט דעם געזונד, און וואס הערט זיך וועגען די יסורים פון צאהן. האט רבי געענטפערט, פון דער צייט אן וואס דו האסט נעכטען ארויפגעלעגט דיין פינגער אויפ'ן צאהן איז דער צאהן אויסגעהיילט געווארען. נאר עס איז אבער צו בעדויערן די מעוברות'־דיגע ווייבער און די קליינע קינדער פון ארץ ישראל, דען ביז אהער האבען מיינע יסורים אויף זיי מגין געוועזען, היינט אז די יסורים פון צייהן־וועהטאג זענען איועקגעגאנגען, ווער וועט אויף זיי מגין זיין. האט רבי חייא רבה געזאגט צו רבי, איך פערשטעה גאר נישט וואס דער הערר רעדט צו מיר, דען איך בין גאר נישט דא געוועזען נעכטען, און איך האב גאר נישט ארויפגעלעגט מיין פינגער אויפ'ן צאהן. דאן האט רבי פער־שטאנען אז דאס איז אליהו הנביא'ס מעשה, און אז ער האט דאס נאר געטהון כדי צו פערגרעסערן דעם כבוד פון רבי חייא רבה. פון דאמאלס אן האט רבי אנגעהויבען מעהר מקרב צו זיין רבי חייא רבה, און ווען רבי חייה רבה איז אריינגעגאנגען אין רבי'ס בית המדרש צוזאמען מיט די תלמידים פון רבי, האט רבי געזאגט, לאז רבי חייא רבה אריינגעהן צו ערשטען פאר אלע תלמידים:

אין די גמרא בבא מציעא שטעהט. אז רב חביבא בר פירקמי האט געזעהן איינעם פון די תלמידים, וואס אליהו הנביא פלעגט זיך צו איהם בעווייזען, אז אין דער פריה האט דער תלמיד געהאט שעהנע אויגען, און אויף די נאכט האט ער געהאט רויטע אויגען, גלייך זיי וואלטען פערברענט געוואָרען פון א פייער. האט רב חביבא געפרעגט דעם תלמיד, וואס מיט איהם איז געשעהן. האט דער תלמיד איהם דערצעהלט, אז ער האט געבעטען פון אליהו הנביא ער זאל איהם ווייזען, ווי אזוי נאך די נשמות פון די רבנן געהען ארויף פון גן עדן אין די הויכע הימלען צו לערנען תורה אין דער ישיבה של מעלה. האט אליהו איהם צוגעזאגט צו ווייזען, נאר ער האט איהם געווארענט, אז ביי אלע נשמות וועט ער קאנען זעהן, אויסער ווען די שטוהל פון רבי חייא געהט ארויף מיט רבי חייא, וועט ער נישט קאנען קוקען, בעוויל עס וועט איהם נאך קאנען שאדען. האט דער תלמיד געפרעגט צו אליהו. זאג מיר א סימן איך זאל וויסען וועלכע איז די שטוהל פון רבי חייא. האט אליהו איהם געזאגט, דאס איז דער סימן. ביי אלע נשמות געהט מיט זיי מלאכים ארויף און אראב, אבער די שטוהל פון רבי חייא געהט אליין ארויף און אראב אהן א הילף פון מלאכים. האט דער תלמיד וויטער דערצעהלט, אז ער האט זיך אבער נישט געקאנט איינהאלטען, און ער האט יא געקוקט אויף דער שטוהל פון רבי חייא, דאן איז אריין אין זיינע אויגען צוויי שטראהלען ליכטיגקייט פון דיזער שטוהל, וועלכע האבען איהם אזוי פערברענט זיינע אויגען, אז ער קאן נישט זעהן. צומארגענס איז געגאנגען דער תלמיד מתפלל זיין אויף דעם קבר פון רבי חייא, און ער האט געבעטען, עס זאל איהם ביישטעהן דער זכות פון די תורה, וואס ער לערנט די ברייתות וועלכע רבי חייא האט זיי מסדר געוועזען. דאס האט איהם געהאלפען, און ער איז געהיילט געווארען:

אין די גמרא תענית שטעהט. אז רב ברוקא חוזאה האט געפלעגט צו זיין אויף דעם מארק-טאג פון דער שטאדט „בי-לפט”, און אליהו הנביא האט זיך מיט איהם געפלעגט צו זעהן. אמאל האט רב ברוקא געפרעגט אליהו'ן, צי געפינט זיך אויף דעם מארק א מענש וואס ער וועט האבען עולם הבא. האט אליהו געענטפערט, אז ערשט אין דער מינוט געפינט זיך נאך נישט קיין איין מענש ער זאל זיין ראוי צו עולם הבא. אין דעם, אזוי ווי זיי האבען געשמועסט, איז פערביי געגאנגען גיך א מענש, וועלכער איז געווען געקליידט אין גוי'עשע מלבושים און אהן ציצית. האט אליהו געזאגט צו רב ברוקא, אט דער מענש איז א בן עולם הבא. רבי ברוקא איז באלד נאכגעלאפען דעם מענש און האט איהם געפרעגט מיט וואס ער בעשעפטיגט זיך. האט דער מענש איהם גע-

ענטפערט

ענטפערט. געה פון מיר אצונד אוועק און קום מארגען. צו מארגענס האט רבי ברוקא געטראָפען דעם מענש און האט ווייטער איהם געפרעגט וואס זיין טהועכץ איז. האט דער מענש איהם געענטפערט. איך בין א שומר ביי די געפאנגענע פון דער רעגירונג, און איך זעה אז די זכרים זאלען זיצען בעזונדער און די נקבות בעזונדער, און אויף ביי נאכט שטעל איך מיין בעט אין דער מיט, כדי זיי זאלען נישט קומען צו קיין עבירה. און ווען איך זעה צווישען די געפאנגענע א יודישע טאכטער, וואס די בעלי עבירה האבען געווארפען אנ'אויג אויף איהר, בין איך מיך מוסר נפש זי מציל צו זיין פון זיי. אמאל איז געפאנגען געווארען א יודישע כלה, און איך האב בעמערקט אז די בעלי עבירה האבען געווארפען אנ'אויג אויף איהר, האב איך גענומען הייוועז פון רויטען וויין, און האב אויסגעגאָסען אויף איהר געלעגער, און האב זיי געוויזען אז זי האט פונקט היינט דעם סדר נשים, אזוי נאך איז זי ניצל געווארען פון זיי. האט רב ברוקא ווייטער איהם געפרעגט, פאר וואס טראגסט דו נישט קיין ציצית און געהסט געקליידעט אין גויעשע מלבושים, האט ער געענטפערט, בעוויל איך בין אנ'איינגעהער ביי די שרים, וויל איך נישט זיי זאלען וויסען אז איך בין א יוד, אזוי נאך דערוויס איך מיך פון זייערע שלעכטע גזירות אויף יודען, גיב איך באלד א ידיעה צו די רבנן, זיי זאלען בעטען רחמים מבטל צו זיין די שלעכטע גזירות. האט רב ברוקא איהם נאך געפרעגט פאר וואס האסט דו מיר נישט געוואלט ענטפערן נעכטען. ווען איך האב דיך געפרעגט וואס דיין טהועכץ איז, נאר דו האסט מיך געהייסען קומען היינט. האט ער געענטפערט, בעוויל איך האב מיך נעכטען דערוואוסט פון א שלעכטע גזירה אויף יודען, בין איך געלאָפען מודיע זיין דאס צו די רבנן, כדי זיי זאלען בעטען רחמים אויף די שלעכטע גזירה. נאך דעם איז רב ברוקא צוריק געגאנגען צו אליהו הנביא. איז ווידער פערביי געגאנגען פאר זיי צוויי ברידער, האט אליהו געזאגט צו רב ברוקא, אז די צוויי ברידער זענען אויך אנגעברייט צו עולם הבא. איז רב ברוקא זיי נאכגעגאנגען און האט זיי געפרעגט וואס זייער געשעפט איז. האבען זיי איהם געענטפערט. מיר זענען בדחנים און אונזער געשעפט איז משמח צו זיין טרויעריגע מענשען, און אז מיר ווערען געוואהר פון צוויי מענשען, וואס צווישען זיי האט זיך געמאכט א מחלוקה, פערלעגען מיר א כח צו מאכען צווישען זיי שלום:

אין די גמרא ברכות שטעהט. אז רב שילא האט געלאזט שלאגען מלקות, א יוד וואס האט מזנה געוועזען מיט א זונה פון מצרים. איז געגאנגען דער בעל עבירה און האט פערמסר'ט רב שילא פאר דער רעגירונג. ער האט פארגעשטעלט אז רב שילא מאכט א דין און משפט אהן רשות פון דער רעגירונג. האט די רעגירונג געשיקט ברענגען רב שילא צום

משפט

משפט. די שופטים האבען איהם געפרעגט. פאר וואס האסט דו געלאזט שלאגען מלקות דעם יוד? האט רב שילא געענטפערט, בעוויל ער האט מזנה געוועזען מיט איין אייזעל. האבען די שופטים איהם געפרעגט, צי האסט דו עדות אויף דעם? האט ער געענטפערט, אז עס איז דא איין עדות. אזוי ווי רב שילא האט די ווערטער געזאגט איז שוין דארט געוועזען אליהו הנביא, און האט זיך פארגעשטעלט פאר א עדות, און האט עדות געזאגט אויף די מעשה. האבען די שופטים געזאגט צו רב שילא. נו, אויב די מעשה איז טאקי אמת קומט דאך איהם מיתה, פאר וואס האסט דו איהם גאר מלקות געשלאגען? האט רב שילא געענטפערט, פון דער צייט אן וואס מיר יודען זענען פערטריבען געווארען פון אונזער לאנד, האבען מיר נישט קיין רשות דן צו זיין מיתה. אבער איהר קענט מיט איהם טהון וואס איהר ווילט. האבען די שופטים אנגעהויבען ארייננצוקלערען אין דעם משפט. דערוויל האט רב שילא געזאגט דעם פסוק לך ה' הגדולה והגבורה וגו'. האבען די שופטים איהם געפרעגט, וואס זאגסט דו? האט ער זיי געענטפערט איך לויב דעם אויבערשטען וואס ער האט בעשאפען אויף דער וועלט א מלכות מיט א רעגירונג, אזוי ווי עס געפינט זיך אין הימעל, און ער האט אייך אבגעגעבען א ממשלה אויף דער וועלט, וואס איהר האט ליעב צו משפט'ן א עהרליכען דין. האבען די שופטים געזאגט, מיר זעהען אז דער כבוד פון אונזער מלכות איז ביי איהם שטארק חשוב. האבען זיי איהם געגעבען א שווערד, אזוי ווי זייערע שופטים האבען, און האבען איהם געגעבען רשות, אז ער מעג משפט'ן אליין דיני נפשות. ווען רב שילא איז ארויסגעגאנגען איז דער בעל עבירה נאכגעגאנגען און האט איהם געפרעגט, היתכן מען זאל אין הימעל טהון א נס צוליעב אזא דבר שקר. האט רב שילא איהם געענטפערט. האב איך דען אויף דיר געזאגט א שקר? שטעהט דען נישט בפירוש אין פסוק אז די מצרים ווערען אנגערופען אייזלען. האט רב שילא געזעהן אז דער בעל עבירה דרעהט זיך אוים, און וויל צוריקגעהן צום משפט, איהם ווייטער צו פערמסר'ן, אז ער רופט זיי אן אייזלען. האט רב שילא געזאגט אז עס איז יא אזוי, הייסט ער דאך מיין רודף, און די תורה האט דאך געזאגט, אז איינער קומט דיך הרג'נען, מעגסט דו דיך פעדערן יענעם צו הרג'נען. איז רב שילא איהם נאכגעלאפען און האט איהם דער'הרג'ט מיט דער שווערד:

אין די גמרא שבת שטעהט. אז דער וואס האט ארונטערגעשלונגען א קליינעם שלאנג (מייל זאגען אז דאס מיינט מען דעם גיפט פון א שלאנג). איז זיין רפואה ער זאל עסען אוגערקעס מיט זאלץ און זאל לויפען דריי תחום שבת, דורך דעם וועט ער ווערען שטארק דערהיצט, וועט דער שלאנג פון איהם ארויסגעהן. ביי רב שימא בר אשי האט זיך פערלאפען

אזא מעשה, אז ער האט אמאל אראבגעשלונגען א שלאנג. איז געקומען אליהו הנביא פערשטעלט אין א געשטאלט פון א זעלנער א רייטער, וואס איז געקומען איהם נעמען אין תפיסה. נאך דעם וואס ער האט רב שימא אוועקגעפיהרט, האט ער איהם געגעבען צו עסען אונגערקעס מיט זאלץ, און האט איהם געצווינגען צו לויפען פאר איהם דריי תחום שבת. דורך דעם איז דער שלאנג פון רב שימא ארויסגעפאלען שטיקלעכווייז, און ער איז געהיילט געווארען:

אין די גמרא קידושין שטעהט. אז רב כהנא האט זיך מפרנס געווען פון דעם וואס ער האט ארומגעטראגען צו פערקויפען קליינע קוישעלעך, און וועלכע די ווייבער פלעגען בעהאלטען זייערע בשמים מיט זייערע ציערונג. האט זיך אמאל פערלאפען אז א פריצ'טע האט פון איהם פערלאנגט ער זאל מיט איהר מזנה זיין, און זי איז געווען אזא העררנטע, וואס רב כהנא האט מורא געהאט איהר צו פערזאגען. האט רב כהנא זיך מוסר נפש געווען, ער זאל גלייכער גע'הרג'ט ווערען איידער צו טהון די עבירה. האט רב כהנא צו איהר געזאגט, אז ער בעשטעהט אויף דעם, נאר ער האט פערלאנגט פון איהר זי זאל איהם אבגעבען פריהער א בעזונדער חדר, אין וועלכען ער וויל אריינגעהן אבריינינגען זיך און אנציערען זיך. פון דעם חדר האט ער זיך ארויסגעכאפט און איז ארויף אויף דעם דאך און האט זיך אראבגעווארפען. אין דער רגע איז אליהו הנביא געקומען צו פליהען און האט איהם דערחאפט איידער ער איז אראבגעפאלען. האט אליהו געזאגט צו רב כהנא, דו האסט מיך אצונד מטריח געווען פון פיער הונדערט מייל. האט רב כהנא איהם געענטפערט. און וואס האט מיך דען געברענגט דערצו, איך זאל דארפען האנדלען מיט ווייבער? אז נישט מיין גרויס ארעמקייט. האט אליהו איהם אנגעשיט א קוישעל מיט גאלדענע רענדלעך, פון וועלכען רב כהנא איז רייך געווארען:

אין די גמרא בבא מציעא שטעהט. אז רבה בר אבוה האט אמאל געטראפען אליהו הנביא אז ער איז געשטאנען אויף א בית הקברות פון א אומה געצענדיגער. האט רבה איהם געפרעגט. צי ביזט דו דען מיין הערר נישט קיין כהן, היינט ווי אזוי מעגסט דו שטעהן אין א בית הקברות. האט אליהו איהם געענטפערט, צי האסט דו דען נישט געלערנט סדר טהרות, דארט שטעהט דאך אז רבי שמעון בן יוחאי זאגט, דאס די קברים פון די געצענדיגער זענען נישט מטמא, בעוויל זיי גלויבען נישט אין איינציגען גאט, זענען זיי נישט מעהר נאר ווי בהמות. האט רבה געזאגט איך האב נישט קיין קלארען שכל מיט א לויטערע דעה. אז איך זאל זיין בקי אין די ערשטע סדרים משניות, מכל שכן נאך סדר טהרות, וואס איז שווערער ווי די ערשטע סדרים, איז אודאי נישט מיין

קאי

קאפ דערצו. האט אליהו איהם געפרעגט וואס די מעשה איז, פאר וואס ער האט נישט קיין לויטערע דעה, האט ער געענטפערט אז דאס איז איבער דוחק אין דער פרנסה. האט אליהו אנגענומען רבה און איז מיט איהם געפלויגען אין גן עדן אריין, דארט האט אליהו צו איהם געזאגט, קלייב אויף די בלעטלעך וואס ליגען דא אונטער די בוימער. און פאק דיר אן פולע פאלעס פון דיין אויבער-מלבוש און געה צוריק אהיים, וועסט דו מאכען פון זיי פיעל געלד. רבה האט אזוי געטהון, נאר ווען ער האט שוין געהאלטען ביי ארויסגעהן, האט ער דערהערט א קול האט געזאגט, צי האט עמיצער אמאל געזעהן א מענש, וואס זאל זיך אפ-געהמען זיין עולם הבא ביי דעם לעבען, אזוי ווי דער רבה בר אבוה. ווי רבה האט דאס דערהערט, האט ער אויסגעשיט די בלעטלעך אויף דער ערד און איז ארויס לעדיג. אבער דאך איז זיין מלבוש נאס גע-ווארען פון פייכטקייט פון די בלעטלעך, און דאס פייכטקייט האט געהאט זעהר אריח טוב. האט רבה אויסגעקוועטשט פון מלבוש דאס פייכטקייט, און האט דעם בשמים פערקויפט פאר צוועלף טויזענד גאלדענע רענדלעך. פון דעסטוועגען האט רבה זעלבסט נישט געוואלט קיין הנאה האבען פון דעם געלד, נאר ער האט עס צוטיילט זיינע איידעמעס:

אין מדרש שטעהט א מעשה, אז עס איז א מאל געוועזן א איש חסיד א גרויסער אביון, וועלכער האט געהאט א ווייב מיט פינף קינדער. האט זיך אמאל געמאכט זעהר שלעכט ביי זיי אין שטוב, אז עס האט זיך נישט געפונען קיין פרוטה אין שטוב צו קויפען א שטיקעל ברויט, דער הונגער איז געוועזן זעהר גרויס אין שטוב. האט זיין ווייב געזאגט צו איהם, מיין מאן! וואס וועט זיין אונזער תכלית, פאלג מיך און געה אין גאס אריין, אפשר וועט דער אויבערשטער דיר מזמין זיין עפיס פרנסה פאר אונז, מיר זאלען נישט שטארבען פאר הונגער. האט דער מאן גע-זאגט צו איהר. איך ווייס נישט וואו צו געהן. איך האב נישט קיין ברודער קיין קרוב קיין גוטען פריינד, וועלכע זאלען מיר העלפען פון די צרה, איך דארף נאר רחמים פון הימעל, אבער נישט פון קיין מענש. האט זי געשוויגען און האט איהם גאר נישט געענטפערט, דען זי איז אויך געוועזן א גרויסע צדקת, און האט נישט געוואלט מצער זיין איהר פרומען מאן. אבער די קליינע קינדער זענען דאך געווארען שטארק הונ-געריג, האבען זיי זעהר געוויינט און געשריגען מען זאל זיי געבען וועניגסטענס א שטיקעל ברויט. די ארעמע שוואכע מוטער האט שוין נישט געקאנט פער-טראגען דעם צער פון די קליינע קינדער, האט זי ווידער פארגעלעגט איהר מאן ער זאל געהן אין גאס אריין, אפשר וועט פארט דער אויבער-שטער עפיס א נס בעווייזען, זיי זאלען נישט דארפען זעהן ווי זייערע קינדער שטארבען פאר הונגער. האט דער חסיד צו איהר געזאגט. ווי

אזוי

אזוי קאן איך געהן אין גאס ארײן אז איך האב נישט קײן מלבוש אנצוטהון. דאס ווײב איז געלאפען און האט געבארגט א מלבוש בײ איהר'ס א שכנ'טע און האט געגעבען דעם מאן אנצוטהון. דער חסיד איז ארויסגעגאנגען אין גאס ארײן און האט זיך אנידערגעשטעלט אין א ווינקעלע א דערשראקענער, בעווײל ער האט נישט געוואוסט וואו צו געהן. האט ער אנגעהויבען צו ווײנען און האט אויפגעהויבען זײנע אויגען צום הימעל און האט אזוי געזאגט, רבונו של עולם, דו ווײסט דאך אז איך האב דא נישט קײן שום מענש, וועלבער זאל זיך איבער מיר מרחם זײן. מיר צו העלפען פון דער צרה, און בײ מיר אין שטוב וואלגערן זיך די קלײנע קינדער אויף דער ערד פאר הונגער, און ווײנען נאך א שטיקעל ברויט. ארוזא בעט איך דיך ליעבער גאט, בעווײז מיר דײנע חסדים און שיק מיר באלד און גיך א הילף, דען אזוי ווי נאר דו אלײן ווײסט פון מײן צרה, אזוי זאלסט דו אלײן מיר העלפען. און אויב מיר זענען נישט ווערטה דײן הילף, בעט איך דיך זאלסט פון אונז באלד צונעהמען אונזערע נשמות, מיר זאלען זיך שוין אברוהען מיט אנ'עביגע מנוחה פון אונזערע צרות. זײנע טרעהרען האבען געשפאלטען אלע הימלען, און זײן תפלה איז צוגעהערט געווארען. באלד איז אליהו הנביא איהם אנטקעגען געקומען און האט איהם געפרעגט, וואס איז דיר, וואס ווײנסט דו אזוי. דער חסיד האט פאר איהם אויסגעגאסען זײן ביטער הארץ, און האט איהם דערצעהלט, אין וואס פאר א צרה ער געפינט זיך אצונד. האט אליהו צו איהם געזאגט, שווײג שטיל, שוין גענוג געווײנט, שטארק דיך, דען עס איז שוין געקומען א ענדע צו דײנע צרות. איך וועל דיר געבען אזא עצה, געם מיך אן און האלט מיך צו, פונקט אזוי ווי א הערר האלט צו זײן קנעכט, און פיהר מיך ארויס אויפ'ן מארק צו פערקויפען, וועסט דו דיך קאנען מפרנס זײן מיט דעם געלד וואס דו וועסט נעמען פאר מיר. האט דער חסיד צו איהם געזאגט, מײן הערר! ווי אזוי קאן איך דיך פיהרען פערקויפען! אלע מענשען ווײסען דאך גאנץ גוט, אז איך האב קײן מאל נישט געהאט קײן עבד, איך האב מורא עס זאל נישט בלײבען בײ מענשען פערקעהרט, אז דו ביזט מײן הערר און איך בין דײן עבד. האט אליהו צו איהם געזאגט זארג נישט, און קלער נישט צופיעל איבער, נאר טהו אזוי ווי איך הײס דיך, און זאלסט געדענקען, ווען דו וועסט מיך פערקויפען, זאלסט דו מיר געבען פון דעם געלד אײן רענדעל. דער חסיד האט אזוי געטהון און האט ארויסגעפיהרט אליהו'ן אויפ'ן מארק צו פערקויפען פאר א קנעכט. מענשען וואס האבען זײ געזעהן האבען טאקי גערעכענט, אז אליהו איז דער הערר און דער ארעמער חסיד איז דער קנעכט. זײ האבען אבער בעמערקט אז דער חסיד האלט צו אליהו'ן און פיהרט איהם, האבען זײ נישט פערשטאנען וואס דא איז עפיס, ביז זײ האבען זיך געפרעגט. האט אליהו געענטפערט, דער מענש איז מײן הערר

און

און איך בין זיין עבד. אין דער זעלבע צייט איז פונקט דארט פערבייגעגאנגען איינער פון די גרויסע שרים, וואס זענען אין קעניגליכען הויף. דער שר האט געזעהן דעם עבד, איז ער איהם זעהר שטארק געפעלען. האט ער בעשטימט צו קויפען איהם פאר א קנעכט אין מלך'ס הויף אריין. אזוי ווי דער חסיד האט אויסגערופען אז ער וויל דעם עבד פערקויפען, האט זיך געמאכט פיעל קונים וואס האבען געשלאגען אין געלד אריין, ביז דער שר האט זיך אנגערופען אז ער גיט פאר איהם אכטציג טויזענד רענדלעך. האט אליהו געזאגט שטילערהייד צום חסיד, ער זאל איהם פערקויפען צו דעם שר. דער חסיד האט גענומען פון דעם שר די אכטציג טויזענד רענדלעך. פון דעם געלד האט ער געגעבען צו אליהו אין די האנד אריין איין רענדעל, אזוי ווי דער מדובר איז געוועזען. האט אליהו דאס רענדעל צוריק געגעבען דעם חסיד אין האנד אריין, און האט צו איהם אזוי געזאגט. דאס רענדעל גיב איך דיר פון מיין האנד אויף הצלחה, אז פון היינט אן זאלסט דו דיך מפרנס זיין מיט דיין בני בית אין גרוים עשירות מיט פיעל כבוד און נחת, און זאלסט שוין קיין מאל נישט וויסען פון קיין שום צרה ווי לאנג דו וועסט לעבען. נאך דעם איז אליהו אוועקגעגאנגען מיט דעם שר, און דער חסיד איז אהיים געלאפען מיט דעם געלד. אויפ'ן וועג האט ער איינגעקויפט ברויט מיט וויין און פון אלעם גוטען, און האט דאס אריינגעבראכט אין שטוב אריין, אויסשרייענדיג מיט טרעהרען אויף די באקען דיעזע ווערטער. עסט און טרינקט און דערקוויקט אייערע שוואכע הערצער! מילא ווער קאן זיך דען פארשטעלען די שמחה וואס דארט איז געווארען אין דער ארעמער שטוב, זיין ווייב האט איהם געפרעגט וואס ער האט געמאכט, און ער האט איהר אלעם דערצעהלט, וואס פאר א נסים דער אויבערשטער האט איהם געטהון. זי האט זיך זעהר שטארק געפרעהט וואס איהר מאן האט מצליח געוועזען דורך איהר עצה. זיי האבען ביידע געלויבט דעם אויבערשטען מיט הייסע טרעהרען פאר דעם חסד וואס ער האט מיט זיי געטהון. און דער אויבערשטער האט זיי געגעבען ברכה און הצלחה מיט א גרויס עשירות אויף פיעל דורות:

דער שר וואס האט געקויפט אליהו'ן פאר א קנעכט האט איהם פארגעשטעלט פאר דעם מלך. דער קנעכט האט געפונען גרויס חן אין דעם מלך'ס אויגען. אין דער זעלבער צייט האט דער מלך געהאלטען ביי אויפשטעלען זיך א שעהנעם פאלאץ, אויף וועלכען ער האט שוין געהאט אנגעגרייט דאס גאנצע מאטעריאל מיט פיעל ארבייטער, נאר ער האט זיך נישט געקאנט צופאסען א גוטען ארכיטעקטאר, ער זאל זיך אויף איהם פערלאזען. דער מלך האט דערקאנט אין אליהו, אז ער איז נישט קיין פראסטער קנעכט, האט דער מלך איהם געפרעגט. וואס פאר א מלאכה קענסט דו

האט

האט אליהו געענטפערט, איך בין א גוטער ארכיטעקטאר, און איך קען אויפשטעלען גרויסע שעהנע פאלאצען. ווי דער מלך האט דאס דערהערט האט ער זיך זעהר דערפרעהט און האט צו איהם געזאגט, איך פערלאנג פון דיר זאלסט מיר אויפשטעלען א שעהנעם קייזערליכען פאלאץ ווי אם גיכסטען. און אויב דו וועסט קאנען פערטיג מאכען דעם פאלאץ אין זעכס חדשים, וועל איך דיך דערנאך אין גאנצען פריי לאזען, מאטעריאל און ארבייטער וועט דיר נישט פעהלען. אויף דעם האט אליהו געענטפערט. יא אדוני המלך! איך נעם מיך אונטער דעם קיסר צופרידען צושטעלען אויף דעם בעסטען אופן. ביי נאכט איז אליהו אויפגעשטאנען און האט מתפלל געווען, אז דער אויבערשטער זאל איהם אראבשיקען מלאכים פון הימעל. זיי זאלען באלד אויפשטעלען דעם פאלאץ. דער אויבערשטער האט ערפילט די בקשה פון אליהו און האט אראבגעשיקט פון הימעל מלאכים, און איידער עס איז טאג געווארען איז שוין געשטאנען א פארטיגער פאלאץ, אזוי ווי דער מלך האט פערלאנגט. נאך דעם איז אליהו זיך פון דארט אוועקגעגאנגען זיין וועגס. אין דער פריה האט מען געזאגט דעם מלך, די וואונדערליכע ערשיינונג, אז איבער נאכט איז אויפגעשטעלט געווארען א שעהנער הערליכער קייזערליכער פאלאץ. דער מלך איז געקומען זעהן דאס גרויסע וואונדער און האט זיך זעהר געפרעהט אויף דעם שעהנעם פאלאץ. ער האט גלייך געשיקט רופען דעם קנעכט, איהם צו בעדאנקען און אויסצופארשען איהם וועגען דעם גרויסען וואונדער, אבער די שלוחים זענען צוריק געקומען ליידיג. האט דער מלך געזאגט, אז אנדערש נישט נאר דער קנעכט איז געווען א מלאך פון הימעל:

אזוי ווי אליהו איז אוועק פון מלך'ס פאלאץ, האט ער זיך געטראפען דערנאך מיט דעם זעלבען חסיד, וועלכער האט איהם פערקויפט. האט זיך דער חסיד מיט איהם שטארק געפרעהט און האט איהם געפרעגט, וואס האט דער הערר געטהון ביי דעם שר. האט אליהו איהם דערצעהלט, אז ער האט שוין זיין ארבייט פערטיג געמאכט, און לויט דעם בעדונג איז ער שוין פריי, דען ער האט דעם מלך איינגעבראכט פיעל מעהר געלד, וויפיעל דער שר האט פאר איהם בעצאהלט, בעוויל ער האט אליין איהם אויפגעשטעלט אין איין נאכט אזא גרויסען שעהנעם פאלאץ. האט זיך דער חסיד נאך מעהר געפרעהט אויף די רייד, און האט געזאגט צו אליהו, דער הערר האט מיך אצונד מחיה געווען מיט די רייד, בעוויל איך בין אצונד געוואהר געווארען אז דאס געלד וואס דער שר האט פאר דיר בעצאהלט איז גאנץ עהרליך, און עס הייסט נישט קיין גזילה געלד. נאך דעם האט אליהו געבענטשט דעם חסיד נאך איינמאל, און האט איהם אנגעזאגט ער זאל טהון צדקה און גמילות חסד מיט דעם געלד, וועט זיך דאס עשירות האלטען ביי איהם אויף דורי

דורות

דורות. און איז באַלד פון דאָרט אַװעקגעפלױגען און איז נעלם געװאָרען.

אין מדרש שטעהט אַ מעשה. עס איז אַמאָל געװען אַ גרױסער עושר, ער האָט געהאַט פיעל פעלדער און עס האָט איהם אַמאָל פערפעהלט אָקסען צום אַקערן. האָט דער עושר גענומען אַ בײַטעל געלד און איז אַװעקגעגאַנגען אין אַ אַנדערע שטאָדט, װאו עס איז געװען אַ גרױסער יריד, מיט די דעה צו קױפען דאָרט אָקסען. אמת טאַקי אַז דער מענש איז געװען אַ גרױסער נדבן אַ בעל צדקה און אַ מכניס אורחים, אָבער ער האָט ניט געהאַט קײַן שטאַרקע אמונה, דאָס די גאַנצע װעלט פיהרט זיך מיט אַ השגחה פרטית פון דעם הײליגען בעשעפער, נאָר ער האָט זיך געפלעגט אײנצורעדען, אַז מיט זײַן כח און מיט זײַן חכמה האָט ער דאָס אַלעס ערװערבט. דען געלד מאַכט געלד. איז איהם בײַגעשטאַנען דער זכות פון זײַן צדקה טהון, אַז מען זאָל איהם אָנלערנען אַראָבצופיהרען איהם פון דעם שלעכטען געדאַנק. האָט איהם בעגעגענט אױפ'ן װעג אליהו הנביא, װאָס זײַן מנהג איז צו געפינען זיך אויף אַלע ירידים. אליהו הנביא האָט אױסגעזעהן אַזױ װי אַ סוחר. האָט ער געפרעגט דעם עושר, װאו געהסטו? האָט דער עושר געענטפערט, איך געה אין די שטאָדט אַרײַן אױפ'ן יריד קױפען אָקסען. האָט אליהו געזאָגט צו איהם, זאָג אם ירצה השם. אָדער זאָג, מיט דעם אױבערשטענס הילף. האָט דער עושר איהם געענטפערט, צו װאָס דאַרף איך דאָס עפּיס זאָגען, איך האָב דאָך די געלד אין טאַש, נו װענדט זיך שױן די זאַך אין מײַן אײגענעם רצון. האָט אליהו איהם געזאָגט, אַז אַזױ װעט אָבער דאָס עסק ניט זײַן מיט הצלחה. דער עושר איז געגאַנגען װײַטער און אליהו איז איהם נאָכגעגאַנגען. עס האָט ניט לאַנג געדױערט האָט דער עושר פערלױרען דעם בײַטעל געלד, װעלכעס ער האָט נאָך ניט בעמערקט. אליהו האָט דעם בײַטעל אױפגעהױבען און האָט איהם פערטראָגען טיעף אין דעם דערבײַאיגען װאַלד אַרײַן, װאו קײַן מענש קומט דאָרט ניט צו, און האָט אַנידערגעלעגט דעם בײַטעל געלד אויף אַ גרױסען שטײַן. װען דער עושר האָט געקױפט אָקסען אױפ'ן יריד און האָט געװאָלט בעצאָהלען, האָט ער דערזעהן אַז ער האָט דעם בײַטעל געלד פערלױרען, איז ער אַהײם געגאַנגען מיט גרױס עגמת נפש. װען עס האָט געדאַרפט זײַן אין דער זעלבער שטאָדט נאָך אַמאָל יריד, האָט דער עושר װידער גענומען אַ בײַטעל געלד און איז געגאַנגען אין שטאָדט אַרײַן קױפען אָקסען. אױפ'ן װעג האָט איהם װידער אליהו הנביא בעגעגענט, אין אַ געשטאַלט פון אַ אַלטען מאַן, און האָט איהם געפרעגט, װאו געהסטו. האָט דער עושר געענטפערט, איך געה אויף דעם יריד קױפען אָקסען. האָט אליהו צו איהם געזאָגט. פאַר װאָס זאָגסטו ניט אם ירצה השם, אָדער מיט דעם אױבערשטענס הילף. דען װידער אַ מענש געהט טהון עפּיס אַ נײַע זאַך דאַרף ער אַזױ זאָגען. אָבער דער

דער עושר האט ווידער געענטפערט אזוי ווי פריהער, און האט געזאגט, איך פערשטעה נישט וואס פאר א שפראך אדער וואס פאר א תפלה דארף איך זאגען אז איך האב דעם ביטעל געלד אין בוזעם. האט אליהו איהם וויטער געענטפערט אזוי ווי פריהער, אז אויב מען זאגט נישט אזוי איז קיין הצלחה נישט דא. דער עושר איז וויטער אוועקגעגאנגען, איז אויף איהם געפאלען א שלאף מיט זעהר א מידיגקייט. האט ער זיך אנידערגעזעצט אברוהען און איז שטארק אנטשלאפען געווארען. האט אליהו ארויסגענומען פון זיין בוזעם דעם ביטעל געלד, דער סוחר האט גאר נישט געשפירט, און אליהו האט דעם ביטעל געלד אויך פערטראגען אין דעם זעלבען וואלד, אויף דעם זעלבען ארט וואו דער ערשטער ביטעל איז געלעגען. דער סוחר האט זיך אויפגעוואכט פון שלאף האט ער געזעהן אז ער האט נישט די געלד. האט ער געזאגט נישט אנדערש נאר אז גנבים האבען פון איהם ארויסגעגנב'ט דעם ביטעל געלד. און איז ווידער אזוי אהיים געגאנגען מיט גרויס עגמת נפש. אויפ'ן וועג האט זיך אבער דער עושר מיישב געוועזען, אז דאס איז נישט עפיס א פשוטע זאך, און ער האט אנגעהויבען צו פערשטעהן אז דאס איז א שטראף פון גאט, בעוויל ער גלויבט נישט אין דעם אויבערשטענס השגחה. האט ביי זיך דער עושר בעשטימט, אז פון היינט אן זאל ער שוין אנהויבען זאגען „אם ירצה השם" פאר יעדער נייע זאך, וואס ער וועט נאר אנהויבען עפים צו טהון. ווען עס איז ווידער אויסגעקומען א יריד אין דער זעלבער שטאדט, האט דער סוחר צום דריטען מאל גענומען א ביטעל געלד און איז געגאנגען אויפ'ן יריד קויפען אקסען. אויפ'ן וועג האט איהם ווידער אליהו בעגעגענט אין א געשטאלט פון א יונגען ארבייטער וואס געהט זיך פערדינגען צו אנ'ארבייט. האט ער געפרעגט דעם עושר. וואו געהט דער הערר. האט דער עושר איהם געענטפערט, איך געה אויף דעם יריד קויפען אקסען אם ירצה השם. האט אליהו איהם געוואונשען ער זאל קויפען מיט הצלחה, דערנאך האט ער געזאגט צום עושר, אבער איין זאך בעט איך פון הערר, אז אויב איהר וועט קויפען אקסען, וועט איהר דאך ברויכען א משרת, וואס זאל אייך העלפען די אקסען אהיים טרייבען, זאלט איהר מיך דינגען צו דער ארבייט, בעוויל איך בין א גרויסער ארעמאן און בין זעהר נויטבי־דארפטיג צום פערדיענסט. האט דער עושר איהם געענטפערט, גאנץ גוט, אויב דער אויבערשטער וועט מיר העלפען איך וועל קויפען אקסען, זאלסט דו צו מיר קומען וועל איך דיך דינגען צו דער ארבייט. דער עושר האט גאנץ גוט געקויפט אקסען, און אליהו איז צו איהם געקומען און האט זיך פערדונגען צום העלפען אהיים־טרייבען די אקסען. ווען זיי זענען געוועזען אויפ'ן וועג נעבען דעם גרויסען וואלד, האבען זיך די אקסען דערשראקען און זענען ענטלאפען אין וואלד אריין, זיי זענען נאכגעלאפען און האבען נישט געקאנט חאפען די אקסען, ביז די אקסען האבען זיך אליין אבגעשטעלט

בײַ דעם גרויסען שטיין, אויף וועלכען עס זענען געלעגען דעם עושרס צווײַ בײַטלען געלד, וואס אליהו האט זײַ דארט אנידערגעלעגט. דער עושר האט באלד דערקענט זײַנע צווײַ בײַטלען געלד, האט ער זיך שטארק געפרעהט, און האט געלויבט דעם אויבערשטען פאר דעם נס, וואס ער האט געפונען זײַן געלד. נאך דעם האבען זיך די אקסען געלאזט אהײם טרײַבען ביז דער עושר איז אהײם געקומען בשלום. דארט איז דער אקסען־טרײַבער פלוצלונג נעלם געווארען, דאן האט ערשט דער עושר נאך מעהר פערשטאנען, אז דאס אללעס איז געשעהן געווארען מיט דעם אויבערשטענס השגחה. פון דאמאלס אן איז ער געווארען פעסטער אין די אמונה, און האט אנגעהויבען נאך מעהר צו טהון צדקה און גמילות חסדים, און האט אויסגעלעבט זײַנע יאהרען מיט עושר וכבוד.

אין מדרש שטעהט א מעשה, אז א תלמיד איז אמאל געגאנגען פון ארץ ישראל אין די מדינה בבל. ער האט בײַ זיך געהאט א ביסעל געלד וואס ער האט מרויח געווען מיט נויט שווײס און מיט שווערע ארבײט. ער איז געקומען אין א שטאדט אריין ערב שבת, האט ער געזוכט א ערהרליכען מענש וואס ער זאל קאנען איהם אנגעטרויען צו בעהאלטען בײַ איהם די געלד איבער שבת. דער תלמיד איז געגאנגען אין שוהל אריין האט ער דארט געטראפען איין יוד אײנגעהילט אין טלית ותפילין, וועלבער האט זיך גוט געשאקעלט בײַ דעם דאווגען. האט דער תלמיד זיך געטראכט אז דער מענש איז געוויס דער פרוםסטער און דער ערהרליכסטער פון דער גאנצער שטאדט, האט ער געווארט ביז דער מענש האט אבגעדאווענט. דערנאך איז ער צוגעגאנגען צו דעם מענש און האט שלום גענומען. האט דער מענש איהם געפרעגט ווער ער איז. האט ער געענטפערט אז ער איז אנ'אורח פון א ווײַטע מדינה, און האט איהם באלד פארגעלעגט, אז אזוי ווי ער האט בײַ זיך א ביסעל געלד, און דא געהט שבת, וויל ער בײַ איהם בעהאלטען דעם בײַטעל געלד איבער שבת. האט דער מענש איהם געענטפערט, גאנץ גוט, איך וועל מיט דיר טהון דעם חסד. דער מענש האט בײַ דעם אורח גענומען דעם בײַטעל געלד און איז אהײם געגאנגען. זונטאג אין דערפריה איז דער תלמיד געקומען אהײם צו דעם מענש און האט פערלאנגט ער זאל איהם אבגעבען דעם בײַטעל געלד. האט דער מענש זיך געמאכט פרעמד, גלײַך ער קאן איהם גאר נישט, און ווייסט גאר נישט וואס ער רעדט צו איהם, און האט געענטפערט, רבי יוד, איהר מוזט געבעך געוויס האבען א טעות, איהר האט געמוזט געבען דעם בײַטעל געלד אנ'אנדערן מענש, וועלבער איז עהנליך צו מיר, אלזא געהט אײַך געזונדטערהײט און זוכט בעסער אויס דעם מענש, וועלבער האט ווירקליך בײַ אײַך צוגענומען די געלד. ווי דער תלמיד האט דאס דערהערט איז ער געבליבען שטעהן

דערשראָקען

דערשראקען, און איז ארויסגעגאנגען מיט א ביטער הארץ, און האט אנגעהויבען צו וויינען און צו שרייען, וואס וועט ער אצונד טהון, און פון וואס וועט ער לעבען, אז ער איז געבליבען אהן א פרוטה. ער האט זיך געבעך אזוי ארומגעדרעהט אין גרויסע צרות מיט טרעהרען אויף די באקען א גאנצען טאג. צומארגענס אין דערפריה האט זיך דער תלמיד מיישב געווען און איז ווידער אריינגעגאנגען צו דעם מענש און האט זיך ביי איהם געבעטען מיט א געוויין, ער זאל רחמנות האבען און זאל איהם אבגעבען זיין געלד. האט דער מענש אויסגעשריגען צו זיינע שטוב-מענשען אז נישט אנדערש נאר דער יוד מוז זיין עפיס א משוגענער, און האט איהם שוין גאר נישט געוואלט קיין ווארט ענטפערן אויף זיין געוויין. דער תלמיד האט געזעהן אז ער האט שוין מיט איהם גאר נישט וואס צו מאכען, איז ער געגאנגען אויף ביי נאכט אין דער זעלבע שוהל אריין, און האט אנגעהויבען זעהר שטארק צו וויינען און האט אזוי געזאגט. רבונו של עולם, נישט דעם מענש האב איך אנגעטרויט מיין געלד, נאר איך האב זיך אנגעטרויט אין דיין גרויסען הייליגען נאמען וואס איז אויסגעקריצט אין די תפילין, וואס דער מענש איז געגאנגען אנגעטהון אויפ'ן קאפ. און אין די הייליגע ציצית פון דעם טלית וואס ער איז געווען איינגעהילט. אלזא בעט איך דיך רבונו של עולם טהו מיט מיר א חסד און העלף מיר ארויס פון די צרה. און ער האט אזוי לאנג געוויינט ביז ער איז איינגעשלאפען פון געוויין. האט ער געזעהן אין חלום אז אליהו הנביא שטעהט פאר איהם, און האט צו איהם געזאגט. זארג נישט מיין קינד נאר זאלסט אזוי טהון, באלד אין דער פריה זאלסט דו אבווארטען די שעה ווען דער מענש געהט אוועק פון זיין שטוב, דאן זאלסט דו אריינגעהן און זאלסט צו זיין ווייב אזוי זאגען. זאלסט וויסען אז דיין מאן האט מיך געשיקט צו דיר אז דו זאלסט מיר באלד אבגעבען דעם ביטעל געלד, וואס ער האט דיר געגעבען ערב שבת צו בעהאלטען, און ער האט מיר געגעבען א ווארט-צייכען צו דיר, אז איהר האט געגעסען חמץ דעם פסח, און אז איהר האט ישט געפאסט דעם יום כפור. דער תלמיד האט זיך באלד אויפגעוואכט פון שלאף, האט ער פערשטאנען גאנץ גוט דעם חלום, זיין הארץ איז אין איהם שטארקער געווארען. ער האט אבגעווארט אין דער פריה די שעה און איז אריינגעגאנגען צו דעם ווייב און האט איהר אזוי געזאגט. ווי זי האט דערהערט דעם ווארט-צייכען האט זי באלד איהם אוועקגעגעבען זיין ביטעל געלד, און דער תלמיד איז ארויסגעגאנגען פרעהליך. דעם תלמיד איז אבער געווען די גאנצע מעשה א גרויס וואונדער, און ער האט זיך מיישב געווען ער זאל נאך נישט אוועקגעהן פון די שטאדט, ביז ער וועט עפיס געוואהר ווערען, וואס פאר א מענש דאס איז. דער סוף איז געווען אז ווען דער מענש איז אהיים געקומען, האט זיין ווייב איהם דערצעהלט, אז זי האט געטהון אזוי ווי ער האט בעפוילען. ווי דער

מענש

מענש האט דאס דערהערט איז ער געבליבען שטעהן זעהר דער־
שראקען, און האט דערקלעהרט זיין ווייב, אז ער האט דעם תלמיד
גאר נישט געשיקט צו איהר. און אויסער דעם האט איהם שטארק
פערדראסען, וואס מען איז געוואהר געווארען פון זייערע פערבארגענע
סודות. האט דער מענש געזאגט צו זיין ווייב, אויב עס איז יא אזוי,
איז בעסער מיר זאלען צוריק געהן בפרסום צו אונזער גלויבען. זיי
זענען געוועזען פריהער געצעהן־דיענער האבען זיי זיך מגייר געוועזען נאר לפנים,
און בסוד האבען זיי ווייטער געדיענט די עבודה זרה, און אצונד זענען
זיי צוריק געגאנגען בפרסום צו זייער גלויבען. פון דער מעשה קען מען
זיך דער תלמיד אנגעלערנט, אז נישט אזוי גיך קען מען זיך געטרויען אין א פרעמדען מענש:

## דאס איז די וואונדערליכע מעשה פון דעם בעל סנדקאות. דאס הייסט פון איינעם וואס האט זיך געפלעגט לאזען קאסטען פיעל געלד, מען זאל איהם מכבד זיין מיט די מצוה פון סנדקאות:

אין מדרש שטעהט א מעשה פלא. אין שטאדט אלכסנדריא פון מצרים האט געוואהנט א גרויסער סוחר מיט דעם נאמען ר׳ ברונא פוזי, וועלכער איז געווען זעהר רייך. זיין ווייב איז אויך געווען א אשת חיל מיט דעם נאמען חנה, וועלכע האט איהם געבארען זיהן מיט טעכטער. און אלע זענען געגאנגען אין גאט׳ס וועג. דער ר׳ ברונא האט געפלעגט נאך-זוכען צו טהון מצות ומעשים טובים, זיין הויז איז געווען אפען פאר ארעמע לייט. און די מצוה פון הכנסת אורחים איז געווען גאנץ טייער אין זיינע אויגען, דעסטגלייכען אין זיין ווייבס אויגען. זי האט געפלעגט צו בעדיענען די אורחים אזוי גוט ווי ער. און אויסער דעם אללעם האט געפלעגט דער ר׳ ברונא צו זיין א גרויסער מהדר אויף די מציה פון סנדקאות, אויף וועלכען ער האט געפלעגט אויסצוגעבען פיעל געלד. און ווען ר׳ ברונא איז געווען אין דער היים האט ער נאך-געזוכט ער זאל האבען אלע טאג א סנדקאות. און וואו עס איז געווען אן׳ארעמער בעל ברית, האט ר׳ ברונא געפלעגט לאזען מאכען די סעודה פאר זיין געלד. און בעזונדער האט ער געפלעגט איבערלאזען געלד פאר די ארעמע יולדת, זי זאל זיך האבען מיט וואס דאס הארץ צו דערקוויקען. זיין מסחר איז געווען א פוטער-האנדעל. ער פלעגט אוועק פאהרען אלע דריי יאהר אין א ווייטע מדינה, און האט אויפגעקויפט טייערע פעל פון אלערליי חיות, וועלכע געפינען זיך אין די גרויסע וועלדער. דארט האט ער געפלעגט זיצען דריי חדשים, דערנאך איז ער אהיים געפאהרען. און בעווייל דער וועג איז געווען דורך א גרויסע מדבר, איז ער קיינמאל נישט אליין געפאהרען. נאר צוזאמען מיט א גרויסע מחנה מענשען, וועלכע פלעגען זיך דינגען בעוואפענטע זעלנער מיט אנ׳עלטסטען, וועלכער איז געווען דער אנפיהרער פון דער מחנה, צו בעשיטצען זיי אויפ׳ן וועג פון גזלנים רויבער, וואס פלעגען בעפאלען די רייזענדע און אוועקרויבען וואס זיי האבען געפונען. אמאל איז ר׳ ברונא געפאהרען מיט א מחנה אין דער גרויסער מדבר, איז ביי נאכט אויף זיי אנגעפאלען א מחנה גזלנים רויבער. און עס האט זיך געמאכט א גרויסע מלחמה צווישען די מחנה מיט די רויבער. אזוי ווי ר׳ ברונא האט

געזעהן

געזעהן אז זיין מחנה שטעהט נישט גוט, איז ער אראבגעשפרונגען פון זיין אייזעל אויף די ערד, און האט זיך אויסגעצויגען, ער זאל נישט זיין אזוי אנזועהעדיג, און האט אנגעהויבען צו רוקען זיך אויפ'ן בויך אין דער זייט פון דער מלחמה אלע מאל ווייטער און ווייטער, און האט זיך בעהאלטען אין זאמד, און האט געווייגט און געבעטען דעם אויבערשטען, ער זאל ניצל ווערען פון די רויבער און זאל בלייבען לעבען. ווען ר' ברונא איז אראבגעשפרונגען פון זיין אייזעל איז זיין היטעל אראבגעפאלען פון זיין קאפ, און עס איז געבליבען הענגען אויף דעם זאטעל פון דעם אייזעל. אין דער מלחמה האט דער אנפיהרער פון דער מחנה געגעבען א בעפעהל אז עס טויג נישט צו שטעהן אויף איין ארט, נאר צו רוקען זיך מיט אלע קרעפטען ווייטער און ווייטער. און עס האט אזוי געדויערט ביז עס האט אנגעהויבען ליכטיג צו ווערען, דאן האבען די זעלנער גובר געווען און האבען פערטריבען די רויבער. די מלחמה האט זיך אויסגעלאזט מיט דעם, וואס די רויבער האבען נאך ביי נאכט איוועקגערויבט צוויי וועגען מיט סחורות, און עטליכע מענשען פון די מחנה זענען געהרג'ט געווארען, און עטליכע זענען פערוואונדעט געווארען. ווי ווייט מעגליך עס איז געווען ביי נאכט האט די מחנה געזעהן עס זאל נישט בלייבען אויפ'ן וועג פון זייערע מענשען, נישט קיין געהרג'טער און נישט קיין פערוואונדעטער, נאר זיי האבען זיך געשטארקט ארויף צו לעגען זיי אויף די וועגען ביי נאכט בשעת זייער ענטלויפען. אויף צומארגענס ווען עס איז שוין געווען גרויסער טאג, און די מחנה האט פערשטאנען, אז זיי האבען שוין נישט וואס מורא צו האבען פאר די רויבער, האט זיך די מחנה אבגעשטעלט אבצורוהען זיך, און צו ברענגען אלעס אין ארדענונג. די פערוואונדעטע איז געגעבען געווארען זייער נויטיגע הילף. די געהרג'טע זענען בעגראבען געווארען אלע אין איין קבר, נאך דעם וואס עס איז פערשריבען געווארען אין דעם בוך די נעמען זייערע, כדי זיי זאלען וויסען איבערצוגעבען א ריכטיגע ידיעה די ווייבער פון די געהרג'טע. נאר בעוויל זיי האבען דאך א ביסעל מורא געהאט לאנג צו שטעהן אויף איין ארט אין דער מדבר, איז דאס אלעס געמאכט געווארען אין איילעניש און די הרוגים זענען נישט אזוי גוט בעטראכט געווארען פאר די קבורה. און בעוויל עס האט זיך געפונען צווישען די הרוגים איינער וואס איז געווען אויך מיט א לאנגע באָרד, און איז געווען עהנליך צו דעם סוחר ר' ברונא, און דערצו איז דארט אין דער מחנה געווען נאך א יודישער סוחר פון אלכסנדריא, וועלכער איז געפארען צוזאמען מיט ר' ברונא, און ער האט באלד דערקענט דאס אייזעל מיט דעם היטעל פון ר' ברונא, האט שוין ממילא זיין געדאנק איהם אויך אזוי פארגעשטעלט, אז דער מענש מיט די לאנגע באָרד וואס ליעגט צווישען די הרוגים איז טאקי ר' ברונא, אלזא איז אזוי פערשריבען געווארען אין בוך, אז ר' ברונא איז געהרג'ט געווארען.

זיי האבען אפילו געזעהן דערנאך אז עס פעהלט איין מענש פון דער מחנה, האבען זיי בעשטימט אז דער איינער איז געפאנגען געווארען צו די רויבער. דער עלטסטער וואס איז געוועזן דער אנפיהרער פון דער מחנה, האט באלד איבערגעגעבען דעם אנדערן סוחר פון אלכסנדריא א פאפיר געשריבען און געחתמעט, אז ר' ברונא איז געהרג'עט געווארען. אויך האט ער איהם געגעבען דאס אייזעל מיט דעם היטעל מיט די רעשט זאכען פון ר' ברונא, אז ער זאל דאס אלעס אבגעבען ר' ברונא'ס ווייב, ווען ער וועט בשלום אהיים קומען. דאס אלעס איז געמאכט געווארען אין איילעניש, און די מחנה איז באלד פון דארט געשווינד אוועק געפאהרען. עס איז פערביינעגאנגען א האלב יאהר איז דער אנדערער סוחר פון אלכסנדריא אהיים געקומען בשלום, ער האט באלד אבגעשיקט צו ר' ברונא'ס ווייב דאס אייזעל מיט דעם היטעל, מיט די רעשט זיינע חפצים, מיט דעם בריעף פון דעם אנפיהרער פון דער מחנה, זי זאל וויסען אז איהר מאן איז געהרג'ט געווארען. נאך דעם האט דער סוחר עדות געזאגט ביי דעם שטאדטס-רב, אז ער האט אליין געזעהן ר' ברונא צווישען די הרוגים, און האט אליין געזעהן זיין קבורה. אלזא איז די חנה וואס איז געוועזן ר' ברונא'ס ווייב פערעכענט געווארען פאר אן אלמנה. אזוי ווי די שלעכטע בשורה איז אנגעקומען צו חנה האט דאס גאנצע הויז מיט איהר מיטגע-וויינט און געקלאגט, און זיי האבען געטרויערט אויף ר' ברונא א לאנגע צייט. אבער בעוויל עס איז איבערגעבליבען נאך ר' ברונא פיעל גרויסע געשעפטען, און חנה איז נישט אימשטאנד געוועזן די געשעפטען צו פיהרען, האט מען איהר געגעבען אן עצה, אז זי מוז חתונה האבען מיט א קלוגען מענש, וואס זאל זיין פעהיג צו פיהרען די געשעפטען. נאך דעם טרויער יאהר האט חנה איינגעשטימט חתונה צו האבען. זי האט גענומען א מאן א חכם א סוחר, וועלכער האט גאנץ גוט געפיהרט די געשעפטען, און האבען געלעבט בשלום:

דער סוחר ר' ברונא אזוי ווי ער איז אראבגעשפרונגען פון דעם אייזעל און האט זיך געדוקט אויפ'ן בויך צווישען דעם זאמד אין דער פינסטערניש אלע מאל ווייטער און ווייטער פון דער מלחמה, איז אזוי געלעגען אויף דער ערד בעהאלטען אין זאמד עטליכע שעה. ביז ער האט שוין נישט געהערט דאס קול פון דער מלחמה. דאן האט ער פערשטאנען אז אפילו ער וועט זיך אויפשטעלען, וועלען איהם אויך די רויבער ביי נאכט נישט דערזעהן, האט ער זיך אויפגעחאפט און האט אנגעהויבען לויפען געשווינד. ער האט גערעכענט, אז ער לויפט אין דער זייט וואו די מחנה געהט, כדי ער זאל זיי דעריאגען. אבער אין דער שרעק האט ער געהאט א טעות, און איז נאר געלאפען אין א אנדערע זייט, און האט זיך אלע מאל מעהר דערווייטערט פון די מחנה. אז עס איז טאג געווארען, און די

זון האט אנגעהויבען שיינען, האט ר׳ ברונא דערזעהן לויט די זון, אז
ער האט געהאט א טעות, און איז גאר געלאפען אין א אנדערע זייט.
האט ער שוין פערשטאנען זיין צרה, אז ער איז געבליבען איינער אליין
אין א וויסטע מדבר, האט ער אנגעהויבען זעהר שטארק צו וויינען, און
האט זיך אנידערגעזעצט א ביסעל אברוהען זיך. צו זיין גליק האט ער גע-
האט ביי זיך א שטיקעל ברויט מיט א ביסעל וויין אין א פלעשעלע, האט
ער געגעסען א קליין שטיקעל ברויט און פערטרונקען א ביסעל וויין.
אבער נאר דאס הארץ זיך צו דערקוויקען. ער האט זיך אנידערגעלעגט
און איז שטארק ענטשלאפען געווארען, בעוויל ער איז געוועזן זעהר מיעד.
אזוי ווי ער איז געשלאפען זענען דארט פערביי געריטען א באנדע רויבערס
אויף גרויסע פערד, האבען זיי איהם אויפגעוועקט און בעזוכט, דעם ביטעל
געלד מיט אלע זיינע חפצים האבען זיי באלד צוגענומען. דערנאך האבען
זיי איהם געבונדען מיט א שטריק און ארויפגעלעגט אויף א פערד. זיי
האבען איהם צום פערד אויך צוגעבונדען, און זענען מיט איהם אוועק-
געריטען. זיי האבען איהם אזוי מיטגעפיהרט מיט זיך עטליכע טעג א
וויטען וועג, ביז זיי זענען אנגעקומען אין א קליין דערפעל. דארט האבען
זיי איהם אריינגעזעצט אין א גרויסע שטוב א׳נידריגע און א פינסטערע.
וואו עס האבען זיך ארומגעדרעהט נאך פיעל געפאנגענע מענשען פון וויטע
מדינות, אז איינער האט נישט פערשטאנען דעם צווייטענס שפראך. מען
האט זיי געהאלטען אזוי ווי בהמות אין א שטאל. אויף דעם דאך פון
דער שטוב איז געווען א פענסטער, דורך וועלכען מען האט זיי אראבגע-
לאזט מיט א שטריק ברויט מיט וואסער און אנדערע מאכלים, זיי זאלען
האבען גענוג צו עסען, כדי זיי זאלען שעהן אויסזעהן. אין עטליכע טעג
ארום איז געעפענט געווארען די טהיר, און די רויבער זענען אריינגע-
קומען בעוואפענט מיט א פעקעל געמיינע מלבושים פון ווייסע גראבע ליי-
וואנד, זיי האבען געגעבען א בעפעהל אז אלע געפאנגענע זאלען זיך אויס-
טהון נאקעט. די אלע מלבושים האבען זיי צוגענומען און האבען געגעבען
יעדען גלייך אנצוטהון זייערע מלבושים, וועלכע זענען בעשטאנען פון דריי
מלבושים, א העמד, פלודערן און א היטעל. אללעס פון ווייסע גראבע ליי-
וואנד. נאך דעם האבען זיי די אלע געפאנגענע צוזאמען געבונדען מיט
שטריק, איינעם צום אנדערן, און ארויסגעפיהרט זיי פון דעם שטאל,
און געהייסען אריינגעהן אין צוויי גרויסע פערמאכטע וועגען, וועלכע זענען
געשטאנען גרייט אין דרויסען, און זענען מיט זיי אוועקגעפאהרען. אין
עטליכע טעג ארום זענען זיי אנגעקומען צו א גרויסען פארט פון א ים.
וואו עס זענען געשטאנען גרויסע שיפען פון ווייטע מדינות. אין די שיפען
זענען געווען סוחרים וואס קויפען די געפאנגענע, צו פערקויפען זיי
דערנאך פאר קנעכט. די סוחרים האבען אבגעקויפט ביי די רויבער אלע
געפאנגענע, און ר׳ ברונא איז אויך צו זיי פערקויפט געווארען:

עס

עס איז פערביינגאנגען עטליכע וואכען זענען די שיפען פון דעם פארט אבגעשוואומען אין וויטע מדינות צו פערקויפען די געפאנגענע פאר קנעכט, און ר' ברונא איז אויך ארויסגעפיהרט געווארען אויפ'ן קנעכט-מארק צום פערקויפען. איז געקומען א רייכער מענש, וועלכער איז שוין געוועזען אין די עלטערע יאהרען, און האט געקויפט ר' ברונא פאר א קנעכט. ער האט איהם אהיים געפיהרט צו זיך. האט ר' ברונא געפונען חן אין זיינע אויגען און דער הערר האט נישט אויף איהם בעשווערט ער זאל ארבייטען שווערע ארבייט. נאר אזוי ווי ער האט אין איהם דערקאנט אז ער איז א טויגליכער מענש און קען רעכענען, האט דער הערר איהם איבערגעגעבען ער זאל פיהרען און אכטונג טהון אויף אלע זיינע געשעפטען זיי זאלען זיך פיהרען אין ארדנונג. און בעוויל דער הערר האט נישט גע-האט קיין קינדער, אלזא איז ר' ברונא געווארען דארט א גאנצער מושל. ער האט געשאפט מיט אלע קנעכט אזוי ווי דער הערר זעלבסט. און האט זיך געפלייסט אללעס זאל זיין אין בעסטען ארדנונג. ער האט שוין כמעט פערגעסען אז ער איז דא א קנעכט. און אזוי ווי מען האט אין יענער מדינה זעהר פיינד געהאט יודען, אז מען האט דארט גאר נישט געלאזט וואהנען קיין יוד. אלזא האט ר' ברונא געמוזט האלטען זעהר בסוד אז ער איז א יוד. נאר אין פערבארגענהייט האט ער אבגעהיטען דאס יודיש-קייט ווי וויים מעגליך עס איז נאר געוועזען. ער האט אפילו תמיד געקלערט עצות ער זאל קענען אנטלויפען פון דארט, ער האט אבער פערשטאנען אז דאס איז זעהר א שווערע זאך, און אז ער איז איינגעשטעלט ביי דעם מיטען לעבען. דען דארט איז געוועזען א געזעץ, אז דער קנעכט וואס אנטלויפט ווערט בעשטראפט מיט טוידט-שטראף, און יעדער מענש וואס האט געוואלט פון דארט איועקפאהרען, אזוי ווי ער איז נעקומען צום פארט און האט געוואלט אויפזיצען אויף דער שיף, האט מען איהם אונטער-זוכט אויב ער איז נישט קיין קנעכט. און יעדער קנעכט האט געהאט א חתימה אויף זיין לייב דעם הערר'ס נאמען, וועלכעס איז געמאכט געווארען מיט אזא פארב וואס געהט קיינמאל נישט אב. אלזא האט ר' ברונא נישט געהאט קיין עצה צו אנטלויפען פון דארט, און איז אזוי געוועזען קנעכט זיבען יאהר. אין זעכסטען יאהר, ווען זיין הערר איז שוין געוועזען זעהר אלט האט ער צוגערופען זיין קנעכט ר' ברונא און האט צו איהם אזוי גע-זאגט. בעוויל איך זעה אז דו ארבייטסט ביי מיר געטריי. נישט אזוי ווי קנעכט ביי א הערר, נאר אזוי ווי א זוהן ביי זיין פאטער, אלזא מאך איך דיך פריי, און דו וועסט שוין נישט גערופען ווערען קנעכט, נאר הערר. און אויסער דעם גיב איך דיר געשריבען און געחתמ'ט. אז נאך מיין טוידט זאלסט דו זיין דער איינציגער יורש פון מיין גאנץ פערמעגען. נאר צוויי פונקטען נעם איך זיך מיט דיר אויס. ערשטענס, זאלסט וויטער זיין ביי מיר און זאלסט מיך נישט פערלאזען ווי לאנג איך וועל לעבען, צווייטענס,

אויב

אויב איך וועל פריהער שטארבען פאר מיין ווייב, זאלסט דו זיין מחויב צו שפייזען מיין ווייב אויף איהר עלטער בכבוד, פונקט אזוי ווי ביי מיין לעבען". ר' ברונא האט זיך געבוקט פאר זיין הערר און האט איהם זעהר בעדאנקט פאר דעם גרויסען חסד. א יאהר נאך דעם איז זיין הערר געפעהרליך קראנק געווארען און איז געשטארבען. דאן איז ר' ברונא געווארען דער ווירקליכער הערר איבער דער גאנצער ירושה:

נאך דעם אלעם האט ר' ברונא אנגעהויבען צו טראכטען וועגען זיין תכלית, וואס ער זאל אצונד טהון. צי זאל ער אהער ברענגען זיין ווייב חנה פון אזא ווייטע מדינה, צי זאל ער אללעס איבערלאזען און ענטלויפען אהיים צו זיין ווייב און קינדער. ער האט זיך אבער אזוי איבערגעקלעהרט. עס איז דאך שוין אכט יאהר פערביינגעגאנגען זינט איך האב פערלאזט מיין הויז-געזינד, הײנט ווער ווייסט וואס דארט איז געווארען פון מיין הויז מיט מיין פערמעגען, און ווער ווייסט צי מיין ווייב חנה לעבט נאך. אלזא איז ער געפאלען אויף אזא עצה. אז פריהער זאל ער פאהרען אין דער מדינה אריין, וואו ער פלעגט אהינקומען פון דער היים קויפען פעל, און דארט זאל ער אבווארטען ביז עס וועט קומען דער גרויסער יריד, וואו עס קומען זיך צוזאמען סוחרים פון ווייטע מדינות, האט ער גערעכענט אז געוויס וועט פון זיין שטאדט אלכסנדריא אויך קומען א סוחר, דאן וועט ער ביי איהם אללעס געוואהר ווערען, און דערנאך וועט ער שוין וויסען וואס צו טהון. ר' ברונא האט מיטגענומען פיעל געלד מיט פיער קנעכט, זאגענדיג אז ער פאהרט אוועק אין א ווייטע מדינה צו מאכען א מסחר פון פוטערווארג, און איז גאנץ רייך אוועקגעפאהרען. די רייזע האט אבגעדויערט דריי חדשים, אוז ער איז געקומען בשלום אין דער מדינה וואו דער פעל-האנדעל איז, און האט נאך דארט געווארט עטליכע חדשים ביז צום יריד. די עצה פון ר' ברונא איז טאקי גוט אויסגעפיהרט געווארען, דען ר' ברונא האט טאקי געפונען צוויי זיינע בעקאנטע סוחרים פון דער שטאדט אלכסנדריא. אבער ווען ר' ברונא איז אריינגעקומען צו די צוויי סוחרים און האט זיי געזאגט ווער ער איז, און האט זיך באלד אנגעהויבען אויס-צופרעגען וועגען זיין ווייב חנה מיט די קינדער מיט זיינע געשעפטען, האט ער געזעהן אז די צוויי סוחרים ענטפערן איהם עפיס גאר נישט, נאר זיי זענען געבליעבען זיצען בלאס דערשראקען, איינער דעם אנדערן האט אנגעהויבען אנצוקוקען זיך מיט פערוואונדערונג, דערנאך זענען זיי אוועק-געגאנגען פון טיש און האבען זיך עפיס אדורכגערעדט שטילערהייט און האבען איהם גוט בעטראכט, דאן האבען זיי איהם געפרעגט מיט פער-וואונדערונג, „וואס! איהר זענט דאס טאקי ווירקליך דער ר' ברונא פון אונזער שטאדט?" האט ער געענטפערט אז דאס איז ער טאקי דער

זעלבער, וואס איז מיט אכט יאהר צוריק אוועקגעפאהרען פון אלכסנדריא קויפען פעל אין זיין פוטער האנדעל אריין, און האט זיי געזאגט אלע סימנים. האבען זיי איהם געענטפערט. „אויב אזוי מוזען מיר אייך זאגען דעם אמת. איהר זאלט וויסען אז דאמאלס ווען איהר זענט אוועק איז דערנאך מפורסם געווארען ביי אונז אין שטאדט אז איהר זענט אויפ'ן וועג גע'הרג'עט געווארען דורך א רויבער-באנדע, און עס איז שוין דאס זיבענטע יאהר וואס אייער ווייב חנה האט חתונה געהאט מיט אנ'אנדערן מאן, און לעבען זיך צוזאמען בשלום". ווי ר' ברונא האט דאס דערהערט איז ער שטארק דערשראקען געווארען, און האט אנגעהויבען זעהר צו וויינען. נאך דעם וואס ער האט זיך עטוואס בערוהיגט, האט ער זיי דער-צעהלט די גאנצע מעשה, ווי אזוי מיט איהם האט זיך פאסירט פון דאמאלס אן. און נאך א שטארק איבערקלערונג האט ער צו זיי אזוי געזאגט. „אז עס איז יא מיר אזא אומגליק געשעהן. וואס מוינ-זשע מיר אהיים צו פאהרען קיין אלכסנדריא, אז איך און מיין ווייב חנה זאלען מיר זיין צו שאנד און שפאס ביי די גאנצע שטאדט. עס איז מיר גלייכער איך זאל צוריק פאהרען אין די מדינה וואו איך בין פערווארפען געווארען, וואס דארט לעב איך מיר במנוחה בעושר וכבוד". ר' ברונא האט אנגעשריבען צוויי גרויסע בריעף, אין וועלכע ער האט בעשריבען אללעס וואס מיט איהם האט זיך פאסירט איבער די גאנצע צייט, און האט אויסגעפיהרט אין די בריעף, אז פאר חרפה פון זיין ווייב חנה קען ער שוין נישט אהיים קומען, אלזא האט ער בעשטימט צוריקצופאהרען אין די וייטע מדינה, וואו ער איז בעגליקט געווארען מיט א גרויס עשירות. די צוויי בריעף האט ר' ברונא איבערגעגעבען די סוחרים פון אלכסנדריא, און האט זיי געבעטען זעהר שטארק, אז אזוי ווי זיי וועלען אהיים קומען בשלום, זאלען זיי אבגעבען איין בריעף צו זיין ווייב חנה, און דעם צווי-טען בריעף צום שטאדטס-רב. נאך דעם האט ער זיך געזעגענט מיט די סוחרים אין א שטארק געוויין, און איז געגאנגען אין זיין גאסט-הויז אריין זעהר שטארק אויפגערעגט. נאך דעם זעלבען טאג האט ער געגעבען א בעפעהל אויף זיינע קנעכט זיי זאלען גרייט מאכען אללעס אין וועג אריין אהיים צו פאהרען, זאגענדיג דערביי אז עס האט זיך איהם נישט איינגעגע-בען צו האנדלען, בעוויל דאס יאהר איז פונקט א גרויס יקרות אויף די פעל, אלזא מוז ער צוריק פאהרען לעדיג. די קנעכט האבען אללעס צוגע-גרייט און אויף צומארגענס אין דער פריה איז ר' ברונא צוריק געפאהרען אין די וייטע מדינה, צו זיין נייעם רייכקייט:

ווען ר' ברונא איז צוריק געפאהרען איז זיין וועג געווען איבער יענעם ים. וואס ביי דעם פארט איז געוועזען א מסחר פון קנעכט. איז גע-פעלען ר' ברונא ער זאל זיך צוקויפען נאך איין קנעכט. דער קנעכט וואס

ר'

ר׳ ברונא האט געקויפט איז געווען א יוד אין די יאהרען, וואס האט גע־
האט א ווייב און קינדער, און איז געפאנגען געווארען דורך רויבער,
וועלכע האבען איהם פערקויפט פאר א קנעכט. דער קנעכט האט אבער
מורא געהאט זיך אויסצוגעבען אז ער איז א יוד, דען ער האט גע־
וואוסט אז אין דעם גאנצען לאנד טאר קיין יוד נישט געפינען זיך, און
אז איינער הרג׳ט א יוד ווערט ער גאר נישט בעשטראפט. א גאנצען חודש
האט געדויערט די רייזע איבער׳ן ים. דערנאך ווען זיי זענען געפאהרען
אויף די יבשה איז געווען זייער וועג דורך א גרויסען וואלד, אין וועלכען
עס האט געוואהנט דער נייער קנעכט וואס ר׳ ברונא האט איהם געקויפט,
וואו ער האט געפלעגט אין דעם וואלד צו ברענגען פעך. דער קנעכט
האט דערקענט דעם וואלד, און אזוי ווי זיי זענען פערביינערינטען פאר א
שמאל וועגעל, וועלכעס האט זיך אריינגעצויגען טיעף אין וואלד אריין.
און עס האט צוגעפיהרט צו דעם וואהנונג פון דעם קנעכט, האט זיך
שוין מעהר דער קנעכט נישט געקענט איינהאלטען, בעוויל עס האט איהם
אנגעהאפט א שטארק בענקעניש צו זיין ווייב און קינדער. ער איז אראבגע־
שפרונגען פון אייזעל און האט אנגעהויבען צו לויפען אין וואלד אריין
מיט דעם שמאלען וועגעל. ר׳ ברונא מיט זיינע אלטע פיער קנעכט האבען
דאס באלד דערזעהן, האבען זיי איהם נאכגעיאגט, ר׳ ברונא האט נאכ־
געשריגען דעם קנעכט ער זאל מיט גוטען צוריק געהן, און אויב נישט
וועט ער איהם נאכשיסען. אבער דער קנעכט האט זיך פון די רייד גאר־
נישט געמאכט און איז נאר ווייטער געלאפען. ר׳ ברונא האט געזעהן אז
זיינע רייד ווירקען גאר נישט האט ער אויסגעשאסען א ביסעל אין דער
זייט, כדי דעם קנעכט איבערצושרעקען ער זאל בלייבען שטעהן דאס
האט אבער אויך נישט געהאלפען. דאן איז ר׳ ברונא געווארען זעהר בייז
אויף דעם עזות פון דעם קנעכט און האט נאכגעשאסען דעם קנעכט דאס
צווייטע מאל, פון וואס דער קנעכט איז אנידערגעפאלען א טוידטער. דאס
איז געווען שוין נישט זעהר ווייט פון דעם הייזעל, וואו עס האבען געוואהנט
דעם קנעכטס ווייב און קינדער, ר׳ ברונא האט געזעהן אז דער קנעכט
איז דערשאסען געווארען, איז ער צוריק געגאנגען מיט זיינע קנעכט צום
וועג און זענען ווייטער געפאהרען אין עטליכע טעג ארום איז דער
טוידטער קנעכט געפונען געווארען דורך זיינע אייגענע קינדער, וועלכע
האבען אויף איהם זעהר שטארק געוויינט און האבען איהם קובר געווען.
פון דער צייט אן איז ר׳ ברונא געווארען שטארק נערוועז, און זיין הארץ
האט איהם אנגעהויבען קלאפען, פאר וואס ער האט דערשאסען א מענש.
ער האט זיך אנגעהויבען איבערצוקלערען, אז ווער ווייסט פון וואנעט דער
קנעכט שטאמט ארויס, און ר׳ ברונא האט זיך דערמאהנט, אז ער אליין
איז דאך אויך אמאל געווען א פערקויפטער קנעכט. און אויסערדעם איז
זיין הארץ זעהר שוואך געווארען פון דעם ענטת נפש וואס ער איז גע־
וואהר

וואָהר געוואָרען, אַז זיין ווייב חנה איז אומשולדיג אַריינגעפאַלען אין אַזאַ עבירה, און זי איז געוואָרען פון איהם אָבגעריסען אויף עביג. דורך דעם איז זיין שלאָף פון איהם אַוועקגענומען געוואָרען און האָט אָנגעהויבען אַלע מאָל מעהר שוואַכער צו ווערען. און ווען ר׳ ברונא איז צוריק געקומען צו זיין ביימען ריינקייט איז ער געווען זעהר שוואַך. דאָקטוירים האָבען איהם געהייסען מעהר ליגען אין בעט ווי אַרומגעהן. דאָס אַללעס האָט אָבער גאָר נישט געהאָלפען, און די שלאַפקייט האָט זיך ביי איהם געשטאַרקט. נאָך צוויי חדשים האָט ר׳ ברונא געשפירט אַז ער איז געפעהרליך קראַנק, און ער האָט פערשטאַנען אַז דער טוידט שוועבט פאַר זיין פנים, האָט ער בעפויהלען מען זאָל איהם אויסמויערן אַ קבר מיט אַ שעהנעם בנין אויף דעם באַרג, וועלכער איז געשטאַנען אין דערמיט פון דעם שעהנעם גאָרטען. עס האָט געדויערט נאָך אַ חודש און ר׳ ברונא איז געשטאָרבען. זיינע קנעכט האָבען איהם קובר געווען אין זיין קבר, וואָס מען האָט איהם אָנגעגרייט ביי זיין לעבען, לויט זיין פערלאַנג:

ווען די צוויי פעל־הענדלער זענען אַהיים געקומען קיין אַלכסנדריא בשלום, האָבען זיי באַלד בעזאָרגט די צוויי בריעף פון ר׳ ברונא. איינעם האָבען זיי איבערגעגעבען צו חנה, און דעם צווייטען צום שטאָדט־רב. דער רב איז זעהר דערשראָקען געוואָרען און האָט זיי אָנגעהויבען חוקר ודורש צו זיין. און זיי האָבען עדות געזאָגט אַז זיי האָבען אַליין דערקענט דעם ר׳ ברונא, און האָבען מיט איהם גערעדט, און האָבען געזעהן ווי ער האָט זעלבסט די צוויי בריעף אַהיים געשריבען. דער רב האָט שטאַרק עגמת נפש געהאַט, וואָס ער איז נכשל געוואָרען צו געבען אַ היתר אַני אשת איש זאָל חתונה האָבען. און ער האָט פערלעגט אַ כח די זאַך באַלד צו פערריכטען, און האָט געשיקט רופען חנה אָבצושיידען זי פון דעם צווייטען מאַן, אַזוי ווי דער דין איז. ווען חנה האָט דערהאַלטען דעם בריעף פון איהר מאַן ר׳ ברונא, איז זי געפאַלען אין חלשות, מען האָט זי קוים דערמינטערט. אָבער פון דאַמאָלס אָן האָט זי בעקומען אַ האַרץ־קלאַפּונג, בעשעוויל זי האָט נישט געקענט פערטראָגען איהר חרפה, וואָס די גאַנצע שטאָדט האָט פון איהר גערעדט, אַז אַזאַ אומגליק זאָל זיך קאָנען טרעפען ביי אַזאַ גבירתה, און אויך אַ גוטע און פרומע פרוי. אַלזאָ האָט זי אָנגעהויבען צו קרענקען און איז געוואָרען וואָס אַ טאָג מעהר שוואַכער. איהר סוף איז געווען אַז זי איז געשטאָרבען דעם זעלבען טאָג, וואָס איהר מאַן ר׳ ברונא איז געשטאָרבען דאָרט אין יענער ווייטע מדינה:

דאַמאָלס זענען אָנגעקומען אין הימעל אַריין אין איין טאָג ביידע נשמות פון ר׳ ברונא און פון זיין ווייב חנה, אָבצוגעבען דין וחשבון פאַר׳ן בית דין של מעלה אויף זייערע מעשים פון דער וועלט. דער שטן איז אויך

אָנגעקומען

אָנגעָקומעָן צו דעָם משפט און האָט אויף זײַ בײַדעָ מקטרג געָוועָן אַז זײַ האָבעָן פעָרלוירעָן זײַעָר חלק עולם הבא, נאָר זײַעָר אָרט דאַרף זײַן אין גיהנם. דעָם ר׳ ברונא קומט אַזאַ פסק, בעָווײַל עָר האָט געָ׳הרג׳ט אַנ׳ אומשולדיגעָן יוד במזיד, און האָט עובר געָוועָן אויף „לא תרצח". חנה ווײַטעָר קומט אַזאַ פסק, בעָווײַל זי האָט עובר געָוועָן אויף „לא תנאף". דעָן זײַעָנדיג אַנ׳אשת איש האָט זי חתונה געָהאַט מיט אַנ׳אַנדעָרן מאַן. דעָר שטן האָט צוגעָגעָבעָן מאָטיוועָן צו זײַנעָ רייד, אַז ר׳ ברונא דאַרף געָרעָכעָנט צו וועָרעָן פאַר אַ רוצח במזיד. בעָווײַל עָר האָט געָדאַרפט איבעָרצוקלעָרעָן אפשר איז דעָר קנעָכט אַ יוד, דעָן עָר האָט דאָך געָדאַרפט וויסעָן אין זײַן אייגעָן בעָשטאַנד, עָר זעָלבסט איז דאָך אויך פעָרקויפט געָוואָרעָן פאַר אַ קנעָכט, און איז געָוועָן אַ בעָהאַלטעָנעָר יוד, און אַ יוד קאָן דאָך על פי דין קײנמאָל נישט פעָרקויפט וועָרעָן פאַר אַנ׳עָביגעָן קנעָכט. און חנה דאַרף ווײַטעָר געָרעָכעָנט צו וועָרעָן פאַר אַ זונה במזיד, חאָטש זי האָט בעָקומעָן אַ היתר פון רב אַז זי מעָג חתונה האָבעָן. דעָן דעָר פונדאַמעָנט פון היתר איז דאָך נאָר געָוועָן דעָר אײנעָר עדות, וואָס איהם האָט זיך געָדאַכט זיכעָר אַז ר׳ ברונא איז געָ׳הרג׳ט געָוואָרעָן, און דאָס וואָס אײן עָדות איז בעָגלויבט מתיר צו מאַכעָן אַנ׳אשת איש איז דאָך נאָר בעָווײַל מעָן שטעָלט אויף די חזקה, אַז מסתם איז די אשה זעָלבסט גוט חוקר ודורש וועָגעָן איהר מאַן׳ס טוידט, און זי האָט זיך אַלײן עָרקונדיגט אויף געָוויס אַז איהר מאַן לעָבט נישט. הײַנט אַז די חנה האָט זיך זעָלבסט נישט עָרקונדיגט דאָס דעָר עָדות זאָגט אמת, און האָט פאָרט חתונה געָהאַט, דאַרף זי הײסעָן אַ זונה במזיד. פאַר דעָם בית דין של מעלה איז פאָרגעָקומעָן בײַ דעָם משפט אַ גרויסעָר רעָש און אַ שטורם. בעָווײַל ר׳ ברונא מיט זײַן ווײַב חנה האָבעָן פיעָל גוטס געָטהון אויף דעָר וועָלט, און זײַ האָבעָן געָהאַט טויזעָנדעָר מליצים טובים, וועָלכעָ האָבעָן פאָרגעָלעָגט פאַר׳ן בית דין של מעלה זײַעָרעָ מעשים טובים, אָבעָר דאָך האָבעָן זײַ נישט געָוואוסט ווי אַזוי נאָך צו פעָרשטאָפעָן דאָס מויל פון שטן וואָס האָט אויף זײַ אַזוי שטאַרק מקטרג געָוועָן, וועָגעָן די צוויי האַרבעָ עבירות. בקיצור די זאַך איז אָנגעָקומעָן צו אליהו הנביא. אַזוי ווי אליהו הנביא האָט דאָס דעָרהעָרט האָט עָר אַזוי אויסגעָשריגעָן. וואָס! ר׳ ברונא פון מיט זײַן ווײַב חנה וויל מעָן פעָרמשפט׳ן אין גיהנם אַרײַן! נײַן, דאָס קעָן איך נישט דעָרלאָזעָן, פינף הונדעָרט און פופציג מאָל בין איך געָזעָסעָן נעָבעָן ר׳ ברונא, ווען עָר האָט געָהאַט די מצוה פון סנדקאות אויף וועָלכעָן עָר האָט זיך געָלאָזט קאָסטעָן פיעָל געָלד, עָר זאָל מיך קויפעָן פאַר אַ שכן, אַלזאָ מוז איך מײַן שכן מציל זײַן פון גיהנם. דעָסטגלײַכעָן זײַן ווײַב חנה איז געָוועָן אַ גרויסעָ צדיקת, און האָט מקיים געָוועָן שטעָנדיג די מצוה פון הכנסת אורחים מיט׳ן גאַנצעָן כח, נישט אַזוי ווי אַנדעָרעָ ווײַבעָר וואָס קוקעָן קרום אויף אַנ׳אורח, אָבעָר די חנה האָב איך געָפלעָגט עָטליכעָ מאָל

מאל פרובען, איך האב מיך פערשטעלט פאר א שווערן אורח, און האב זי ממריח געוועזען מיט בעשווערונגקייטען, און זי איז נישט מיעד געווארען, נאר זי האט געטהון וואס נאר מעגליך איז מקיים צו זיין די מצוה עהרליך. נו ווי אזוי קען איך אצונד דאס דערלאזען, אז אזעלכע צוויי טייערע נשמות זאל מען פערמשפט'ן אין גיהנם אריין! באלד האט זיך אליהו פארגעשטעלט פאר'ן בית דין של מעלה, אויף זיי א מליץ טוב צו זיין און האט אזוי געזאגט: איך זאג אז דער ר' ברונא האט גאנץ גענוג יוצא געווען קעגען דעם קנעכט, מיט דעם וואס ער האט פריהער געשאסען אין דער זייט איבערצושרעקען דעם קנעכט, אלזא האט דאך דער קנעכט געדארפט זיך אונטערגעבען און בלייבען שטעהן, און אז ער האט נישט געקוקט אויף דעם שיסען און איז ווייטער געלאפען, איז ער זיך אליין שולדיג. ער האט געדארפט איבערלעגען אז דעם ר' ברונא פערדריסט גאנץ גוט, און ער קען נישט אזוי גרינג היזק האבען דאס געלד וואס ער האט פאר איהם בעצאהלט, דען אפילו א יודישער קנעכט טאר אויך נישט ענטלויפען פון זיין העררן, מכל שכן דער קנעכט וואס האט געוואוסט אז ר' ברונא רעכנט איהם פאר זיינם אייגענען קנעכט, האט אודאי געדארפט פערשטעהן אז ער טאר נישט ענטלויפען מיט געוואלד פון זיין הערר. און וועגען דעם וואס דער קנעכט האט זיך נישט געקאנט איינהאלטען איבער'ן בענקעניש צו זיין ווייב און קינדער, איז קיין שום ספק נישט, אז ווען דער קנעכט וואלט געפאלען צו די פיס דעם ר' ברונא, און וואלט איהם געבעטען ער זאל איהם דא בעפרייען, בעוויל עס געפינט זיך דא אין דעם וואלד זיין הויז מיט'ן ווייב און קינדער, דאן וואלט זיכער ר' ברונא איהם פריי געלאזט און וואלט איהם נאך געוויסען צוגעגעבען מתנות, אפילו ווען ער וואלט גאר נישט געהאט קיין שום קלעהר אז דאס איז א יוד. אלזא איז זיך דאך דער קנעכט אליין שולדיג אין זיין טוידט, און ר' ברונא דארף נישט האבען קיין שום שולד אין דער עבירה. דאס זעלבע זאג איך אויף זיין ווייב חנה, אז עס דארף איהר גאר נישט גערעכענט צו ווערען פאר אן'עבירה וואס זי האט חתונה געהאט, דען דער עדות וואס האט עדות געזאגט אז ער האט אליין געזעהן די קבורה פון ר' ברונא, ווערט גערעכענט אין שטאדט אלכסנדריא צווישען די רייכע סוחרים, און האט געהאט א שם אז ער איז א גרויסער עהרליכער מאן, אלזא איז ער געווים חשוב געוועזען אזוי ווי הונדערט עדות. און מען קען אויף די חנה אויך זאגען אז זי האט געהאט א גוטע חקירה ודרישה וועגען דעם איידער זי האט חתונה געהאט, און זי האט געשטעלט אויף א גאנץ גוטע חזקה, בעוויל זי האט געווארט מעהר ווי איין יאהר, און זיי האבען געהאט צווישען זיך א גוט לעבען מעהר ווי דרייסיג יאהר. איז ביי איהר געוויסען א זיכערהייט, אז ווען איהר מאן וואלט געלעבט, וואלט ער איבער אזא לאנגע צייט זיכער אהיים געקומען, אדער א ידיעה געגעבען דורך מענ-

שען

שען. אלזא איז וועגען חנה אויך גאר נישט דא פאר וואס צו בעשטראפען
ע, און מיין דעה איז אז ביידע דארפען ארויסגעהן גערעכט פון בית דין
של מעלה. נאך דעם האט דאס בית דין ארײנגעקלערט אין דעם משפט
און האבען ארויסגעגעבען אזא פסק. אז מען קען נישט זאגען אז זיי זאלען
זיין אינגאנצען פטור פון א שטראף, און אויך קען מען נישט זאגען אז זיי
זענען שטארק שולדיג אין די עבירות, אזוי ווי זיי וואלטען דאס געטהון
במזיד, נאר מען נעמט אן אזוי ווי זיי וואלטען די עבירות געטהון בשוגג
אומגערן. און אזעלכע הארבע עבירות אפילו מען טהוט זיי בשוגג
דארף מען אויך האבען א תיקון. דאזא מוזען זיי פערריכטען זייערע זינד
אזוי נאך אז זיי זאלען ביידע צוריק מגולגל ווערען אויף דער ערד, און
זאלען ביידע ליידען אזא צער, וועלכער זאל זיין ענהליך צו זייערע זינד.
און דאס זאל געמאכט ווערען אזוי, אז זיי ביידע זאלען ווייטער ווערען
מאן און ווייב, און ער זאל פערקויפט ווערען פאר א קנעכט נאך די
חתונה אויף זיעבען יאהר. און זיין הערר זאל מיט איהם פערבייגעהן פאר
דעם ארט וואו זיין הויז מיט זיין ווייב וועלען זיך געפינען, און ער זאל
ליידען דעם זעלבען צער פון א גרויס בענגשאפט צו זיין ווייב, און האטש
ער וועט קענען אנטלויפען, זאל ער דאך נישט אנטלויפען, אלס עהרליכקייט
און געטרייאשאפט צו זיין הערר. מיט דעם וועט ווערען פערריכט זיין זינד.
און די חנה ווייטער זאל אזוי נאך אבקומען איהר שטראף, מיט דעם וואס
זי וועט ליידען דעם צער פון עגונה זיעבען יאהר, אזוי לאנג ווי זי האט
געוואהנט מיט דעם אנדערן מאן באיסור, און אז זי וועט איבער דער
צייט פון די זיעבען יאהר נישט פעלשען אין איהר מאן, וועט מיט דעם
צער פערריכט ווערען איהר זינד. און בעווייל אליהו הנביא איז געוועזען
זייער מליץ טוב, האט דאס בית דין של מעלה איהם איבערגעגעבען די
זאך, ער זאל אויף דעם אכטונג געבען אז דער שטראף זאל אויסגע-
פיהרט ווערען ווירקליך און פינקטליך. נאך דעם האט אליהו הנביא גע-
נומען די ביידע נשמות פון ר' ברונא מיט חנה אונטער זיין השגחה, און
איז מיט זיי צוריק אראב אויף דער וועלט:

## צווייטע טייל פון דער מעשה.

אין לאנד „תימן" האט געוואהנט א גוטער און פרומער מאן. וועל-
כער איז אויך געוועזען זעהר רייך, אבער קיין קינדער האט ער נישט גע-
האט. האט ער תמיד מתפלל געוועזען צום אויבערשטען. „רבונו של עולם
גיב מיר א זוהן, וועל איך מיט איהם לערנען תורה אזוי ווי מיין האר-
צען בעגעהרט", דער אויבערשטער האט צוגעהערט זיין תפלה און האט איהם
געגעבען

געגעבען אַ זוהן. האָט אליהו הנביא גוזר געווען אויף די נשמה פון ר׳
ברוגא פוזי, אַז זי זאָל מגולגל ווערען אין דעם זוהן. דער פאָטער האָט
איהם אַ נאָמען געגעבען „שאול מתניה״. די בעדייטונג פון דעם נאָמען איז,
אַז ער האָט געבעטען אויף אַ זוהן. האָט דער אויבערשטער איהם בעשענקט
מיט דער מתנה. אין דער מדינה „צור״ האָט ווייטער געוואוינט אויך אַ
גוטער און פרומער מאַן זעהר אַ רייכער און אַ גרויסער בעל צדקה, וועל־
כער האָט געהאַט צעהן זיהן, זיין ווייב אָבער האָט זעהר געוואָלט האָבען
אַ טאָכטער אויך, האָט זי אַזוי אַ נדר געטהון. אַז באָם זי וועט זוכה זיין
צו האָבען אַ טאָכטער, וועט זי איהר געבען אַ מאַן אַ תלמיד חכם, און אפילו
דער חתן וועט זיין גאָר אָרעם, זאָל זי איהם געבען נדן מיט מלבושים מיט
קעסט, און ער זאָל נאָר זיצען און לערנען. איהר תפלה איז אויך אָנגענומען
געוואָרען אין הימעל, און זי האָט געבוירען אַ טאָכטער. האָט אליהו הנביא
גוזר געווען אויף די נשמה פון חנה, וואָס איז געווען דאָס ווייב פון ר׳
ברוגא פוזי, זי זאָל מגולגל ווערען אין די טאָכטער. דער טאָכטער האָט
מען אַ נאָמען געגעבען חנה, בעוויילע זי האָט אויף זיך געהאַט אַ גרויסען
חן און איז געווען אַ יפת תואר. דער שאול מתניה איז גרויס געוואָרען,
און זיין פאָטער האָט מיט איהם פיעל תורה געלערנט, ער האָט אַללעס
פערנומען און איז געוואָרען אַ גרויסער חכם. ווען ער איז שוין אַלט געווא־
רען אַכטצעהן יאָהר איז זיין פאָטער שלאַף געוואָרען, און ער האָט פערשטאַ־
נען אַז ער וועט שוין פון דעם בעט נישט אַראָבגעהן געזונד, דאַן האָט
ער צוגערופען זיין זוהן שאול מתניה און האָט צו איהם אַזוי געזאָגט,
„זאָלסט וויסען מיין טייערער זוהן, אַז לויט ווי איך שפיר מיך וועל איך
שוין נישט האָבען די זכיה דיין חופה צו זעהן, דען מיין סוף איז שוין
נאָהנט, אַלזאָ זאָלסט דו וויסען אַז איך לאָז דיר איבער ירושה אַ גרויס
עשירות, און אויב הויז די צוויי אויגען וועלען פאַר דיר שיינען נאָך
אַנדערע צוויי אויגען, וועלכע זענען „אמת״ און „גמילות חסד״ דאַן וועסט
דו מצליח זיין אין אַלע דיינע וועגען״. נאָך דעם אין אַ קורצע צייט אַרום
איז זיין פאָטער געשטאָרבען. דער זוהן האָט איהם שטאַרק בעוויינט און
האָט אויף איהם געטרויערט אַ לאַנגע צייט:

ווען די טרויער־צייט האָט זיך אויסגעלאָזט, האָט די מוטער צו
איהם אַזוי געזאָגט. „מיין טייער קינד. זאָלסט וויסען אַז היינט ליעגט אויף
דיר דער עול צו פיהרען די געשעפטען, וואָס דיין פאָטער האָט איבער־
געלאָזט. מען דאַרף אויף זיי גוט אַכטונג צו טהון עס זאָל קיין שאָדען
נישט זיין, און אויך איז שוין צייט דו זאָלסט התונה האָבען. אַלזאָ נעם
אין דיין האַנד אַריין געלד און הויב אָן צו האַנדלען סחורה און דער אויבער־
שטער זאָל מצליח זיין דיינע וועגען״. שאול מתניה האָט גענומען אַ
ביטעל געלד און איז געגאַנגען אויפ׳ן האַנדעל־מאַרק. דאָרט האָט ער זיך

זיך צוגעהארכט און גוט אויסגעקוקט האט ער געזעהן ווי די מענשען
האנדלען מיט שווינדלעריי, ווי איינער קען נאר גזל'ת איינער ביי דעם
אנדערן, גנב'ת איינער ביי דעם אנדערן, און דא שווערט איינער צום
אנדערן נאר פאלש. דאס אללעס האט ער נישט געקענט פערנעמען, איז
ער צוריק אהיים געגאנגען לעדיג. האט איהם די מוטער געפרעגט, פאר
וואס ער האט גאר נישט געהאנדעלט. האט ער איהר געענטפערט, אז
דער האנדעל געשעפט געפעלט איהם נישט, בעווייל מען מוז דערביי זיין
א ליגנער, רעדען מיט'ן מויל אנדערש ווי מען האט אין הארץ, און ער
קען נישט ברעכען דעם פאטער'ס צוואה, וואס האט איהם אנגעזאגט פאר'ן
טוידט, אז אמת און גמילת חסד זאל זיין ביי איהם די אנדערע צוויי
אויגען. דעם צווייטען טאג איז שאול מתניה ארויסגעגאנגען אויף אנ־
אנדערן מארק. האט ער געזעהן ווי עטליכע מענשען געהען צוזאמען־
קלויבען א נדבה ביי מענשען, כדי אויסצולייזען א געפאנגענעם, וואס איז
געשטארבען אין דער תפיסה, אז מען זאל איהם קענען ברענגען צו קבר
ישראל. און אויף דעם האט מען געדארפט האבען פיעל געלד. האט שאול
מתניה ביי זיך אזוי אבגעקלערט, אז ער זאל אנהויבען מקיים צו זיין
דעם פאטערס צוואה, און זאל טהון אנ'אמת'דיגען גמילת חסד מיט דעם
טוידטען, איהם אויסצולייזען. ער האט אבער ביי זיך געהאט ווייניג געלד,
איז ער אהיים געלאפען צו נעמען נאך געלד. האט איהם די מוטער גע־
פרעגט, מיין קינד וואס ביזט דו עפיס אזוי געאיילט דעם היינטיגען טאג
מיטצונעמען נאך געלד. האט ער געענטפערט די מוטער, אז עס האט
זיך איהם היינט געטראפען גוטע סחורה צו קויפען מוז ער זיך צואיילען,
בעווייל ער האט מורא אז אנדערע סוחרים זאלען נישט איהם אויסקויפען
די סחורה. ער האט גיך גענומען די רעשט געלד און איז געלאפען צו די
גבאים פון דער צדקה, און איז מיט זיי געגאנגען צו דעם שר פון די
תפיסה און האט איהם בעצאהלט דאס גאנצע געלד. און דער טוידטער
איז נאך אין דעם זעלביגען טאג געקומען צו קבר ישראל. ווען שאול
מתניה איז אויף די נאכט אהיים געקומען האט איהם די מוטער געפרעגט,
וואו איז די סחורה וואס דו האסט היינט געקויפט, מיין קינד. האט ער
איהר געענטפערט, אז ער האט די סחורה געמוזט בעהאלטען אין די ערד
אריין, כדי גנבים זאלען זי נישט קענען צוגנב'ענען. דען עס איז געווען
פיעל אויגען אויף די סחורה. דעם דריטען טאג איז שאול מתניה געגאנ־
גען שפאצירען אין פעלד אריין. האט ער געזעהן ווי א מענש אקערט
אין פעלד מיט א פאר אקסען, און ביי דעם אקערן האט ער געהאלטען א
ספר אין דער האנד און האט געלערנט. האט שאול מתניה זיך געטראכט,
אז דער מענש איז זיכער אנ'עהרליכער יוד און אויך א תלמיד חכם, איז
גוט ער זאל זיך מיט איהם בעפריינדען. און דער מענש וואס האט גע־
אקערט איז געוועזן אליהו הנביא. דער בחור שאול מתניה איז צו איהם

צוגעלאפען

צוגעלאָפען און האָט איהם שלום געגעבען, אליהו הנביא האָט איהם געענט-
פערט שלום. האָט שאול מתניה געפרעגט צו אליהו. וואָס איז די ארבייט
וואָס דו טהוסט ארבייטען, אָדער וואָס איז דאָס פאַר א מלאכה, וואָס דו
טהוסט דיך אין דעם בעמיהען. האָט אליהו צו איהם געזאָגט. „מיין קינד!
איך אַקער כדי אז איך מיט מיין ווייב און קינדער זאָלען מיר האָבען
וואָס צו עסען, און עס זאָל נאָך בלייבען פאַר אָרעמע לייט'ס וועגען, און
פאַר בהמות און חיות און פויגלען. האָט שאול מתניה צו איהם געזאָגט,
די מלאכה געפעלט מיר זעהר, איך וואָלט אויך געוואָלט די מלאכה ארבייטען,
אָבער איך ווייס נאָך נישט אויף וועלכען אָרט דער אויבערשטער וועט
אויף מיר גוזר זיין, אז איך זאָל מיך דאָרט בעזעצען, דען פיעל תורה און
חכמה האָט מיין פאָטער מיט מיר געלערנט, און ער האָט מיר איבערגע-
לאָזט בירושה א הויז מיט א גרויס עשירות, אָבער זוכה צו זיין מיט א
גוט ווייב מוז נאָר דער אויבערשטער בעשערען. און אזוי ווי איך בין נאָך
א בחור, וואָלט איך גערן דער אויבערשטער זאָל מיר בעשערען א ווייב
זאָל זיין גאָט'ס-פאַרכטיג, און זאָל אויך זיין א אשת חן. האָט אליהו צו
איהם געזאָגט. מיין קינד! אזא ווייב ווי דו זוכסט געפינט זיך נאָר איינע,
א נערה בתולה טאַקי מיט אַלע מעלות, איהר נאָמען איז חנה, זי איז
טאַקי דיינע בעשערטע, אָבער זי געפינט זיך וויים פון דאַנען, אויף מורח
זייט פון די מדינה צור. נאָר אויב דו ווילסט וועל איך דיך דאָרט אהין
פיהרען גאָר אין א קורצע צייט. האָט דער בחור שאול מתניה איהם גע-
ענטפערט, יאָ ריכטיג אָבער איך מוז פריהער אַהיים געהן געזעגנען זיך
מיט מיינע אלטע מוטער. האָט אליהו צו איהם געזאָגט. גוט, דו קענסט
געהן געזעגנען זיך. שאול מתניה איז אַהיים געגאַנגען און האָט צו זיין
מוטער אַזוי געזאָגט. זאָלסט וויסען מיין טייערע מוטער, אז איך דאַרף אוועק-
פאָהרען אויף אַנ'אומבעשטימטע צייט, צו פערקויפען די סחורה וואָס איך
האָב געקויפט און צו קויפען אַנדערע סחורה, אַלזאָ זאָלסט דו גאָר נישט
זאָרגען און איבערקלערען וועגען מיר. נאָך דעם האָט זיך שאול מתניה
געזעגענט און געקושט מיט זיין מוטער, און איז צוריק געגאַנגען אין פעלד
אריין צו אליהו הנביא. דאַן האָט אליהו איהם אָנגענומען און איז מיט
איהם אַוועקגעפלויגען זעהר א ווייטען מהלך ביז די מדינה צור, און זיי
האָבען זיך אָבגעשטעלט אויפ'ן וועג אונטער דער שטאָדט וואו חנה האָט
זיך געפונען. האָט אליהו געזאָגט צו שאול מתניה, דו זאָלסט דאָ וואַר-
טען, און איך וועל פריהער געהן זעהן זיך מיט די חנה און וועל רעדען
מיט איהר, זי זאָל בעשטעהן מיט דיר חתונה צו האָבען. די זעלבע נאַכט
האָט חנה געזעהן אין חלום, ווי אַנ'אַלטער מאַן איז צו איהר געקומען
און האָט איהר אַזוי געזאָגט. זאָלסט וויסען מיין טאָכטער אז איך בין דיינס
א זיידע. דיין מוטער'ס פאָטער, און איך בין געקומען פון יענער וועלט
דיר זאָגען, אז מאָרגען וועט צו דיר קומען א שדכן, וועלכער טראָגט

גרויסע

גרויסע האָר מיט אַלערערנע גאַרטעל, און ער וועט דיר פאַרשטעלען אַ גוטען חתן, וועלכער איז דיין רעכטער זיווג, און אַזוי ווי דער שדכן וועט דיר זאָגען, אַזוי זאָלסט דו טהון. אין דער פריה האָט חנה דערצעהלט איהר חלום צו דער מוטער, און דאָס הארץ האָט אין איהר געקלאַפּט. די מוטער האָט דאָס דערצעהלט דעם פאָטער. זיי האָבען זיך זעהר פערוואונדערט אויף דעם חלום. אין דעם זיבען טאָג איז טאַקי געקומען אליהו הנביא צו חנה אין שטוב אַריין און האָט צו איהר געזאָגט. „זאָלסט וויסען טייער קינד, אַז איך האָב אַ גוטען שידוך פאַר דיר, און דעם חתן האָב איך שוין אויך אַהער געבראַכט, ער איז דיין בעשערטער, נו וואָס זאָגסט דו חנה, ווילסט התונה האָבען מיט דעם חתן וואָס איך וועל דיר ווייזען? — האָט חנה געענטפערט „מירא אויב דאָס איז פון הימעל, און מיינע עלטערן וועלען מסכים זיין, וועל איך בעשטעהן". איהרע פאָטער און מוטער האָבען אויך דאָס זעלבע געענטפערט צו אליהו, נאָך דעם איז באַלד אליהו אַרויסגעגאַנגען און האָט אַריינגעבראַכט דעם בחור שאול מתניה און האָט איהם פאָרגעשטעלט פאַר זיי. ער האָט שטאַרק נושא חן געווען ביי אַלע. בקיצור עס האָט נישט לאַנג געדויערט, מען האָט איהם געשעהנט און בעקרוינט און דער שידוך איז געשלאָסען געוואָרען. און אַ קורצע צייט אַרום האָט מען התונה געמאַכט מיט גרויס פרייד. אַלע זענען געווען שטאַרק צופריעדען, בעווייל זיי האָבען געזעהן אַז דער חתן איז אַ גרויסער תלמיד חכם, און האָט זעהר אַ גוט האַרץ מיט גוטע מדות.

אַלע טאָג פון די שבעת ימי המשתה איז געמאַכט געוואָרען גרויסע סעודות, און דער עולם האָט זיך שטאַרק געפרעהט. אין זיבעטען טאָג איז אליהו הנביא אַריינגעקומען אין דער שטוב אַריין וואו חתן כלה זענען געזעסען, האָט ער געטראָפען אַז דער חתן איז געזעסען און האָט געלאַכט מיט די כלה. האָט אליהו אַרויסגערופען שאול מתניה און האָט צו איהם אַזוי געזאָגט. „ווי אַזוי האָסט דו אַוועק געוואָרפען דיין אייביג לעבען און האָסט דיך אין גאַנצען אַריינגעלאָזט אין די געמיינע גלוסטיגקייטען פון דער וועלט, אַז גאַנצע זיבען טעג פון נאָך די חתונה אָן האָסט דו נאָך גאָר נישט קיין תורה געלערנט, און האָסט נאָך גאָר נישט געטהון קיין גמילת חסד צו קיין שום מענש. אַלזאָ זאָלסט דו וויסען, אַז פאַר די זיבען טעג וואָס דו האָסט אָבגעפיהרט מיט נאַרישקייט, איז נגזר געוואָרען אויף דיר אין הימעל, אַז דו זאָלסט פערקויפט ווערען פאַר אַ קנעכט אויף זיבען יאָהר". נאָך די פריערדיגע רייד איז באַלד אליהו אַוועק געגאַנגען, און שאול מתניה איז אַליין געבליבען שטעהן זעהר אַ דערשראָקענער, און האָט זיך אָנגעהויבען שטאַרק מצער צו זיין אויף די שלעכטע בשורה. אַז שאול מתניה איז צוריק אַריינגעקומען צו זיין כלה, האָט זי באַלד אין איהם דערקאָנט אַז ער איז עפּעס זעהר טרויעריג. האָט זי איהם געפרעגט. „וואָס

איז

איז מיט דיר עפּיס געשעהן אזוי פּלוצלונג, וואס זעהסט דו עפּיס אזוי שלעכט אוים, איך דערקאן אין דיר אז דו האסט עפּיס אנ'עגמת נפש און ביזט דיך שטארק מצער, זאג מיר אפשר געפעל איך דיר נישט, אפשר ביזט דו געוואהר געווארען אז איך בין נישט ראוי צו זיין דיין ווייב, אדער אפשר ביזט דו פערזארגט וועגען נדן-געלד וואס מען האט דיר נאך נישט געגעבען, אויב דו ווילסט קאן איך דיר שוין געבען וויפיעל נאך דו פערלאנגסט, אדער אפשר ביזט דו דיך מצער, וואס דו ביזט דערווייטערט געווארען פון דיינע עלטערן, און עס האט דיך אנגעהאפּט א בענקשאפט צו זיי, בין איך אויך גרייט מיט דיר מיטצופאהרען אין דיין שטאדט אריין". האט שאול מתניה איהר געענטפערט, "דיינע לעצטע ווערטער זענען אמת, איך האב גרויס עגמת נפש וואס איך האב אין מיין הויז איבערגעלאזט מיין אלטע עלענדע מוטער, וועלכע זארגט געוויס זעהר שטארק וועגען מיר, ווי אויף א בן יחיד". נאך דעם איז בעשטימט געווארען זיי זאלען אוועקפאהרען אין דער שטאדט אריין וואו שאול מתניה וואהנט. מען האט זיי מיטגעגעבען א גרויס רייכטהום, קנעכט מיט דינסטען, אייזלען מיט וועגען, אנגעלאדענט מיט פיעל גוטס. זיי האבען זיך געזעגענט, די משפחה האט זיי בעגלייט, און זענען אוועקגעפאהרען קיין "תימן":

אויפ'ן וועג האט זיך געמאכט איינמאל פאהרענדיג ביי נאכט זענען זיי פערבלאנדזשעט געווארען אין א וויסטע מדבר אריין, און זיי זענען אזוי געפאהרען דריי טעג און האבען נישט געוואוסט וואו זיי געפינען זיך. דעם פיערטען טאג זענען זיי ארויסגעפאהרען פון דער מדבר אין א געגענד, וועלכע איז געווען זעהר פרוכטבאר, און עס איז דארט אדורך-געגאנגען א גרויסער טייך מיט גוט וואסער, אבער קיין ישוב פון מענשען איז נאך דארט נישט געווען. האבען זיי בעשטימט זיי זאלען זיך דארט אברוהען א ביסעל פון וועג. ווען זיי האבען שוין גערוהט האט שאול מתניה געזאגט צו חנה. "איך בין מיעד פון וועג און בין אדורך-גענומען מיט שטויב פון דער מדבר, אלזא וועל איך געהן צום טייך און וועל מיך באדען וועל איך מיך דערקוויקען". ער האט זיך דערווייטערט פון זייער געצעלט און איז געגאנגען גלייך נעבען דעם בארטען פון טייך איינער אליין, ביז ער האט אבגעזוכט א פאסענדיג ארט, האט ער זיך אנידערגעזעצט אונטער א בוים און האט זיך שוין געוואלט אויסטהון זיינע מלבושים. דאן איז אליהו הנביא צו איהם געקומען און האט איהם אנגענומען און איז מיט איהם אוועקגעפלויגען גאנץ ווייט, און האט איהם פערקויפט פאר א קנעכט אויף זיבען יאהר. חנה האט דערווייל אויף איהם געווארט און האט איהם אויסגעקוקט אין שעה און צווייטע שעה, זי האט געזעהן אז מען זעהט איהם נישט, האט זי געשיקט די קנעכט זיי זאלען לויפען איהם אבזוכען, אבער זיי

זענען צוריק געקומען לעדיג. דאן האט זי באלד פערשטאנען מיט איהר חכמה, אז דאס אלעס איז נישט קיין פשוטע זאך, נאר אז דא איז עפּיס אנגעדרעהט געווארען פון הימעל א פערבארגענע זאך. האט חנה אויפגעהויבען איהרע הענד צום הימעל, האט אבגעגעבען א שבח צום אויבערשטען און זי האט אזוי געזאגט. „גאט האט געגעבען און גאט האט צוגענומען, לאז דעם אויבערשטענס נאמען זיין געלויבט אויף אייביג":

חנה איז אזוי געזעסען עטליכע טעג טרויעריג און פערטראכט און זי האט נישט געוואוסט וואס זי זאל טהון. דערנאך האט זי זיך אליין געשטארקט און האט געזאגט צו איהרע קנעכט „נעמט פון די תבואות וואס מיר האבען ליגען אויף אונזערע וועגען און איהר זאלט פערזייען די פעלדער. פון די ביימער זאלט איהר נעמען האלץ און אויפשטעלען הייזער, און מיר וועלען דא מאכען א שטאדט, דען איך זעה אז אין עטליכע יאהר ארום וועט זיין אין דעם געגענד א גרויסער הונגער, דאן וועלען סוחרים זיך ארויסלאזען מיט שיפען אויף דעם טייך צו זוכען, וואו עס געפינט זיך עפּיס ערגיץ תבואה צו פערקויפען. און אז זיי וועלען זיך דערוויסען אז ביי אונז געפינט זיך גענוג תבואה צו פערקויפען, וועלען זיי ביי אונז אבקויפען די תבואות און מיר וועלען רייך ווערען.

די קנעכט האבען זיך גענומען פעסט צו דער ארבייט, זיי האבען פערזייעט פעלדער, פון די פרוכטען-ביימער וואס דארט האט געוואקסען האבען זיי געמאכט שעהנע גערטנער. און די לעדיגע ביימער האבען זיי אויסגעהאקט און אויפגעשטעלט פון זיי הייזער. בקצור זיי האבען אין זייער ארבייט שטארק מצליח געוועזען, דען די ערד האט דארט ארויסגעגעבען זעהר פיעל שעהנע תבואות מיט פיעל פרוכטען. די זאך איז ביסלעכווייז מפורסם געווארען אלע מאל מעהר, אז אין דעם געגענד האט זיך געמאכט א נייער ישוב, און אז עס געפינט זיך דארט פיעל תבואות מיט פיעל פרוכטען צו פערקויפען. האבען סוחרים אנגעהויבען צו קומען מיט שיפען אויף דעם טייך און אויפצוקויפען ביי זיי תבואות מיט פרוכטען. אין פיער יאהר ארום האט זיך געמאכט הונגער אין די נאהנטע מדינות, דאן האבען אנגעהויבען מעהר סוחרים צו קומען קויפען תבואות ביי חנה, וועלכע האט געהאט ליגען גענוג תבואות צום פערקויפען. אין פינפטען יאהר איז דארט אהינגעקומען שאול מתניה מיט זיין הערר אויך קויפען תבואה, און שאול מתניה איז נאכגעגאנגען זיין הערר און האט אויף זיך געטראגען א זאק, וואו עס איז געלעגען דעם הערר'ס חפצים. אזוי ווי זיי זענען אריינגעקומען צו חנה אין שטוב אריין, און חנה האט דערהערט דאס קול פון שאול מתניה, איז איהר דאס קול זעהר בעקאנט געוועזען. האט זי אנגעהויבען דעם קנעכט גוט אנצוקוקען האט זי איהם דערקאנט אז דאס איז איהר מאן. און דעסטגלייכען שאול מתניה האט זי אויך דערקאנט.

זיי

זיי האבען זיך ביידע אנגעקוקט פון דערוויילטענס, ביי שאול מתניה האבען אנגעהויבען רינען טרערען פון זיינע אויגען, חנה האט זיך איינגעהאלטען מיט אלע קרעפטען, און איז אריינגעלאפען אין א בעזונדערע שטוב און האט זיך דארט גאנץ גוט אויסגעוויינט, און איז צוריק אריינגעקומען מען זאל אין איהר גאר נישט דערקענען. ביי נאכט האט חנה בסוד אריינגערופען שאול מתניה אין א בעזונדער שטוב, ער האט איהר דערצעהלט אלעס וואס מיט איהם האט זיך פאסירט ביז אהער. זיי האבען ביידע זעהר שטארק געוויינט, און האבען אבגעגעבען א שבח צום אויבערשטען פאר די נסים וואס זיי איז געשעהן. חנה האט איהם געגעבען צו עסען און צו טרינקען, און זי האט איהם געטרייסט און האט איהם געבעטען ער זאל אויפהערען צו וויינען און זאל אויפהערען צו זארגען. נאכ'ן עסען האט זי צו איהם געזאגט. „זאלסט וויסען אז דו ביזט מיין מאן און איך בין דיין דינסט און דיין געטריי ווייב, איך האב ביז היינט נישט געפעלשט אין דיין ליעבשאפט, און איך וועל קיינמאל נישט פעלשען, און מיט גאט'ס הילף וועט שוין נעמען אן ענדע צו דיינע צרות". האט שאול מתניה צו איהר געזאגט. „ווי אזוי קאן נעמען אן ענדע אז איך בין פערקויפט געווארען פאר א קנעכט אויף זיבען יאהר, היינט איז ערשט דאס פינפטע יאהר האב איך דאך צו דינען צוויי יאהר". האט חנה צו איהם געזאגט. אויב אזוי וועל איך דיך בעהאלטען אין א פערבארגענע הייל, וועט דיין הערר רעכענען אז דו ביזט אנטלאפען און ווען ער וועט אוועקפאהרען וועלען מיר לעבען צוזאמען א זיס לעבען. האט שאול מתניה געזאגט „דאס איז נישט קיין גוטער פלאן, איך קאן דאס נישט טהון, דען דאס הייסט נישט קיין עהרליכע זאך, נאר דאס איז א פאלשקייט איך זאל אנטלויפען פון מיין הערר וועלכער האט פאר מיר בעצאהלט געלד אויף זיבען יאהר ארבייט, און דו חנה דארפסט דאך געדענקען מיין הארץ אז עס איז מיר שווער אוועקצוגעהן פון אמת און פון יושר". האט חנה געזאגט, פון דעסטוועגען זארג נישט, אויב אזוי, וועל איך דיך אויסלייזען פון דיין הערר, איך וועל איהם בעצאהלען געלד פאר די צוויי יאהר וויפיעל ער וועט וועלען. אין דער פריה האט חנה געזאגט צו דעם הערר. גיט מיר איבער אייער קנעכט, בעוויל איך ברויך האבען אזא קנעכט, איך וועל אייך גוט בעצאהלען פאר איהם. האט דער הערר איהר געענטפערט. אויב אפילו דו וועסט מיר אוועקגעבען דיין גאנץ פערמעגען וועל איך אויך דעם קנעכט דיר נישט פערקויפען, איך מוז איהם אבגעבען צוריק צו דער האנד דעם וואס איך האב ביי איהם געקויפט. דאן האט חנה פערשטאנען אז דאס איז אזוי א גזירה פון אויבערשטען, איז זי צוריק געגאנגען צו איהר מאן מיט טרערען אויף די באקען און האט צו איהם אזוי געזאגט. „מיין טייער הארץ, איך קאן דא גאר נישט העלפען, איך זעה אז דאס איז א גזירה פון הימעל, געה צוריק מיט דיין הערר לחיים ולשלום

ובשלום. איך וועל אויף דיר ווארטען אייביג. און דער וואס האט דיך דערוויטערט פון מיר, דער זאל דיך צוריק מקרב זיין צו מיר ווען די צייט וועט קומען". שאול מתניה איז פון דארט אוועקגעגאנגען מיט זיין הערר, און חנה האט נישט געשריגען און האט נישט מעהר געוויינט, נאר זי האט אויפגעהויבען איהרע אויגען צום הימעל. און האט מתפלל געוועזען, אז דער אויבערשטער זאל איהם צוריק ברענגען צו איהר בשלום, ווען די צייט וועט קומען:

אין צוויי יאהר ארום איז אליהו הנביא געקומען צו שאול מתניה און האט איהם אבגענומען פון דעם הערר און האט איהם צוריק אבגעשטעלט צו חנה אין שטוב אריין. אליהו הנביא האט זיי געבענשט און האט זיי געזאגט. „איהר זאלט דא נישט פערבלייבען. נאר איהר זאלט פון דאנעט אוועקפאהרען. איהר זאלט פון דאנעט ארויספאהרען אויף מזרח זייט וועט איהר קומען בשלום קיין „תימן", דארט זאלט איהר אייך בעזעצען אין אייער נחלה. און אויב איהר וועט טהון צדקה מיט גמילות חסד וועט איהר לעבען לאנג מיט פיעל נחת". אין א קורצע צייט האט שאול מתניה זיך מכין געוועזען אין וועג אריין. ער האט גענומען זיין ווייב מיט זיינע קנעכט און דינסטען און איז ארויסגעפאהרען אויף מזרח זייט, אזוי ווי אליהו הנביא האט איהם געזאגט, און זיי זענען בשלום געקומען קיין תימן, אין דער שטאדט אריין וואו שאול מתניה האט געהאט זיין נח"ה. ער האט נאך געטראפען זיין אלטע מוטער געזונד, וועלכע האט איהם אלע טאג אויסגעקוקט מיט טרערען. די שמחה איז געוועזען זעהר גרויס. שאול מתניה האט זיך בעזעצט אין זיין פאטערס נחלה, און האט זעהר שטארק מצליח געוועזען. ער איז געגאנגען תמיד אין וועג פון אמת און יושר, און האט זיך דערוויטערט פון דער קלענסטע עולה, נאר ער האט געטהון צדקה און גמילות חסד ווי לאנג ער האט געלעבט:

# פיערטע אבטיילונג.

## די לעהרע פון אליהו הנביא, זיינע שטראף־רייד וועגען דרך ארץ און גוטע מידות.

אין די גמרא ברכות שטעהט. רבי יוסי האט דערצעהלט. איך בין אמאל געגאנגען אויפ'ן וועג, און בין אריינגעגאנגען אין א פוסטקע פון די חרוב'דיגע הייזער אין שטאדט ירושלים מתפלל צו זיין. דאן איז אליהו הנביא צוגעקומען און האט זיך אנידערגעשטעלט ביי די טהיר, און האט געווארט ביז איך האב אויסגעלאזט מיין תפלה. דערנאך האט ער מיר געגעבען שלום, און איך האב איהם געענטפערט שלום. האט ער צו מיר געזאגט. „מיין קינד, נאך וואס ביסט דו אריינגעגאנגען אין דער חורבה". האב איך איהם געזאגט. כדי מתפלל צו זיין. האט ער צו מיר געזאגט. דו האסט נעדארפט בעסער מתפלל זיין אויפ'ן וועג. האב איך געזאגט, אז איך האב מורא געהאט פאר די וועגס־מענשען, זיי זאלען מיך נישט מבלבל זיין. האט ער מיר געענטפערט, אז אויב אזוי האסט דו געדארפט מתפלל זיין א קורצע תפלה. אין דיזע צייט האב איך זיך אבגעלערנט פון זיינע רייד דריי דינים. איינס. אז מען דארף נישט אריינגעהן אין א פוסטקע אריין. צווייטענס. אז מען מעג מתפלל זיין אויפ'ן וועג. דריטענס. אז מען איז מתפלל אויפ'ן וועג זאל מען מתפלל זיין א קורצע תפלה. נאך האט אליהו הנביא צו מיר געזאגט. „זאג מיר מיין קינד, וואס פאר א קול האסט דו געהערט אין דער פוסטקע". האב איך איהם געענטפערט, איך האב געהערט א בת־קול פון הימעל האט געברומט אזוי ווי א טויב און האט אזוי געזאגט. „וועה איז צו די קינדער וואס דורך זייערע זינד האב איך חרוב געמאכט דאס בית המקדש, און איך האב זיי פערטריבען צווישען די אומות". האט אליהו צו מיר געזאגט. „איך קאן דיר שווערען ביי דיין לעבען, אז אלע טאג רופט דער בת קול אויס די זעלבע רייד, דריי מאל טעגליך. און שטענדיג ווען יודען קומען זיך צוזאמען אין שוהלען אדער אין בתי מדרשים און זאגען נאך הויך „אמן יהא שמיה רבא מברך" דאן מאכט דער אויבערשטער הערען דיזע ווערטער. „וואהל איז דעם מלך וואס מען לויבט איהם אזוי אין זיין היכל, אבער וואס פאר א הנאה קאן האבען דער פאטער וואס ער האט פערטריבען זיינע קינדער. און וועה איז צו די קינדער וואס זיי זענען פערטריבען געווארען פון זייער פאטערס טיש":

אין די גמרא ברכות שטעהט א מעשה, אז בשעת ווען קהל האט געדאווענט

געדאַווענט אין שוהל, האט איינער געדאַווענט אין דרויסען נעבען די שוהל, און איז נישט געשטאַנען מיט זיין פנים אויסגעדרעהט צו דער שוהל נאָר פערקעהרט. דאַן איז אליהו הנביא דאָרט פערבייגעגאַנגען אין א געשטאַלט פון א טערקישען סוחר. האט אליהו צו איהם געזאָגט. „וואָס פאַר א העזה האָסט דו אזוי נאָך צו דאַווענען פאַר דיין העררן. נישט גענוג דו ווילסט נישט דאַווענען אין שוהל נאָר אין דרויסען, שטעהסט דו נאָך אויעקגעדרעהט מיט'ן פנים פון די שוהל צו אנ'אַנדערע זייט, גלייך אזוי ווי עס וואָלט חס ושלום געוועזן צוויי הערשערס איבער די וועלט, און דו ווילסט נישט מתפלל זיין צו דעם הערשער וואָס דאָס קהל איז מתפלל, נאָר צו אנ'אַנדערן הערשער". פאַר דאָס האָט אליהו דעם מענש בעשטראָפט מיט א ביטערע שטראָף, ביטער ווי דער טויט. נעם ווייזט אויס אז דער מענש איז געוועזן פון די נגידים, וועלכע שעמען זיך מיט די שוהל, און האַלטען זיך צו פיעל עדעל, אז זיי קאָנען נישט פערנעמען די לופט פון די שוהל. האט איהם אליהו מכבד געוועזן מיט א גרויסען דלות, דערנאָך האָט איהם שוין געדיענט גוט די לופט פון די שוהל]:

עס ווערט געברענגט אין די גמרא און אין מדרשים די וועקס מעשיות, וואָס אליהו הנביא האָט דערצעהלט פאַר די חכמים:

אַמאָל אין סכות האָט איינער מיטגענומען זיין יונגעל אין שוהל אריין צום דאַווענען. אַלע יודען האָבען נאָכגעזאָגט נאָכ'ן חזן אָמן און הללויה, אָבער דאָס יונגעל האָט גאָר נישט נאָכגעזאָגט, נאָר ער האָט נאָך גערעדט אין שוהל נאַרישע און פוסטע רייד. האָבען מענשען געזאָגט צום פאָטער, ער זאָל וועהרען דעם זוהן, און זאָל איהם הייסען שווייגען. האָט דער פאָטער זיי געענטפערט, וואָס זאָל איך איהם טהון, ער איז דאָך נאָך א יונג קינד לאָז ער א ביסעל שטיפען און לאַבען. און אזוי האָט ער אָבגעפיהרט גאַנצע אַכט טאָג סוכות, און דער פאָטער האָט איהם גאָר נישט געשטעהרט. אָבער וואָס איז געווען זיין סוף. עס האָט נישט לאַנג געדויערט נאָר במשך עטליכע יאָהר איז ביי דעם מענש געשטאָרבען זיין ווייב אין קינדער און אייניקלעך, אזוי אז עס זענען ארויס פון זיין הויז פופצעהן נפשות. און עס איז איהם מעהר נישט איבערגע-בליבען נאָר צוויי נפשות, איינער א לאָהמער און א בלינדער, דער צווייטער א שוטה און א רשע:

נאָך א מעשה האָט אליהו הנביא דערצעהלט. עס איז אַמאָל געווען א מענש, וועלכער האָט געהאַט גרויס חרטה און צער וואָס ער האָט נישט געלערענט, נישט קיין תורה נביאים וכתובים, און נישט קיין משניות. בין איך אליהו אַמאָל געשטאַנען צוזאַמען אין שוהל מיט דעם יוד. ווען דער חזן האָט געזאָגט קדושה האָט דער מענש נאָכגעזאָגט

הויך

הויך מיט׳ן גאנצען כח קדוש קדוש... האב איך איהם געפרעגט, מיין קינד וואס איז עפּיס מיט דיר וואס דו שרייסט אזוי הויך די קדושה, האט ער מיר געענטפערט, איך האב נישט זוכה געווען צו קאנען לערנען, נישט קיין תנ״ך, נישט קיין משניות, אצונד אז מען האט מיר געגעבען רשות נאכצוזאגען קדושה, וועלכעס איך קאן יא נאכזאגען, האב איך מיר געטראכט, איך זאל חאטש דאס ביסעלע וואס איך קאן נאכזאגען הויך מיט מיין גאנצען כח, כדי אז מיין נפש זאל זיך חאטש מיט דעם עטוואס בערוהיגען. פאר דאס האט דער מענש יא געהאט א גוטען סוף, עס האט נישט לאנג געדויערט, נאר במשך עטליכע יאהר איז דער מענש געזעצט געווארען פון קיסר, ער זאל זיין דער פיהרער און אכטונג-געבער פון אלע זיינע קייזערליכע פאלאצען, וואס ער האט געהאט אין ארץ ישראל, און פון דעם איז דער יוד זעהר רייך געווארען, און האט געלעבט במנוחה און מיט עשירות, ער און זיינע קינדער און קינדס קינדער, ביז צום סוף פון אלע דורות:

נאך א מעשה האט אליהו הנביא דערצעהלט. עס האט מיך אמאל געפרעגט א חקרן די שאלה. און האט צו מיר אזוי געזאגט. „רבי, עס שטעהט אין תהלים „נותן לחם לכל בשר״. נאך שטעהט „נותן לבהמה לחמה״. אז דער אויבערשטער גיט יעדען בעשעפעניש און אויך צו א בהמה זייער שפייז, הייסט פאר וואס זאל דער מענש זיין ערגער פאר זיי, פאר וואס גרייט ער נישט אן פאר דעם מענשען׳ס וועגען אויך ער זאל האבען א גרייטע פרנסה און פארטיגע מאכלים, נאר דער מענש דארף זיך שטארק מטריח צו זיין ער זאל זיך אנגרייטען ברויט״. האב איך איהם געענטפערט. „מיין קינד, זאלסט וויסען אז נישט נאר בלויז דורך דעם מענשען׳ס ארבייט פערשאפט זיך דער מענש זיין פרנסה, נאר דער עיקר איז דאס וואס דער אויבערשטער שיקט אריין א ברכה אין זיין טהועכץ, סיי אין זיין מלאכה, סיי אין זיין האנדעל, אלעס ווערט פון אויבערשטען געבענשט לויט די זכותים פון דעם מענש. אבער אהן דעם אויבערשטענס ברכה וואלט נאר קיין קיום נישט געהאט דעם מענשען׳ס מעשים, דען מען זעהט דאך אז צוויי מענשען טהוען א גלייכע מלאכה, אדער מאכען זיך א גלייכען האנדעל, צום סוף מאכט איינער יא גוט, און דער אנדערער מאכט נישט גוט, דאס דערנעמט זיך נאר פון דעם וואס איינעם שיקט דער אויבערשטער יא א ברכה, און דעם אנדערן נישט. נאך האב איך איהם געזאגט, געה נאר ארויס און קוק אן דעם משוגענעם וואס דרעהט זיך ארום אין גאס, איז ער דען נישט דער זעלבער מענש וואס דו, אבער אז עס איז פון איהם אוועקגענומען געווארען זיין חכמה און זיין שכל קאן ער זיך שוין נישט מפרנס זיין, אפילו קיין איין שעה אויך נישט, און ער איז נאר חשוב ווי א בהמה. אלזא קומט אויס אז דער אויבערשטער שפייזט

יעדען

יעדען מענש ווירקליך אלע רגע. איינס מיט דעם וואס ער שיקט אריין א ברכה אין זיינע געשעפטען. צווייטענס מיט דעם וואס ער גיט איהם אריין שכל און הכמה אלע רגע:

דער זעלבער חקרן האט מיך ווייטער געפרעגט נאך א שאלה, און האט צו מיר אזוי געזאגט. „רבי, די יודען זענען פערטריבען געווארען אין גלות ארייך צוויי מאל. איינמאל נאכ'ן ערשטען בית המקדש, דאס צווייטע מאל נאכ'ן אנדערן בית המקדש. ביי דעם גלות פון ערשטען בית המקדש האט מען געגעבען א זמן, דאס גלות זאל געדויערן זיבעציג יאהר. און פאר וואס איז נישט געגעבען געווארען קיין זמן ביי דעם גלות פון אנדערן בית המקדש”. האב איך איהם אזוי געענטפערט. „מיין קינד, די יודען פון ערשטען בית המקדש, חאטש זיי האבען געדינט די עבודה זרה, פון דעסטוועגען איז געווען ביי זיי דרך ארץ און ליבשאפט פון איינעם צום צווייטען, זיי האבען עוסק געווען אין צדקה און גמילת חסדים, האט דער אויבערשטער געזעהן אז עס איז גענוג א גלות פון זיבעציג יאהר, אז די יודען זאלען אין גלות געלייטערט ווערען און זאלען פעררייכט ווערען פון דער זינד פון די עבודה זרה, וואס זיי זענען געווען אנגעקניפט אין איהר זעהר שטארק. אבער די יודען פון אנדערן בית המקדש, וועלכעס איז חרוב געווארען דורך זייערע זינד פון קנאה און שנאת חנם און פיינדשאפט פון איינעם צום צווייטען, איבער דעם האט נישט געקאנט געגעבען ווערען א זמן אויף דעם גלות, דען דער זעלבער שטן טאנצט נאך ארום צווישען די יודען, און ער ארבייט מיט אלע זיינע כחות צו מעהרען צווישען יודען מחלוקת קנאה און שנאת חנם, אלזא הענגט דער תיקון פון דעם גלות פיעל מעהר אין די יודישע הערצער ווי אין דעם זמן. הייגט וואס דארפען יודען צו טהון. זיי דארפען נאר שטארק צו בעטען רחמים, און אויסצוגיסען זייערע הערצער מיט הייסע תפלות צום אויבערשטען, דאן וועט זיך דער אויבערשטער מרחם זיין איבער זיי, און וועט זיי פון גלות אויסלייזען:

נאך א מעשה האט אליהו הנביא דערצעהלט. עס איז מיר אמאל אקעגען געקומען א עם הארץ, וועלכער האט געמאכט ליצנות און האט גערערט אויסגעלאסענע רייד. האב איך צו איהם געזאגט, מיין קינד, וואס וועסט דו ענטפערן אין הימעל, ווען עס וועט קומען דיין צייט אבצוגעבען דין וחשבון, מיט וואס דו האסט אבגעלעבט דיינע יאהרען. האט ער מיר געענטפערט. „רבי, איך האב א גוטע תשובה צו ענטפערן, איך וועל זאגען, וואס בין איך שולדיג, אז מען האט מיר נישט געגעבען קיין חכמה פון הימעל, איך זאל קאנען לערנען תורה”. האב איך איהם געפרעגט, מיין קינד, וואס איז דיין מלאכה. האט ער מיר געענטפערט, אז

ער

ער איז אַ פיש-פאַנגער. האָב איך צו איהם געזאָגט, מיין קינד, ווער האָט דיר געגעבען די חכמה, צו נעמען פלאַקס, און צו וועבען שיטשען און צו פערלעגען זיי אין וואַסער מיט חכמה, אַרויסצוציהען פיש. האָט ער געזאָגט, רבי, צו דעם האָט מען יאָ מיר געגעבען חכמה און שכל פון הימעל. האָב איך איהם געזאָגט, אַז אויב מען האָט דיר צו דער מלאכה יאָ געגעבען חכמה און שכל פון הימעל, האָט מען דאָך דיר צו לערנען תורה אַ וודאי געגעבען שכל און חכמה פון הימעל. דען אין די הייליגע תורה שטעהט דאָך אַזוי בפירוש, אַז ווער עס וויל נאָר לערנען, איז די תורה צו איהם נאָהנט. מיט די ווערטער האָב איך אין איהם אַריינגעבראַכט ...ט מיט אַ רצון, אַז ער האָט אָנגעהויבען צו וויינען און צו זיפצען, און האָט אויך זיך גענומען ער זאָל אָנהויבען לערנען תורה:

נאָך אַ מעשה האָט אליהו הנביא דערצעהלט. עס איז אַמאָל געווען אַ תלמיד, וועלכער האָט געלערנט פיעל תורה, פיעל משניות, פיעל גמרא, און איז געשטאָרבען אין די מיטעל-יאָהרען. האָט זיין ווייב גענומען זיינע תפילין און איז מיט זיי אַרומגעגאַנגען אין די שוהלען און אין די בתי מדרשים, און זי האָט געפרעגט די שאלה. אין די תורה שטעהט „כי היא חייך ואורך ימיך". אַז דורך די תורה לעבט מען לאַנג. היינט אַז מיין מאַן האָט אַזוי פיעל תורה געלערנט, פאַר וואָס איז ער געשטאָרבען אין זיינע מיטעל-יאָהרען. און עס האָט איהר קיינער נישט געוואוסט צו ענטפערן. האָט זיך געמאַכט אַמאָל אַז איך בין געווען ביי איהר אין שטוב, האָט זי מיר דערצעהלט די גאַנצע מעשה. האָב איך צו איהר געזאָגט. מיין טאָכטער, ווי אַזוי האָט ער זיך געפיהרט מיט דיר אין די נדה טעג. האָט זי מיר געזאָגט, חס ושלום, אפילו אין קליינעם פינגער האָט ער אויך מיך נישט אָנגערירט. האָב איך זי ווייטער געפרעגט, און ווי אַזוי האָט ער זיך געפיהרט מיט דיר אין די זיבען טעג, וואָס די האָסט געדאַרפט צעהלען פאַר מבילה געהן. האָט זי מיר געזאָגט, אין די זיבען טעג האָט ער מיט מיר געגעסען צוזאַמען, געטרונקען צוזאַמען, איך האָב איהם די פיס געוואַשען און האָב איהם געפלעגט אויסשמירען מיט בוימאייל, און ער איז מיט מיר געשלאָפען אין איין בעט מיט׳ן נאָהנטען לייב, נאָר דאָס איינע איז געווען דער אונטערשייד, אַז בעהעפט מיט מיר האָט ער זיך נישט קיינמאָל אין די זיבען טעג. האָב איך צו איהר געזאָגט, אויב אַזוי איז געלויבט דער אויבערשטער וואָס האָט איהם געהרג׳ט, ביי גאָט ברוך הוא איז קיין חנופה נישט פערהאַנען, דען אַזוי שטעהט אין די תורה „ואל אשה בנדת טמאתה לא תקרב". אַז צו אַ אשה נדה טאָר מען נישט צוגעהען. ווען עס וואָלט געווען געמאַנען, אַז מיט אַ אשה נדה טאָר מען זיך נישט בעהעפטען, וואָלט מען געקאָנט לערנען ...שט אַז גאָר בעהעפטען זיך טאָר מען נישט, אָבער גענעהנען זיך צו

איהר

איהר מיט האלזען און קושען און שלאפען מיט איהר אין איין בעט מעג מען יא. אלזא האט די תורה געשטעלט „לא תקרב". אז קיין שום התקרבות טאר מען מיט איהר נישט האבען ביז זי געהט טבילה:

נאך א מעשה האט אליהו הנביא דערצעהלט. בעת ווען עס איז געוועזען דער חורבן ירושלים, און מענשען האבען זיך ארומגעוואלגערט אין די גאסען, געשוואלען פון הונגער, בין איך געקומען קיין ירושלים און האב זיך ארומגעדרעהט אויף די גאסען, איבערצוקוקען די האלבטויטע מענשען, אויב עס געפינט זיך נישט עפים צווישען זיי אזעלכע וואס זענען ראוי מען זאל זייערע נפשות דערקוויקען. איך האב געפונען א יונגעל וואס איז געלעגען אויף א מיסט, געשוואלען פון הונגער. האב איך איהם געפרעגט פון וואס פאר א משפחה ער איז. האט ער מיר געזאגט פון וועלכע משפחה ער איז. האב איך איהם געפרעגט צי עס איז עפים געבליבען נאך ווער פון די משפחה. האט ער מיר געזאגט, אז עס איז קיינער נישט געבליבען לעבען פון די משפחה נאר ער אליין. האב איך צו איהם געזאגט, אויב איך וועל דיך וועלען לערנען א זאך וואס דורך דעם וועסט דו בלייבען לעבען, צי וועסט דו דיך וועלען לערנען ביי מיר. האט ער מיר געזאגט, אז ער בעשטעהט. האב איך איהם געזאגט, נו נעם אויף דיר זאלסט זאגען אלע טאג דעם פסוק „שמע ישראל..." האט ער א געשריי געטהון צו מיר, שוויינ שטיל, דעם נאמען פון יודישען גאט טאר מען גאר נישט דערמאהנען, אזוי האבען מיך געלערנט מיינע פאטער און מוטער. נאך דעם האט ער ארויסגעחאפט פון זיין בוזעם א געשטאלט פון א אבגאט, און האט עס אנגעהויבען האלזען און קושען מיט איא ברען, אז דער בויך האט איהם געפלאצט, און דער אבגאט איז איהם ארויסגעפאלען פון האנד און ער איז ארויפגעפאלען א טויטער אויף דעם אבגאט. פון דעם קאן מען זעהן און פערשטעהן פאר וואס דער אויבערשטער האט אויף זיי געברענגט אזא גרויסען חורבן מיט אזעלכע גרויסע צרות, אז דעם אויבערשטענס נאמען האבען זיי אזוי שטארק מבזה געוועזען. און די עבודה זרה איז געוועזען ביי זיי אזוי געליעבט, אז אפילו א יונגעל האט זיך אויך מוסר נפש געוועזען אויף איהר:

אין מדרש שטעהט א מעשה. דער תנא רבי מאיר האט געפלעגט צו דרשנען אין בית המדרש אלע פרייטאג צו נאכטס באלד נאכ'ן דאווענען. אין דער שטאדט איז געוועזען א פרומע אשה, וועלכע איז געוואהנט געוועזען צו בלייבען אין ווייבערשען בית המדרש און אויסצוהארכען די דרשה. האט זיך געמאכט אמאל אז די דרשה האט זיך פערצויגען לאנג, און די אשה האט געווארט ביז נאך די דרשה. ווען זי איז אהיים געקומען האבען שוין געהאט די שבת-ליכט זיך אויסגעברענט. האט דער

מאן

מאן זי געפרעגט, וואו ביזט דו געוועזן ביז אצונד, האט זי איהם געזאגט איך האב אויסגעהערט רבי מאיר'ס דרשה אין בית המדרש. אזוי ווי איהר מאן איז געוועזן א ליצנות מענש און האט ליעב געהאט צו שפעטען פון תלמידי חכמים, האט ער צו איהר געזאגט, פאר דעם וואס דו האסט דיר געמאכט אזא געוואהנהייט אלע פרייטאג צו נאכטס, לאז איך דיך מעהר נישט אריין אין שטוב, ביז דו וועסט געהן א שפיי טהון פאר רבי מאיר'ס פנים. די אשה האט געמוזט ארויסגעהן פון שטוב. האט זיך אליהו הנביא בעוויזען צו רבי מאיר'ן און האט איהם געזאגט, זאלסט וויסען אז איבער דיר איז צושיידט געווארען מאן און ווייב, און אליהו האט דערצעהלט רבי מאיר'ן די גאנצע מעשה. נו וואס זשע האט רבי מאיר געטהון. ער האט זיך אזא עצה געגעבען. ער האט זיך געזעצט לערנען אין בית המדרש בשעת מענשען קומען צום דאוונען, און די ווייבער פלעגען אויך קומען דאווענען אין ווייבערשען בית המדרש. און ווען רבי מאיר האט דערזעהן, אז די אשה וואס דער מאן האט זי ארויסגעווארפען איז געקימען צום דאווענען, האט זיך רבי מאיר געמאכט אזוי ווי עס וואלט איהם פלוצלונג עפיס נישט גוט געווארען, און אזוי ווי גלייך די אויגען זענען איהם טונקעל געווארען, און ער האט געזאגט אז נישט אנדערש נאר ער האט געמוזט קריגען א עין הרע, אלזא פערלאנגט ער אז אויב עס געפינט זיך צווישען די ווייבער איינע וואס קען אבשפרעכען אנ'עין הרע זאל זי ארויפקומען איהם פערשפרעכען. און דער שטיינער איז אז איינער פערשפרעכט עמיצען א שלאפקייט, דארף ער עטליכע מאל אויסשפייען פאר דעם שלאפענם פנים. האבען די שכנות פון דער פערטריבענער אשה געזאגט צו איהר, געה דו אראב צו רבי מאיר'ן און שפרעך איהם אב, דערנאך וועסט דו שפייען פאר זיין פנים, וועט דאך שוין דיין מאן קאנען זיך מיט דיר איבערבעטען. די אשה איז אראבגע־גאנגען צו רבי מאיר'ן. האט ער זי געפרעגט צי זי קען פערשפרעכען פון דעם שלאפקייט. אבער בעוויל זי איז דערשראקען געווארען האט זי געענטפערט, אז זי קען נישט פערשפרעכען. האט רבי מאיר צו איהר געזאגט. פון דעסטוועגען שפיי פאר מיין פנים זיבען מאל וועט מיר אזוי אויך בעסער ווערען. זי האט אזוי געטהון. דערנאך האט רבי מאיר צו איהר געזאגט. געה און בעט דיך שוין איבער מיט דיין מאן, און זאלסט איהם אזוי זאגען. דו האסט מיך געהייסען אויסשפייען פאר רבי מאיר'ס פנים נאר איינמאל, און איך האב פאר איהם אויסגעשפיגען זיבען מאל:

אין די גמרא תענית שטעהט א מעשה. רבי שמעון בן אלעזר איז אמאל אהיים געגאנגען פון דער שטאדט „מגדל גדור" וואו זיין רבי האט געוואהנט, האט ער גערימען אויף אנ'אייזעל שפאצירענדיג נעבען א טייך,

און

און איז געוועזען פול מיט שמחה און מיט גרויסקייט, בעוויל ער האט זיך אנגעלערנט מיט פיעל תורה. איז איהם אקעגען געקומען אליהו הנביא אין א געשטאלט פון זעהר א מיאוסען מענש, צו פרובען איהם אויב ער וועט וועלען מיט איהם רעדען. אז אליהו הנביא האט זיך מיט איהם בעגעגענט האט ער געזאגט „שלום עליכם רבי". אבער רבי שמעון האט איהם נישט געענטפערט קיין שלום, נאר ער האט צו איהם געזאגט מיט כעס. „אוועק פון מיר, דו פערדומטער מענש מיט דיין מיאוס געשטאלט, צי זענען אלע מענשען פון דיין שטאדט אויך אזוי מיאוס ווי דו". האט אליהו איהם געענטפערט, וועגען מיינע שטאדט מענשען ווייס איך נישט דיר צו ענטפערן, נאר וועגען מיר קען איך דיר יא ענטפערן וואס דו דארפסט טהון, דו דארפסט געהן זאגען דעם בעשעפער וואס האט מיך בעשאפען „זעה נאר וואס פאר א מיאוסע כלי דו האסט בעשאפען". רבי שמעון האט באלד פערשטאנען אז ער האט געזינדיגט מיט זיינע רעד, איז ער אראב פון אייזעל און איז געפאלען פאר אליהו צו די פיס און האט צו איהם געזאגט, „איך האב טאקי קעגען דיר געזינדיגט, זיי מיר מוחל". אבער אליהו האט איהם געענטפערט, איך וועל דיר נישט מוחל זיין ביז דו וועסט געהן צו דעם בעשעפער וואס האט מיך בעשאפען, און זאלסט איהם זאגען, זעה נאר וואס פאר א מיאוסע כלי דו האסט בעשאפען, רבי שמעון איז שוין נישט אויפגעזעסען צוריק אויפ'ן אייזעל, נאר ער איז געגאנגען צו פוס און האט געפיהרט דאס אייזעל. און איז אזוי נאכגעגאנגען נאך אליהו ביז ער איז געקומען אין זיין שטאדט אריין. אז די שטאדט-לייט זענען געוואהר געווארען, אז רבי שמעון קומט אן, זענען זיי אקעגען געגאנגען און האבען צו איהם געזאגט „שלום עליכם רבי רבי, מורי מורי". האט אליהו געפרעגט די מענשען, וועמען רופט איהר רבי רבי. האבען זיי איהם געענטפערט. צו דעם וואס שפאצירט מיט'ן אייזעל נאך דיר. האט אליהו צו זיי געזאגט, אויב דער איז אייער רבי, זאל שוין מעהר זיך נישט געפינען צווישען יודען אזעלכע רביים ווי ער איז. האבען די מענשען געפרעגט אליהו פאר וואס ער זאגט אזוי. האט ער זיי דערצעהלט די גאנצע מעשה, ווי אזוי רבי שמעון האט איהם שטארק פערשעמט מיט אזעלכע רייד, וועלכע ריהרען אן דעם אויבערשטענס כבוד אויך. האבען אלע מענשען אנגעהויבען בעטען אליהו, אז ער זאל איהם פארט מוחל זיין, בעוויל דער רבי שמעון איז א גרויסער תלמיד חכם. האט אליהו צו זיי געזאגט, צוליעב אייך בין איך איהם מוחל, נאר מיט א תנאי, אז ער זאל שוין נאך איינמאל אזוי נישט טהון, נאך דעם האט רבי שמעון געזאגט א דרשה, אז דער מענש דארף זעהן ער זאל זיין שטענדיג ווייך, אזוי ווי די דינע שטעקעלעך, וועלכע וואקסען אויפ'ן וואסער, און זאל זיך היטען נישט צו זיין הארט און שטאלץ אזוי ווי דער טעגעבוים. און איבער דעם האבען זוכה געוועזען די ווייכע און דינע וואסער-שטעקעלעך

מען

מען זאל פון זיי מאכען פעלען צום שרייבען ספרי תורה תפילין און מזוזות:

אין מסכת אבות שטעהט א מעשה. רבי יוסי בן קסמא איז אמאל געגאנגען אויפ'ן וועג, האט זיך אליהו הנביא צו איהם בעוויזען אין געשטאלט פון א רייכען מענש, כדי צו פרובען איהם ווי ווייט די תורה איז ביי איהם געליעבט. זיי האבען זיך געגעבען שלום איינער דעם אנדערן. האט אליהו געזאגט צו רבי יוסי, רבי, פון וואנעט זענט איהר. האט רבי יוסי געענטפערט, איך בין פון א גרויסע שטאדט וואו עס געפינען זיך פיעל סופרים און תלמידי חכמים. האט ווייטער אליהו צו איהם געזאגט. לאז דער רבי בעשטעהן צו וואהנען אין אונזער שטאדט, וועל איך אייך געבען פיעל טויזענדער גאלדענע רענדלעך און אויך בריליאנטען מיט פערעל. האט רבי יוסי איהם געענטפערט. אפילו ווען דו זאלסט מיר געבען דאס גאנצע גאלד און זילבער און בריליאנטען מיט פערעל וואס געפינט זיך אויף די וועלט, וועל איך אויך נישט וועלען וואהנען נאר אין א מקום תורה. און אזוי האט געזאגט דוד המלך אין תהלים „טוב לי תורת פיך מאלפי זהב וכסף“ אז די הייליגע תורה איז בעסער ווי טויזענדער גאלד און זילבער, דען לאמיר זעהן ווען דער מענש שטארבט, בעגלייטען איהם נישט קיין זילבער קיין גאלד קיין בריליאנטען קיין פערעל. נאר בלויז תורה מיט מעשים טובים:

אין הייליגען זוהר שטעהט א מעשה. רבי אלעזר בן רבי שמעון האט אמאל שפאצירט אויפ'ן וועג נעבען א גרויסען טייך. איז דארט אנגעקומען אליהו הנביא, כדי צו פרובען זיין גוט הערץ, און האט זיך בעוויזען צו איהם אין א געשטאלט פון אן'אלטען יוד, וואס פיהרט מיט זיך א יונגעל, און זיי האבען אויסגעקוקט מיט אונגעדולד אז עס זאל אנקומען א שיפעל, וועלכעס זאל וועלען זיי אריבערשיפען אויף יענער זייט פון טייך. אזוי ווי רבי אלעזר האט דערזעהן דאס צער מיט דעם אונגעדולדקייט פון דעם אלטען יוד, האט ער צו איהם געזאגט. „ווייסט איהר וואס אלטיטשקער, איך וועל אייך געבען אן'עצה, דאס יונגעל זאלט איהר ארויפזעצען אויף מיין אקסעל פון איין זייט, און איהר אויף מיין צווייטען אקסעל פון דער אנדערע זייט. דאן וועל איך אייך אזוי נאך אריבערטראגען איבער דעם טייך. האט אליהו איהם געענטפערט. „דו ביזט דאך א גרויסער מאן אין דעם דור, און דו ביזט דאך א עדעלער מענש, האסט דו דאך געוויס קיין כח נישט צו אזא שווערע ארבייט, אריבערצוטראגען צוויי מענשען אויף די אקסלען איבער אזא ברייט וואסער“. האט רבי אלעזר ווייטער צו איהם געזאגט, גלויבט מיר אלטיטשקער אז איך האב כח אנצונעמען מיט מיינע הענד אייך מיט אייער יונגעל און אייך

ביידע

ביידע אריבערצוווארפען איבער'ן וואסער אויף א שטרעקע פון א האלבען תחום שבת, דאס הייסט טויזענד עהלען. האט וויטער אליהו איהם געפרעגט, צי ביזט דו עפיס עוסק אין די הייליגע תורה. האט רבי אלעזר געענט־פערט, אז ער לערנט תורה. האט אליהו געזאגט. די תורה ווערט דאך אנגערופען „תושיה", בעוויל זי מאכט שוואך דעם כח פון מענש, צום סוף בעריהמסט דו דיך אז דו ביזט אזא גבור. האט רבי אלעזר געזאגט, די תורה ווערט דאך אבער אנגערופען אויך „רפואה און א זאפט צו די ביינער" און איך האב מיך אנגעטרונקען מיט פיעל תורה, אזוי ווי איינער וואס טרינקט פיעל רפואות, אלזא איז מיין כח געשטארקט געווארען. דאן איז אליהו בעשטאנען אויף דעם פארשלאג און רבי אלעזר האט זיי ביידע אריבערגעטראגען איבער'ן וואסער. דערנאך האט רבי אלעזר געפרעגט צו אליהו, וואס דאס יונגעל געהער איהם אן. האט אליהו געענטפערט. איך בין דעם יונגעלס מלמד, און איך לערן מיט איהם תורה. האט רבי אלעזר געזאגט. אויב אזוי, זאלט איהר וויסען אלטיטשקער, אז מיין כח איז גרויס אויף דער וועלט, און אויך אויף יענער וועלט, און אין דעם זכות וואס איהר לערנט תורה מיט יודישע קינדער, וועל איך נישט דערלאזען אז דער מלאך פון גיהנם זאל אייך אנריהרען צום שלעכטען, נאר איך וועל גוזר זיין, מען זאל אייך באלד אריינפיהרען אין גן עדן אריין, איהר זאלט האבען עולם הבא. האט אליהו געזאגט. רבי רבי, דאס איז טאקי אמת, אז דיינע רייד האבען א גרויסען כח אין הימעל, אזוי ווי א מלאך פון די מלאכים, וועלכע בעדיענען פאר דעם אויבערשטען. נאך די ווערטער איז אליהו מיט דעם יונגעל נעלם געווארען, און רבי אלעזר האט זיי שוין נישט געזעהן. דאן האט רבי אלעזר געזאגט. עס ווייזט אויס אז דאס איז נאר געוועזען אליהו הנביא. און רבי אלעזר האט זיך געפרעהט, וואס ער איז ביינעשטאנען דעם נסיון, און האט זיך אזוי נידריג געמאכט, נישט פאר קיין פראסטען מענש, נאר פאר אליהו הנביא:

אין די גמרא בבא מציעא שטעהט. רבי ישמעאל ברבי יוסי איז געזעצט געווארען פון דער רעגירונג פאר א שפיאן איבער די גנבים, ער זאל זיי אויפזוכען און זאל זיי איבערגעבען צו דער רעגירונג. האט איהם בעגעגענט אליהו הנביא און האט צו איהם אזוי געזאגט. ביז ווי לאנג וועסט דו אלץ איבערגעבען מענשען פון יודישען פאלק, מען זאל זיי הרג'נען. האט רבי ישמעאל איהם געענטפערט, וואס זאל איך טהון, אז דאס מלכות האט אויף מיר אזוי גוזר געוועזען. האט אליהו צו איהם געזאגט. דיין פאטער איז ענטלאפען קיין מדינת „אסיא", און דו אנטלויף קיין מדינת „לודקיא":

אין

אין מדרש שטעהט. עולא בן קישר איז געזוכט געווארען פון דער רעגירונג מען זאל איהם הרגנען. איז ער ענטלאפען אין שטאדט „לוד״ צו רבי יהושע בן לוי. אז די רעגירונג האט זיך דערוואוסט וואו ער איז, האט זי געשיקט א שליח קיין לוד, וועלכער האט געפאדערט אז מען זאל איהם איבערגעבען דעם פערמשפט'ן צום טוידט, און אויב נישט וועט ער חרוב מאכען די גאנצע שטאדט. איז רבי יהושע בן לוי אריינגעגאנגען צו עולא און האט איהם איבערגעבעטען און האט צו איהם אזוי געזאגט. עס איז דאך גלייכער אז דו אליין זאלסט נאר געהרג'עט ווערען, איידער די גאנצע שטאדט זאל דורך דיר נעהרג'עט ווערען, איז עולא בעשטאנען אויף רבי יהושע'ס רייד, און מען האט איהם איבערגעגעבען דעם שליח פון דער רעגירונג. אליהו הנביא האט געפלעגט שטענדיג רעדען מיט רבי יהושע בן לוי, און פון די מעשה אן האט זיך שוין אליהו צו איהם מיין נישט בעוויזען. האט רבי יהושע געפאסט וועגען דעם דרייסיג טעג. דערנאך איז אליהו צו איהם געקומען. האט איהם רבי יהושע געפרעגט פאר וואס ער האט זיך צו איהם אזא לאנגע צייט נישט בעוויזען. האט אליהו איהם געענטפערט. צי קען איך דען זיין א חבר צו מוסרים. האט רבי יהושע צו איהם געזאגט דער דין שטעהט דאך אזוי בפירוש אין א משנה. אז אויב עס געפינט זיך א חברותא יודען, וואס מען פאדערט פון זיי אז זיי זאלען איבערגעבען איינעם צום הרג'נען, און אז אויב נישט וועלען אלע געהרג'עט ווערען, זאלען זיי איבערגעבען דעם איינעם מענש, כדי זיי זאלען נישט אלע נעהרג'עט ווערען. האט אליהו צו איהם געזאגט. חאטש דער דין איז אזוי, פון דעסטוועגען איז דאס נישט קיין משנה פאר חסידים, און די זאך האט בעדארפט געמאכט ווערען דורך אנדערע הענד, אבער נישט דורך דיין האנד:

אין די גמרא מלקות שטעהט א מעשה. אמאל האט א לייב אויפגעפרעסען א מענש דריי מייל ווייט פון דעם ארט וואו רבי יהושע בן לוי האט געוואהנט. נאך דעם האט אליהו הנביא אויפגעהערט צו רעדען מיט רבי יהושע בן לוי דריי טעג. ווען אליהו איז צו איהם געקומען האט איהם רבי יהושע געפרעגט, פאר וואס ער איז ביז היינט נישט געקומען. האט איהם אליהו געענטפערט. בעוויל דו האסט געדארפט בעטען רחמים אז ביי דיין לעבען זאל זיך נישט טרעפען אזא אומגליק אין דיין געגענד. אזוי ווי מיר געפינען ביי דעם כהן גדול, אז די וואס ווערען פערטריבען אין עיר מקלט ווערען בעפרייט ווען דער כהן גדול שטארבט. האבען זיי געפלעגט מתפלל צו זיין אז דער כהן גדול זאל שטארבען. פאר וואס ושע זאל דער כהן גדול אומזיסט ליידען צוליעב די זינד פון די רוצחים. וואס האט ער דען געדארפט טהון. נאר ער האט געדארפט בעטען רחמים אויף זיין דור אז עס זאל זיך אזא אומגליק נישט טרעפען ביי זיין לעבען, און ער האט נישט געבעטען, איבער דעם ווערט ער געשטראפט:

אין די גמרא כתובות שטעהט א מעשה. אמאל האט א מענש גע-
ברענגט צו רב ענן א קריגעל קליינע פישעלעך געפרעגעלטע פאר א מתנה,
האט רב ענן איהם געפרעגט, וואס פערלאנגסט דו. האט ער געענטפערט
איך דארף דא האבען א דין תורה. האט רב ענן פון איהם נישט געוואלט
צונעמען די מתנה און האט איהם געזאגט איך בין שוין פסול צו זיצען ביי
דיין דין תורה. האט איהם דער מענש געזאגט איך פערלאנג שוין נישט
אז איהר זאלט זיצען ביי מיין דין תורה, נאר איך פערלאנג דורכאויס
אז איהר זאלט צונעמען פון מיר די מתנה, כדי איהר זאלט מיר נישט
שטערען די מצוה פון מקריב זיין בכורים, בעוויל מיר האבען געלערנט
אז איינער ברענגט א מתנה צו א תלמיד חכם איז גלייך ווי ער וואלט מקריב
געוועזען בכורים. האט רב ענן צו איהם געזאגט. אמת אז איך האב
טאקי נישט געוואלט צונעמען די מתנה, נאר אצונד אז דו האסט מיר
געזאגט א גוטען טעם וועל איך יא צונעמען די מתנה. און רב ענן האט
איהם געשיקט מיט די דין תורה צו רב נחמן, און האט איהם מיטגע-
געבען א קוויטעלע מיט פאלגענדע ווערטער. „זאל דער הערר משפט'ן
דעם מענש זיין דין תורה, בעוויל איך בין צו איהם פסול פאר א דיין".
האט רב נחמן גערעכענט אז רב ענן האט צו איהם אזוי געשיקט, מוז
זיין אז דער מענש איז זיין קרוב, דאדורך האט ער דעם משפט פון
יתומים וואס איז דאמאלס פאר איהם געשטאנען מרחה געווען, און זיך גע-
טמען צו דעם מענש'ס משפט, זאגענדיג אז די דין תורה איז בילכער צו-
ליעב דעם כבוד התורה פון רב ענן. אזוי ווי דער אנדערער בעל דין האט
געזעהן דעם כבוד וואס רב נחמן טהיילט צו זיין כנגד, איז ער פערטו-
מעלט געווארען מיט זיינע טענות און האט נישט געוואוסט וואס צו
טענה'ן. אליהו הנביא האט געפלעגט קומען צו רב ענן לערנען מיט
איהם דעם ספר „סדר אליהו". פון די מעשה אן האט אליהו אויפגעהערט
צו איהם קומען. האט רב ענן געפאסט פיעל תעניתים און האט געבעטען
רחמים אזוי לאנג ביז אליהו איז צו איהם ווייטער געקומען. אבער פון
דאמאלס אן האט אליהו אויף איהם געווארפען א גרויסע אימה און ער האט
נישט געקענט זיצען מיט איהם צוזאמען צוליעב די אימה. האט רב ענן
געמוזט מאכען א מחיצה צווישען זיך און אליהו, און אזוי נאך איז
ער געזעסען פאר איהם ביז אליהו האט מיט איהם אויסגעלערנט דעם
גאנצען ספר. און איבער דעם ווערט דער ספר צוטהיילט אויף צוויי חלקים.
דאס וואס אליהו האט מיט איהם געלערנט ביז די מעשה הייסט סדר
אליהו רבא, און דאס וואס אליהו האט מיט איהם געלערנט דערנאך,
הייסט סדר אליהו זוטא:

אין די גמרא בבא בתרא שטעהט, אז אליהו האט געפלעגט קומען
צו א חסיד רעדען מיט איהם. דער חסיד האט געהאט א אייגען הויז. האט
ער

ער אויפגעשטעלט אין הויף ביי דעם אריינגאנג פון טויער א קליינע בודקע, אין וועלכע דער וועכטער זאל דארט זיצען און היטען. און דורך דעם איז בעשווערט געווארען פאר די ארעמע לייט ארײן־צוקומען אין דעם הויף אריין. פון דאמאלס אן האט זיך שוין אליהו מעהר נישט בעוויזען צו דעם חסיד:

אין די גמרא כתובות שטעהט. עס זענען געוועזען צווייא ברידער תלמידי חכמים אבוה בר איהי און מנימין בר איהי. איינער האט זיך געפיהרט אז ער האט געגעבען זיין משמש צו עסען פון אלע מיני מאכלים פון זיין סעודה, און דער צווייטער האט געפלעגט געבען זיין משמש עסען צו דער זאט נאר פון איין מאכל פון זיין סעודה. מיט דעם ערשטען האט זיך אליהו הנביא געפלעגט צו חבר'ן, און האט מיט איהם שטענדיג גערעדט, און מיט דעם צווייטען האט אליהו נישט געוואלט רעדען קיין ווארט. דאס זעלבע איז אויך געוועזען ביי די ברידער רב מרי און רב פנחס, רב חסדא'ס קינדער. איינער האט געפלעגט געבען זיין משמש עסען נאך איידער ער זעלבסט האט גענעסען, און דער צווייטער האט ערשט גענעבען זיין משמש עסען נאך זיין עסען. מיט דעם ערשטען האט אליהו הנביא אפט גערעדט, און מיט דעם צווייטען האט ער קיינמאל נישט גערעדט:

אין די גמרא סנהדרין שטעהט. רבי יוסי האט גערדרשנט אין שטאדט צפורי, אז דער העדר אליהו הנביא איז געוועזען א בייזער. אליהו הנביא האט געפלעגט שטענדיג קומען צו איהם, נאר פון דאמאלס אן וואס ער האט אזוי גערדרשנט איז אליהו צו איהם נישט געקומען דרייא טעג. אז אליהו איז שוין צו איהם געקומען, האט איהם רבי יוסי געפרעגט, פאר וואס איז מיין העדר נישט געקומען צו מיר ביז יעצט. האט איהם אליהו געענטפערט, דערפאר ווייל דו האסט גערדרשנ'ט אויף מיר אז איך בין א בייזער. האט איהם רבי יוסי געזאגט, אט דאס זעלבסט איז דאך א ראיה אז מיינע רייד זענען אמת, דען מיין העדר איז באלד ברוגז געווארען דורך מיין דרשה:

אין די גמרא קידושין שטעהט. רב המנונא האט געזאגט, דער וואס האט חתונה מיט אזא ווייב, וועלכע איז נישט ראוי זי זאל זיין זיין ווייב, פערדרעהט איהם אליהו הנביא דעם קאפ מיט אזעלכע פערפלאנטערטע געשעפטען. אז ער קען זיך נישט ריהרען ווי א געבונדענער, און דער אויבערשטער שיקט אויף איהם קלעפ איינס נאכ'ן אנדערן, אזוי ווי מען שלאגט איינעם מלקות. אבער דער וואס נעמט א ווייב וועלכע איז יא ראוי פאר איהם, קושט איהם אליהו הנביא און דער אויבערשטער

ליעבט איהם. נאך האבען מיר געלערנט אז אלע קלאסען מענשען, סיי א כהן, סיי א לוי, סיי א ישראל, אויב ער נעמט א ווייב, וועלכע איז נישט ראוי פאר איהם, שרייבט אליהו הנביא אויף איהם אין דיזען אויפשריפט. „וועה איז צו דעם וואס ער פסל'ט זיינע קינדער און פערפלעקט זיין משפחה, און דאס איז א סימן אז ער אליין איז אויך א פסול, איבער דעם וויל ער נישט ברענגען קיין גוטע זרע אויף די וועלט". און דער אויבערשטער חתמ'עט אין אויף דעם אויפשריפט, אז די ריד זענען אמת:

אין די גמרא יבמות שטעהט. רבי אליעזר האט געדרש'נט דעם פסוק וואס דער אויבערשטער האט געזאגט ווען ער האט געוואלט בעשאפען חוה „אעשה לו עזר כנגדו", איך וועל איהם בעשאפען א העלפער קעגען איהם. מה נפשך, איז דאס א העלפער איז עס דאך נישט קיין „כנגד". איז עס ווייטער א „כנגד" איז עס דאך נישט קיין העלפער. נאר דער פשט איז אזוי, אויב דער מענש איז זוכה איז דאס ווייב צו איהם א העלפער, און אויב נישט איז זי צו איהם א כנגד און זי קלאפט איהם אמאל אויס אויך. רבי יוסי האט געטראפען אליהו הנביא. האט ער איהם געפרעגט די שאלה, ווען דער אויבערשטער האט בעשאפען חוה'ן האט ער געזאגט אעשה לו עזר איך וועל בעשאפען צו אדם'ן א העלפער. מיט וואס העלפט א ווייב דעם מאן. האט אליהו איהם געענטפערט. אז דער מאן ברענגט פון פעלד ווייץ צי קען ער עסען דעם ווייץ אזוי ווי ער איז. אדער אז ער ברענגט פון פעלד פלאקס, צי קען ער זיך אנקליידען מיט דעם פלאקס אזוי ווי ער איז. פערשטעהט זיך אז דאס ווייב מוז איהם צורעכטמאכען פון דעם ווייץ א מאכל, און פון דעם פלאקס מוז זי אויסשפינען און אויסוועבען א בגד, און מיט דעם בעלייכט זי דעם מאן זיינע אויגען און שטעלט איהם אויף די פיס:

אין די גמרא מגילה שטעהט. רבה בר אבוה האט געטראפען אליהו הנביא, האט ער איהם געפרעגט, עס שטעהט אין די גמרא אז צוועלף רבנים קריגען זיך אין די טעמים פאר וואס אסתר האט פערבעטען צו זיך המנ'ען צוזאמען מיט דעם מלך אחשורוש אויף דער סעודה. און איך ווייס נישט וועלכער טעם איז דער אמת. האט אליהו איהם געענטפערט אז אלע טעמים פון די אלע רבנים זענען אמת, און צוליעב די אלע צוועלף טעמים האט אסתר פערבעטען המנ'ען צו זיך אויף דער סעודה:

אין די גמרא חגיגה שטעהט. רבה בר שילא האט געטראפען אליהו הנביא. האט ער איהם געפרעגט וואס טהוט ערשט דער אויבערשטער אין הימעל, האט אליהו איהם געענטפערט אז דער אויבערשטער זאגט

נאך

באך הלכות אין נאמען פון אלע רבנן. און פון רבי מאיר'ס נאמען זאגט ער נישט. האט רבה געפרעגט פאר וואס. האט אליהו געענטפערט, דערפאר וואס רבי מאיר האט געלערנט תורה פון אלישע בן אבויה וועלכער ווערט אנגערופען מיט דעם נאמען „אחר" בעוויל ער איז נישט געוועזן קיין ערהליכער יוד. האט רבה געפרעגט „וואס איז דען, עס איז דאך בעוואוסט אז רבי מאיר האט זיך געפיהרט מיט אלישע'ן, אזוי ווי דער וואס געפינט א מילגראם און נאגט אויס דעם גוטען זאפט און דאס געמיינע פון מילגראם ווארפט ער אוועק. דאן האט זיך אליהו אנגערופען, אט אצונד זאגט שוין דער אויבערשטער נאך א מאמר פון רבי מאיר'ס וועגען מיט דעם לשון, מיין זוהן מאיר האט אזוי געזאגט, ווען א מענש איז אין א צרה חאטש ער איז א רשע דאך האט די שכינה מיט איהם מיטלייד און קרעכצט מיט איהם מיט גלייך זי וואלט געשפירט זיין וועהטאג. און אז די שכינה האט אזוי מיטלייד אויף דעם פערגאסענעם בלוט פון רשעים, מכל שכן אז זי האט מיטלייד אויף דעם פערגאסענעם בלוט פון צדיקים.

אין די גמרא גיטין שטעהט. רב אביתר האט געטראפען אליהו הנביא, האט ער איהם געפרעגט וואס טהוט ערשט דער אויבערשטער אין הימעל. האט איהם אליהו געענטפערט אז ער איז עוסק אין די מעשה פון פילגש בגבעה, פאר וואס דער מאן איז מיט איהר ברוגז געווארען, און ער זאגט בזה הלשון. מיין זוהן אביתר זאגט אז דער רוגז איז ארויסגעקומען, ווייל ער האט געפונען א פליג אין דעם עסען, און מיין זוהן יונתן זאגט, אז דער מאן האט געפונען א האר. האט רב אביתר געפרעגט צו אליהו. איז דען פאר דעם אויבערשטען אויך פערהאנען א ספק. האט אליהו געענטפערט, ביידע טעמים זענען אמת, פריהער האט ער געפונען א פליג, האט ער איהר מוחל געווען, דערנאך האט ער געפונען א האר, האט ער איהר שוין נישט געוואלט מוחל זיין:

אין די גמרא בבא מציעא שטעהט. רבי נתן האט געטראפען אליהו הנביא, האט ער איהם געפרעגט וואס טהוט ערשט דער אויבערשטער אין הימעל. דאס איז געווען דאמאלס ווען עס איז פארגעקומען דאס גרויסע מחלוקת צווישען דעם תנא רבי אליעזר מיט די חכמים, וועגען א קאך-אויוועלע, וועלכעס איז געווארען צונויפגעשטעלט פון שטיקער געברענטע ליים, וואס מען האט צווישען די שטיקער געשיט זאמד און ארומגעקלעבט מיט ליים. האט רבי אליעזר געזאגט אז אזא אויוועלע קען נישט טמא ווערען, און די חכמים האבען געזאגט אז עס קען יא טמא ווערען. האט רבי אליעזר געזאגט צו די חכמים. אויב איך האב רעכט זאל דער באקסען-בוים אונז איבערצייגען. דער באקסען-בוים איז באלד

אויסגעריסען

אויסגעריסען געוואָרען פון אָרט און אוועקגעשליידערט געוואָרען אויף הונדערט עהלען ווייט. מאַנכע זאָגען אויף פיער הונדערט עהלען ווייט. האָבען די חכמים צו איהם געזאָגט מיר ברענגען נישט קיין ראיה פון קיין באָקסען־בוים. האָט ווייטער רבי אליעזר געזאָגט, אויב איך האָב רעכט, זאָל דער טייך וואַסער אונז איבערצייגען. האָט דער טייך זיך באַלד אויסגעדרעהט אַהינטער. האָבען די חכמים געזאָגט צו איהם, מיר ברענגען נישט קיין ראיה פון אַ טייך וואַסער. האָט ווייטער רבי אליעזר צו זיי געזאָגט, אויב איך האָב רעכט זאָלען די ווענד פון בית המדרש אונז איבערצייגען. האָבען זיך די ווענד באַלד אָנגעהויבען איינבויגען נאָר נאָר איינצופאַלען. האָט רבי יהושע אָנגעשריגען אויף די ווענד בזה הלשון, אויב תלמידי חכמים קריגען זיך אין אַ דין וואָס האָט איהר זיך דאָ אַריינצומישען. זענען די ווענד נישט איינגעפאַלען איבער דעם כבוד פון רבי יהושע, און אויך האָבען זיי זיך נישט צוריק גלייך־געשטעלט, צוליעב דעם כבוד פון רבי אליעזר, און זיי זענען אַזוי געבליבען שטעהן איינגעבויגען. דערנאָך האָט רבי אליעזר ווייטער געזאָגט צו די חכמים, אויב איך האָב רעכט זאָל מען פון הימעל אונז איבערצייגען. באַלד איז אַרויס פון הימעל אַ בת קול בזה הלשון, וואָס האָט איהר אייך צו קריגען מיט רבי אליעזר'ן עס בלייבט דאָך די הלכה אומעדום אַזוי ווי רבי אליעזר זאָגט. האָט רבי יהושע זיך אויפגעשטעלט און אויסגעשריגען דעם פסוק „לא בשמים היא", דאָס הייסט אַז די תורה איז נישט אין הימעל, מיר קוקען נישט אויף קיין בת קול, מיר קוקען נאָר וואָס אין די תורה שטעהט „אחרי רבים להטות" דאָס הייסט אַז די מעהרהייט האָט רעכט. און אין די זעלבע צייט האָט רבי נתן געפרעגט אליהו הנביא וואָס טהוט ערשט דער אויבערשטער אין הימעל. האָט איהם אליהו געענטפערט. אַז דער אויבערשטער פרעהט זיך און זאָגט, זיי מיך מנצח מיינע קינדער, זייט מיך מנצח מיינע קינדער:

אין היילינען זוהר שטעהט, רבי שמעון בן יוחאי איז געגאַנגען קיין טבריא, האָט איהם בעגעגענט אליהו הנביא. זיי האָבען זיך געגעבען שלום, און רבי שמעון האָט געפרעגט אליהו אין וואָס פאַר אַ ענין איז דער אויבערשטער ערשט עוסק אין הימעל. האָט איהם אליהו געענטפערט אַז ער איז עוסק אין ענין פון קרבנות, און זאָגט נאָך חידושי תורה אין דיין נאָמען'ס וועגען. וואָהל איז דיין חלק, איך בין געקומען דיך בעגריסען מיט שלום, און דיך צו פרעגען איין שאלה, וועלכע איז געפרעגט געוואָרען אין די הימלישע ישיבה וועגען דעם ענין פון קרבנות. אַז עס געהט ביי דעם אויבערשטען נישט אָן קיין אכילה ושתיה, צו וואָס דען טויג זשע ווייטער דאָס גאַנצע עסק פון קרבנות. האָט רבי שמעון געפרעגט ביי אליהו, וואָס האָט זיי אויף דעם דער אויבערשטער געענטפערט, האָט

אליהו געזאָגט אז דער אויבערשטער האָט געהייסען פרעגען די שאלה ביי רבי שמעון בן יוחאי, ער זאָל די שאלה בעשיידען. אלזאָ בין איך צו דיר געקומען פרעגען די שאלה. האָט רבי שמעון געזאָגט מיין מיינונג איז. אז צוליעב די גרויסע אהבה וואָס דער אויבערשטער ליעבט זיין פאָלק יודען, ענדערט ער זיין מנהג, דאָס הייסט האָטש ביי איהם איז נישט פערהאַנען קיין אכילה ושתיה, פון דעסטוועגען כדי ער זאָל צוליעב טהון די אידען, וואָס זענען ביי איהם דאָס געליעבטסטע פאָלק, האָט ער איינגעפיהרט דעם מנהג פון אכילה ושתיה דורך דעם עסק פון קרבנות. אויף זיין אָרט אין הימעל געהט טאקי נישט אָן קיין אכילה ושתיה, אָבער אז ער קומט אויף דעם אָרט וואו אידען זענען, געהט יאָ ביי איהם אָן אכילה ושתיה. דאָס זעלבע געפינען מיר ביי די מלאכים, וועלכע דער אויבערשטער האָט געשיקט צו אברהם אבינו, האָטש אין הימעל עסען און טרינקען נישט די מלאכים, אָבער ביי אברהם אבינו האָבען זיי יאָ געגעסען און געטרונקען צוליעב אברהם'ען. הייסט אליהו געזאָגט איך ווייס אז דעם זעלבען תירוץ האָט דער אויבערשטער געוואָלט זאָגען, נאָר ער האָט געוואָלט דיך מזכה זיין מיט דיעזע חידושי תורה. וואוהל איז דיין חלק וואָס דער אויבערשטער בעריהמט זיך מיט דיר אין הימעל:

אין הייליגען זוהר שטעהט. אליהו הנביא האָט זיך בעוויזען צו רבי שמעון בן יוחאי, און האָט צו איהם אזוי געזאָגט. אזוי ווי דו בעמיהסט זיך ביי יעדער מצוה מקיים צו זיין מיט דער כוונה צו בעהעפטען דעם אויבערשטען מיט זיין הייליגע שכינה און מיט אלע מחנות פון די הייליגע מלאכים, אזוי טהוט זיך דיין הייליגער נשמה אויך בעהעפטען ביי יעדע מצוה מיט דעם אויבערשטען מיט זיין הייליגע שכינה און מיט אלע מחנות פון די הייליגע מלאכים. און זיי אלע ליעבען דיך און היטען דיך אב, אזוי ווי פאָטער און מוטער ליעבען און קושען זייער געליעבט קינד און היטען עס שטענדיג אב. נאָך דעם האָט אליהו מגלה געווען צו רבי שמעון בן יוחאי פיעל סודות התורה:

אין הייליגען זוהר שטעהט. אליהו הנביא האָט זיך בעוויזען צו רבי חייא אין חלום. און האָט איהם מודיע געווען, אז עס איז נגזר געוואָרען אויף ירושלים עס זאָל חרוב ווערען. דערביי האָט ער איהם געוואָרענט אז ער מיט אלע חכמים זאָלען זיך זעהן צו שטאַרקען מיט דעם כח פון תלמוד תורה. און דאַמאָלס וועט אפשר מעגליך זיין אז דורך דעם קול יעקב וועלען זיי ניצל ווערען פון ידי עשו:

אין הייליגען זוהר שטעהט. אליהו הנביא האָט זיך בעוויזען צו רבי יהודא ביי דעם טויער פון די שטאָדט טבריא. און האָט איהם אזוי געזאָגט

געזאגט. זאלסט וויסען אז אלע הימלען זענען פינסטער, בעוויל די שכינה איז אין גלות, דורך וועלכען אידען ליידען פיעל צרות און קיינער העלפט זיי נישט. האט רבי יהודא געזאגט איך האב מיך שוין פיעל בע־מיהט צו העלפען אידען, און איך האב גאר נישט געפועלט. האט אליהו צו איהם געזאגט, דער עיקר ווענדט זיך אין תפלה מיט גרויס כוונה, אז דער מידת הדין זאל איבערגעקעהרט ווערען אויף מידת הרחמים. דאמאלס וועט שיינען א גרויסע ליכטיגקייט אויף די הייליגע שכינה מיט די אידען:

אין די גמרא חגיגה שטעהט. אליהו הנביא האט געזאגט צו דעם חכם וואס מען האט איהם גערופען „בר־הי־הי", טייל זאגען אז אליהו האט אזוי געזאגט צו רבי אלעזר'ן. עס שטעהט אין פסוק „בחרתיך בכור עוני", דאס הייסט איך האב דיך אויסדערוועהלט דורך דער טעסט פון ארעמקייט, פון דאנען איז געדרונגען אז דער אויבערשטער האט געזוכט צווישען אלע מדות טובות וועלכע מדה איז בעסער צו געבען אידען, האט ער נישט געפונען נאר ארעמקייט. האט אויף דעם שמואל געזאגט, טהייל זאגען אז רב יוסף האט דאס געזאגט, אז צוליעב דעם זאגען מענ־שען א ביישפיעל, אז ארעמקייט איז אזוי פאסיג צו אידען, אזוי ווי א רויט פאסיקעל צו א וויים פערד:

אין די גמרא ברכות שטעהט. אליהו הנביא האט געזאגט צו רב יהודא, דער ברודער פון רב סלא חסיד, זאלסט זיך נישט בעס'ן דאן וועסט דו נישט זינדיגען. זאלסט זיך נישט געוויינען צופיעל עסען און פיעל טרינקען, דאן וועסט דו נישט זינדיגען. ווען דו געהסט אין וועג אריין זאלסט דו פריהער זאגען תפלת הדרך.

אין די גמרא גיטין שטעהט. אליהו הנביא האט געזאגט צו רב נתן, זעה אז דיין עסען זאל נאר פערנעמען א דריטעל בויך, דיין טרינקען זאל אויך פערנעמען נאר א דריטעל בויך, און א דריטעל בויך זאל זיין לעדיג, כדי אז אויב דו וועסט פאלען אין כעס אריין, וועט דורך דעם דיין בויך ווערען פונקט פול, און דו וועסט נישט ניזק ווערען:

# פיער פרקים תורה און דרך ארץ פון אליהו הנביא צוזאמען־געשטעלט פון פיעל מדרשים:

## פרק א.

אשרי האדם וואהל דעם מענש, ער זאל גוט אבהיטען דיזע רייד אין זיין הארץ, ער זאל זיך מאכען אזוי ווי אנ'אקס אונטער דעם יאך, אזוי ווי אנ'עזעל אונטער די שווערע משא, און ווי א קוה וואס אקערט אין פעלד. ער זאל זיצען און לערנען תורה אלע טאג. אויב ער קען שוין לערנען חומש, זאל ער נביאים וכתובים אויך לערנען. דערנאך זאל ער לערנען משניות, הלכות, מדרש און הגדות, ער זאל מעהר לערנען ווי האנדלען. אויב ער וועט אזוי טהון וועט אויף איהם רוהען דער רוח הקודש און די תורה וועט ווערען אבגעהיטען אין זיינע געדערם, און ער וועט וויסען צו ענטפערן יעדען מענש א קלארע תשובה, און ער איז פערזיכערט אין עולם הבא. איך אליהו נעם עדות אויף מיינע רייד הימעל און ערד, אז סיי א יוד סיי א גוי, סיי א מאנספערזאן סיי א פרוי, סיי א עבד סיי א שפחה, איז אלע לויט זייערע גוטע מעשים וואס זיי טהוען, אזוי רוהט אויף זיי דער רוח הקודש. אלזא אפילו דער מענש וואס איז עוסק שטענדיג אין א מלאכה, אדער אין משא ומתן, זאל זיך אויך נישט מייאש זיין פון רוח הקודש און פון עולם הבא, אזוי ווי די הייליגע חכמים האבען געזאגט „כל ישראל יש להם חלק לעולם הבא". איי ווי אזוי איז דאס מעגליך? נאר דער ענין איז אזוי, דער מענש וואס איז עוסק אין א מלאכה א גאנצע וואך, אז ער רוהט אין שבת ווערט ער דערפרעהט מיט זיין בני בית. אויך אז א מענש טהוט א מלאכה א גאנצע וואך פאר זיינע פיינד, און אז ער רוהט אין שבת, פערגעסט ער דעם גאנצען צער וואס ער האט געהאט א גאנצע וואך. ווייל אזוי איז דער שטייגער פון דעם מענש, אז א גוטער טאג מאכט פערגעסען דעם שלעכטען טאג און א שלעכטער טאג מאכט פערגעסען דעם גוטען טאג. האט דער אויבערשטער געזאגט צו די יודען. אמת אז איך האב אייך געשריבען אין מיין תורה דעם פסוק „לא ימוש ספר התורה הזה מפיך", דאס הייסט אז די תורה זאל זיך נישט אבטהון קיינמאל פון דיין מויל. פון דעסטוועגען די מענשען וואס זענען פערנומען א גאנצע וואך מיט מלאכה, אדער מיט משא ומתן, קענען דאס פערריכטען מיט דעם וואס זיי וועלען חאטש דעם גאנצען שבת־דיגען טאג עוסק זיין אין די תורה. דעם שבתדיגען טאג האט דער אויבערשטער אויסגעקליבען פאר זיך, פון א גאנצע וואך. איבער דעם האבען די חכמים געזאגט, אז מען דארף זיך אויפהויבען שבת נאנץ פריה

צום

צום לערנען. מען זאל געהן אין א שוהל אריין, אדער אין א בית מדרש אריין, און לערנען תורה, נאך דעם זאל מען מתפלל זיין צום אויבערשטען מיט דעם גאנצען הארץ און מיט א קלארען געדאנק. נאך דעם דאווענען זאל מען געהן אהיים עסען און טרינקען, מקיים צו זיין די מצוה פון סעודת שבת מיט שמחה. און אפילו דער מענש וואס פערמאגט נישט מעהר אין זיך ווי דאס וואס ער האט דרך ארץ, און דאס וואס ער קען נאר בלויז דאווענען, ענטפערט מען איהם אויך איבער איין מלאך אבצוהיטען איהם. און דער מענש וואס לערנט תורה, נביאים וכתובים, ענטפערט מען איהם שוין איבער צוויי מלאכים איהם אבצוהיטען. אבער דער מענש וואס לערנט תורה, נביאים, כתובים, משניות, מדרש, הלכות, אגדות, און גמרא, דעם היט שוין דער אויבערשטער אליין אב. למשל פונקט אזוי ווי א מלך וואס געהט אויף דעם וועג מיט זיין זוהן, אז זיי קומען צו אזא ארט וואו די זון ברענט שטארק, געהט דער פאטער נעבען זיין זוהן אויף דער זייט וואו די זון שיינט. און מאכט א שאטען אויף זיין זוהן, כדי עס זאלען צו איהם נישט צוקומען די ברענענדיגע זונען־שטראהלען. אזוי ווי עס שטעהט אין פסוק ה' שומרך ה' צלך על יד ימינך:

## פרק ב.

ישמעו הגדולים. די תלמידי חכמים דארפען זיין געווארענט זיי זאלען זיך שעהן אויפפיהרען מיט עדעלע מידות און מעשים טובים. דורך דעם וועלען די קלענערע אידען אויך זיין געווארענט זאלען זיך שעהן אויפפיהרען. א תלמיד חכם דארף זיין א עניו סיי מיט די תורה סיי מיט מעשים טובים און מיט יראת שמים. ער דארף זיך האלטען נידעריג קעגען זיין פאטער און מוטער. קעגען זיין רבי'ן, קעגען זיין ווייב און קינדער, קעגען זיינע בני בית. קעגען זיינע שכנים, קעגען זיינע קרובים, און אויך קעגען פרעמדע מענשען, און אויך אפילו קעגען א גוי פון גאס. כדי ער זאל זיין געליעבט אין הימעל, און אויף דער וועלט זאל ער זיין בעוויליגט ביי אלע קלאסען מענשען, אזוי נאך וועט ער אויסלעבען זיינע יאהרען מיט א שם טוב. בעוויל אז א מענש איז א עניו מיט תורה און מיט מעשים טובים האבען אלע פאר איהם מורא, אלע ריהמען איהם און ליבען איהם. און זיי זאגען אזוי, קוקט נאר אן דעם מענש, ער איז אזא גרויסער חכם אין די תורה, ער פערמאגט פיעל מידות טובות, פון דעסטוועגען האט ער ליעב אלע מענשען, ער איז נידריג ביי זיך און רעדט מיט יעדען מענש זעהר געלאסען און פריינדליך. דאס איז אנדערש נישט נאר אז די תורה האט איהם געבראכט צו אזעלכע מידות טובות. ממילא קומט אויס אז דורך איהם קומט אריין אין אלע אידישע הערצער א ליעבשאפט צו די

תורה, און דעם אויבערשטענס נאמען ווערט דורך איהם געהייליגט, אבער דער תלמיד חכם וואס איז נישט קיין עניו מיט זיין תורה, און אז ער פערמאגט נאך מיאוס'ע און שלעכטע מידות, ער האלט זיך גרוים און רעדט נישט מיט מענשען וויך און פריינדליך, איז ער פערפיינדעט ביי יעדען און מענשען ליידען איהם נישט. נאר זיי זאגען איינער צום אנדערן, זעהט נאר דעם בן תורה דעם למדן, ווי פיל ער איז מיט מיאוסע און שלעכטע מידות דורך די תורה וואס ער האט געלערנט. ממילא קומט דורך איהם אריין אין יודישע הערצער א בזיון צו דער תורה, און דעם אויבערשטענס נאמען ווערט דורך איהם פערשוועכט. צוליעב דעם האבען די חכמים געזאגט, אז א תלמיד חכם וואס האט נישט קיין דעת איז א נבלה בעסער פאר איהם. נאך האבען די חכמים געזאגט. האסט דו דעת זיך ערווארבען. וואס זשע פעהלט דען דיר. אויב עס פעהלט דיר דעת, וואס זשע האסט דו דען ערווארבען. ווער עס ערהויבט דעם אויבערשטענס כבוד, און ערנידריגט זיין כבוד, ווערט דעם אויבערשטענס כבוד ערהויבען און זיין אייגענער כבוד אויך ערהויבען. אבער דער וואס ערנידריגט דעם אויבערשטענס כבוד און זיין כבוד ערהויבט ער, שטעהט דעם אויבערשטענס כבוד אין זעלביגען בעשטאנד, נאר זיין אייגענער כבוד ווערט יא ערנידריגט. איך אליהו נעם עדות אויף מיינע רייד הימעל און ערד, אז יעדער תלמיד חכם וואס לערנט לשם שמים ער לעבט פון זיין אייגען פערדיענסט און וויל נישט נהנה זיין פון קיינעם, אויף איהם זאגט דער פסוק „יגיע כפיך כי תאכל אשריך וטוב לך". וואהל איז דעם אויף דער וועלט און גוט אויף יענער וועלט. און יעדער תלמיד חכם וואס לערנט תורה מיט אידען לשם שמים און איז נישט נושא פנים קיינעם, נישט קיין עושר, און נישט קיין ארעמאן, נאר ער לערענט תורה מיט אלע גלייך, דורך דעם איז זיך דער אויבערשטער מרחם איבער איהם, און מעהרט איהם חכמה ובינה. און גיט איהם א חלק מיט די צדיקים און מיט די הייליגע אבות אברהם יצחק ויעקב. און אפילו דער תלמיד חכם וואס לערנט נישט תורה ברבים, נאר ער לערנט תורה פאר זיך זעלבסט רוהט די הייליגע שכינה קעגען איהם און לערנט מיט איהם. אויף איהם זאגט דער פסוק „שפכי כמים לבך נוכח פני ה'":

## פרק ג.

אם דבקה נפש ישראל. אויב א אידיש נפש וויל זיך בעהעפטען צום אויבערשטען אויסצוגיסען פאר איהם זיין ביטער הארץ מיט א תפלה ובקשה, דארף זיך דער מענש פריהער מכין זיין, ער זאל זיך גוט מיישב זיין מיט זיין דעה ווי אזוי ער דארף שטעהן פאר דעם מלך מלכי

המלכים

המלכים מתפלל צו זיין. און ער דארף וויסען די פיער זאכען וואס די חכמים האבען געלערנט ביי תפלה. (א) מען זאל זיך נישט אנידערשטעלען מתפלל זיין אין א טהאל צווישען פעלדער, אזוי ווי די אומות העולם זענען זיך נוהג. (ב) מען זאל זיך נישט אנידערשטעלען מתפלל זיין אין רשות הרבים וואו פיעל מענשען דרעהען זיך. כדי ער זאל נישט מבולבל ווערען דורך די מענשען און ווייבער וועלכע דרעהען זיך דארט ארום. (ג) מען דארף מקדש ומטהר צו זיין דאס ארט פון די תפלה. פיער עלען אויף צפון זייט, פיער עלען אויף מעריב זייט, פיער עלען אויף דרום זייט, און פון פארנט דארף זיין ריין אזוי וויים ווי דאס אויג דערזעהט. און אז מען דאווענט אין א שטוב דארף מען מקדש ומטהר צו זיין די גאנצע שטוב, אפילו ווען די שטוב פערנעמט הונדערט עלען. בעוויל די שכינה רוהט אויף דעם ארט וואו מען איז מתפלל. (ד) מען זאל זיך שטעלען מתפלל זיין שמונה עשרה מיט דעם פנים צו די וואנד, מיט אימה, מיט יראה און מיט ציטערניש, עס זאל קיין שום זאך נישט מפסיק זיין צווישען איהם און די וואנד. אזוי ווי עס שטעהט ביי דעם מלך חזקיהו, ויסב חזקיהו פניו אל הקיר ויתפלל אל ה'. חזקיהו האט זיך אויסגעדרעהט מיט זיין פנים צו די וואנד, און האט מתפלל געווען צום אויבערשטען. קום, זעה, און לערן דיך אב פון חזקיהו המלך, חאטש חזקיהו איז געווען א גרויסער צדיק, פון דעסטוועגען איז ער געשטראפט געווארען, נאך זיין ערשטע תפלה, בעוויל ער האט נישט מתפלל געווען אזוי ווי עס דארף זיין, און ער איז שטארק קראנק געווארען. דאס איז געווען ווען סנחרב איז געקומען און האט ארומגערינגעלט ירושלים, האט זיך געשטעלט חזקיהו מתפלל זיין פאר דעם אויבערשטען. דאן האט ער געמאכט דעם פעהלער וואס ער האט גערעדט פאר דעם אויבערשטען זיין תפלה, אזוי ווי א מענש רעדט מיט זיין חבר. באלד האט גערוהט א רוח נבואה אויף ישעיהו הנביא. איז ער געקומען צו חזקיהו המלך און האט צו איהם אזוי געזאגט. ווייסט דו דען נישט אז אפילו ווען איינער רעדט נאר פאר א מענש וואס איז גרעסער פאר איהם, ציטערט אויך אין איהם זיין גאנצער גוף מיט אלע אברים, מכל שכן אז א מענש רעדט פאר דעם מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא, דארף ער דאך אוודאי רעדען מיט אימה, מיט יראה און מיט ציטערניש. דערפאר איז חזקיהו אריינגעפאלען אין א קראנקהייט אזוי, אז ער האט שוין געהאלטען ביי שטארבען, און נאר דורך דעם וואס ער האט דערנאך מתפלל געווען אויף דעם קראנקען בעט יא אזוי ווי עס דארף זיין, ער האט זיך אויסגעדרעהט מיט דעם פנים צו די וואנד און האט מתפלל געווען מיט טרערען, דאן האט דער רחום וחנון געזעהן אז אצונד קוועלט יא זיין תפלה ארויס פון טיעפען הארצען, און אז זיינע ליפען רעדען די תפלה מיט חכמה מיט בינה מיט דעת און מיט גרויסע הכנעה, האט ער באלד זיין תפלה צוגעהערט

געהערט, די גזירה רעה איז צוריסען געווארען, און דער אויבערשטער האט איהם געשיקט זאגען דורך ישעיהו הנביא „שמעתי את תפלתך", איך האב דיין געבעט צוגעהערט, איך וועל דיך היילען אז אויף דעם דריטען טאג וועסט דו שוין קענען ארייגקומען אין בית המקדש אריין:

## פרק ד.

אשרי לזה האיש, וואהל דעם מענש וואס ער פיהלט דעם צער פון אנדערע מענשען, און נעמט אנטהייל אין דעם צער פון צבור. דעם מענש גיט מען פון הימעל פיעל שכר פאר דעם. קום און זעה און לערן דיך אב פון משה רבינו עליו השלום. ביי די מלחמה פון עמלק'ן שטעהט אין פסוק, ויקחו אבן וישימו תחתיו וישב עליה, אז משה רבינו האט זיך אני־דערגעזעצט אויף א שטיין. משה איז דאך דאמאלס געווען דער אידישער מלך, האט דען געפעהלט מען זאל איהם אונטערלעגען עפיס א ווייכע זאך צום זיצען. נאר משה האט זיך אזוי געטראכט. בעווייל אידען געפינען זיך אצונד אין גרוים צער, וויל איך אויך מיט זיי מיטלייד[ען] א צער. אלזא זאל א מענש נישט זעהן ווי דאס ציבור געפינט זיך אין א צער און ער זאל זיך איינרעדען, איך וועל מיר געהן עסען און טרינקען און לאזען זיך וואהלגעהן, בעווייל מיר פעהלט דאך גאר נישט. זאל ער אזוי נישט זאגען. בעווייל ווען א רבים געפינען זיך אין א צער, און א יחיד שיידט זיך פון זיי אב, איז די צוויי מלאכים וועלכע בעגלייטען דעם מענש פון שוהל אדער פון בית המדרש ביז זיין היים, זאגען זיי אויף דעם מענש בזה הלשון. דער מענש האט זיך אבגעשיידט פון דעם ציבור'ס צער, זאל ער אויך נישט זוכה זיין צו זעהן די נחמה פון דעם ציבור. אבער דער וואס נעמט יא אנטהייל אין דעם ציבור'ס צער, האטש איהם פעהלט גאר נישט, דער איז אויך זוכה צו זעהן, און זיך פרעהען אין די נחמה פון דעם ציבור. דעסטגלייכען זאל זיך נישט א מענש אבשיידען פון דעם ציבור, אום ער זאל נישט ארייגקומען אין שוהל אדער אין בית המדרש צום דאווגען און לערנען, ווייל אפילו דער עם־הארץ וואס קען נישט דאווגען און נישט לערנען, פון דעסטוועגען האט ער שכר־הליכה פאר זיין געהן אין שוהל אדער אין בית המדרש. און נאך מעהר, דורך דעם וואס ער וועט זיך ארייגשטופען אין בית המדרש אריין אדער אין שוהל אריין צו הערען לערנען און דאווגען, און ער וועט נאכזאגען „אמן יהא שמיה רבה מברך" מיט זיין גאנצען כח, וועט זיך דער אויבערשטער איבער איהם מרחם זיין און וועט איהם עפענען זיין הארץ מיט זיינע אויגען ביסלעכווייז, אז ער זאל קענען פערשטעהן אויך מקרא, משנה, און הגדה, און ער זאל קענען פערשטעהן ביסלעכווייז אויך דאס דאווענען. דערפאר וועט ער האבען פיעל שכר אויף יענער וועלט, ווייל ער האט זיך מצער

געווען

געוועֶן אויף דער וועלט, אז ער זאָל פערשטעהן דברי תורה און תפלה, ווייסט דו צו וואָס אידען זענען געגליכען אויף דער וועלט ביי זייער פאָטער אין הימעל, צו אַ מלך בשר ודם וואָס האָט פיעל זיהן און פיעל קנעכט, און האָט זיך אויף־געבויט פיעל הייזער און גרויסע פאַלאַצען, וואָס צווישען די זענען דאָ גרויס־אַרטיגע אלעען, פיעל וועגען וואָס ציהען זיך לאַנג און וויים נאָר אָהן אַ צאָהל. און דער מלך האָט זיך מיישב געוועזן און האָט אזוי געזאָגט. איך וועל פרובען מיינע קנעכט און מיינע זיהן, וועֶר עס האָט מיך ליעב און האָט פאַר מיר מורא, און וועֶר עס האָט פאַר מיר מורא און האָט מיך נישט ליעב. וואָס זשע האָט ער געטהון. ער האָט אַרום־געצוימט אַ לעדיגען פלאַץ וואָס פערנעמט הונדערט עהלען אויף הונדערט עהלען, פון אינוועניג האָט ער אַרום־געצוימט אַ קליין הויפעל פון פיער אויף פיער עהלען, און אינוועניג האָט ער געמאַכט אַ קליין שטיבעלע פון פיער אויף פיער טפחים. דאָס קליינע שטיבעלע איז אַרויס־געגאַנגען אויף אַ גרויסען שעהנעם פלאַץ, וואָס דאָרטען האָט מען אַמאָל געקענט מקבל פנים זיין דעם מלך. זענען דעם מלך'ס קינדער און דעם מלך'ס קנעכט אלע אַריינגעקומען און האָבען זיך אָבגעשטעלט אין דעם פערצוימטען פלאַץ, און אויך אין דעם קליינעם הויפעל. אזוי אַרום האָט דער מלך פערשטאַנען וועֶר עס האָט איהם ליעב און האָט פאַר איהם מורא, און וועֶר עס האָט פאַר איהם מורא און האָט איהם נישט ליעב. דער וואָס האָט נאָר פאַר איהם מורא געהאַט און נישט ליעב, דער האָט זיך אָבגעשטעלט אין דעם גרויסען אַרום־געצוימטען פלאַץ אָדער אין דעם קליינעם הויפעל, און ער האָט זיך נישט געוואָלט מצער זיין, ער זאָל זיך אַריינשטופען אין דעם קליינעם שטיבעל אַריין. און דער וואָס האָט ליעב געהאַט דעם מלך און אויך מורא געהאַט, דער האָט זיך מצער געוועזן זיין גוף און האָט זיך אזוי לאַנג געשטופט ביז ער האָט געקענט אַריינקומען אין דעם קליינעם שטיבעל אַריין, און זאָל פון דאָרט אַרויסקוקען אויף דעם גרויסען שעהנעם פלאַץ ער זאָל קענען מקבל פנים זיין דעם מלך. דערפאַר אָבער האָבען די גבה געוועזן אז דער מלך זאָל זיך מיט זיי פרעהען:

# פינפטע אבטהיילונג.

## דאס בעציהונג פון אליהו הנביא וועגען די גאולה.

אין הייליגען זוהר שטעהט א מעשה. אפיקורסים האבען פארגעלעגט פאר דעם תנא רבי אליעזר די דריי שאלות. (א) אידען האפען עס זאל זיי אויפגעבויט ווערען א דריטער בית המקדש, פאר וואס זשע ווערט אנגערופען אין פסוק דער צווייטער בית המקדש מיט דעם נאמען „בית האחרון”, דאס לעצטע בית המקדש, אזוי ווי עס שטעהט אין פסוק נחגי „גדול יהיה כבוד הבית הזה האחרון מן הראשון”. ווייזט דאך פון דאנען אויס אז קיין דריטער בית המקדש וועט שוין נישט זיין. (ב) אידען רעדען זיך איין אז זיי ווערען אנגערופען עם קרובו, בעוויל זיי זענען נעהנטער צום מלך פון הימעל, מעהר ווי אנדערע אומות העולם געזענדיגער. עס איז דאך אבער פערשטענדליך, אז דער וואס איז נאהנט צום מלך דער איז שטענדיג בשמחה, אהן צער, אהן פורכט, אהן ענגשאפט, בעוויל עס פעהלט איהם גאר נישט. און אז אידען ליידען שטענדיג די שרעקליכסטע צרות און טראגען איבער אויף זיך די גרעסטע נויטען, פיינען און פורכט, מעהר פון אנדערע אומות העולם, קומט דאך אויס אז די אומות העולם זענען נעהנטער צום מלך אין הימעל, בעוויל זיי זענען שטענדיג בשמחה, זיי ליידען נישט קיין צרות און עס פעהלט זיי גאר נישט, אבער אידען זענען די דערווייטערסטע פון מלך אין הימעל. (ג) אידען עסען נישט קיין נבילות וטריפות, כדי זיי זאלען זיין געזונד און שטארק. איהר זעהט דאך אבער אז די וואס עסען יא נבילות וטריפות, זיי זענען געזונד און שטארק, און אידען זענען שטענדיג שוואך, און עס איז שולט אין זיי אלערליי קרענק, פיעל מעהר פון אנדערע אומות. פון דעם אלעם ווייזט דאך אויס אז אידען זענען א פערפיינדעט פאלק ביי גאט אין הימעל. רבי אליעזר האט פון דעם גרויס צער געהאט, האט ער פארגעלעגט די דריי שאלות פאר אליהו הנביא. האט איהם אליהו געענטווערט, אז אין די הימלישע ישיבה איז שוין געשמועסט געווארען וועגען די דריי שאלות, און דארט איז בעשטימט געווארען פאלגענדע דריי תשובות:

די תשובה אויף די ערשטע שאלה איז אזוי. ווען אידען זענען ארויסגעגאנגען פון מצרים האט זיי דער אויבערשטער געוואלט מאכען אויף

די

די וועלט אזא הייליג פאלק אזוי ווי די הייליגע מלאכים פון הימעל, און ער האט ברעה נעהאט אויפצובויען אין הימעל א בית המקדש, און עס אראבגעבען אויף דער ערד. און צו פערפלאנצען אידען אין ארץ ישראל, מיט א הייליגען שורש אזוי ווי די מלאכים אין הימעל. אויף דעם וויזט דער פסוק תביאמו ותטעמו בהר נחלתך מכון לשבתך פעלת ה׳. דאס הייסט דו זאלסט אריינברענגען די יודען און פערפלאנצען זיי אויף דעם הייליגען בארג, וואו עס וועט זיין דער בית המקדש, וואס דו גאט האסט זעלבסט פארבערייטעט. דער פסוק מיינט דעם בית הראשון. נאכהער שטעהט באלד אין פסוק מקדש ה׳ כוננו ידיך, דאס הייסט גאט׳ס בית המקדש וואס ער זעלבסט האט עס פארבערייטעט. דער פסוק רעדט וועגען בית שני, אז זיי ביידע בעדארפען געמאכט ווערען דורך דעם אומנות פון אויבערשטען זעלבסט. נאר וויל יודען האבען געזינדיגט און געמאכט דאס „עגל״, איז דאס בית המקדש אויפגעבויט געווארען דורך מענשען, און דערפאר האט עס קיין קיום נישט געהאט. אזוי ווי שלמה המלך האט געזאגט אין תהלים „אם ה׳ לא יבנה בית שוא עמלו בוניו בו״. אויב גאט זעלבסט וועט נישט דעם בית המקדש אויפבויען, האבען זיך אומזיסט בעמיהט די ארבייטער פון בית המקדש. דעסטגלייכען ביי דעם צווייטען בית המקדש וואס עזרא האט געבויט, האט אויך נורם געווען די זינד פון יודען אז דער בית המקדש איז דורך מענשען אויפגעבויט געווארען, און דערפאר האט עס אויך קיין קיום נישט געהאט. אבער ווען משיח וועט קומען שטעהט אין פסוק „בונה ירושלים ה״, אז גאט זעלבסט וועט ירושלים אויפבויען און נישט קיין אנדערע. און אויף דעם בנין האפען יודען. עס וועט זיין א דאפעלט בית המקדש, איין בית איבער דעם צווייטען, און ביידע צוזאמען וועט דער אויבערשטער אראבגעבען פון הימעל. דאס אויבערשטע בית המקדש וועט ווערען אנגערופען „בית ראשון״, וועלכעס וועט זיין בעדעקט מיט הערליכע וואלקענס ביז צום הימעל. דאס אונטערשטע בית המקדש וועט מען רופען בית שני, וועלכעס די גאנצע וועלט וועט עס קענען זעהן, יעדער וועט עדות זאגען אז דאס איז נישט קיין מענשליכע ארבייט, נאר א געטליכע, און דאס הארץ פון יעדען מענש וועט גלוסטען צו קומען עס זעהן און זיך פרעהען מיט גרויס שמחה. אפילו די שטאדט ירושלים וועט אויך אויפגעבויט ווערען דורך א געטליכע קראפט און וועט זיין ארומגערינגעלט מיט א פייערדיגע מויער:

די תשובה אויף די צווייטע שאלה איז אזוי. עס איז טאקי יא אמת אז דאס פאלק יודען זענען נעהנטער צום מלך פון הימעל ווי אנדערע אומות העולם געצענדיגער, און ווערען אנגערופען „עם קרובו״, בעווייזט דער אויבערשטער האט בעשאפען די יודען זיי זאלען זיין דאס הארץ פון די

די גאנצע וועלט. אזוי ווי דאס הארץ צווישען די איבריגע אברים פון גוף, וואס זייער גאנץ חיות העגגט אן הארץ. דעסטגלייכען די שטאדט ירושלים איז אויך צווישען די גאנצע וועלט, אזוי ווי דאס הארץ אין דעם גוף. און פונקט אזוי ווי דאס הארץ איז נעהגטער און מיין אנגעקניפט צום אויבערשטען מלך פון גוף, דאס הייסט צום מוח, וואס דארטען איז די קוועלע פון מענשליכען פערשטאנד, און פון דארטען שטראמט די חכמה אין הארץ אריין, און איבער דעם פיהלט דאס הארץ און ליידט אלע צרות פון גוף, מעהר פון די איבריגע אברים. דורך וועלכען דאס הארץ איז דאס עדעלסטע, דאס וויכטיגסטע, און אויך דאס שוואכסטע פון אלע אברים, וועלכע זענען וויים פון מוח. און וואס פאר א צופאל אדער פחד עס קומט פאר דעם מענש, איז דאס ערשטע דערפיהלט עס דאס הארץ, און הויבט באלד אן קלאפען און ציטערן. דאס זעלבע זענען די יודען צווישען די גאנצע וועלט. זיי זענען דאס הארץ פון די גאנצע וועלט. און דארורך זענען זיי נעהנטער און דבוק אין דעם מלך פון הימעל. און צוליעב דעם ליידען זיי צער און צרות, פיעל מעהר פון די וואס זענען וויים פון מלך עליון:

די תשובה אויף די דריטע שאלה איז. אז דאס וואס עס איז פערוועהרט געווארען צו אידען זיי זאלען נישט עסען קיין נבלות וטרפות, שקצים ורמשים, איז אויך צוליעב דעם, בעווייל יודען זענען דאס הארץ פון דער וועלט. דען לאמיר זעהן דאס הארץ פון א גוף, כאטש עס איז דאס עדעלסטע און שוואכסטע אבר פון גוף, פון דעסטוועגען איז עס דער מלך איבער אלע אברים פון גוף. און דאס הארץ ווערט געשפייזט פון די לויטערסטע און בעסטע פייכטיגקייטען פון גוף, דאס הייסט נור פון בלויז בלוט. אבער די איבריגע אברים ווערען געשפייזט פון אלערליי פייכטיגקייטען פון גוף, אין וועלכע עס געפינט זיך פיעל פסולת, און אומריינינקייט. און דאדורך טרעפט זיך ביי די איבריגע אברים פערשידענע נגעים און צרעת. אבער אין דעם געזונדטען הארץ טאר זיך קיינמאל קיין שום פעהלער נישט געפינען, וואנסט איז דער גאנצער קערפער אין א סכנה. דאס זעלבע איז אויך מיט יודען. דער אויבערשטער האט זיי אויס-ערוועהלט פון די איבריגע אומות, און האט זיי געגעבען די הייליגע תורה, מיט דעם האט ער זיי געמאכט פיר א „עם קרובו", און אז זיי זאלען זיין דאס הארץ פון די גאנצע וועלט. אלזא קומט טאקי אוים ריכטיג, אז יודען דארפען געשפייזט ווערען נור מיט לויטער ריינע זאכען, עס זאל זיך נישט געפינען אין זיי קיין שום פעהלער, אזוי ווי אין דעם הארץ פון גוף. אויף דעם זאגט דער פסוק אין שיר השירים, כלך יפה רעיתי ומום אין בך:

אין

אין הייליגען זוהר שטעהט. רבי שמעון בן יוחאי איז ענטלאָפען איבער אַ גזירה פון מלכות אין דער מדבר „לוד", צוזאַמען מיט זיין זוהן רבי אלעזר, און האָבען זיך דאָרטען בעהאַלטען אין אַ מערה. איז זיי דאָרט אַ נס געשעהן, אַז עס איז אַרויסגעוואַקסען אַ באָקסען־בוים, און עס איז דאָרט געעפענט געוואָרען אַ קוואַל וואַסער, האָבען זיי זיך געשפייזט פון די באָקסער און האָבען געטרונקען פון דעם וואַסער. דאַן האָט געפלעגט אליהו הנביא קומען צו זיי צוויי מאָל טעגליך, און האָט מיט זיי געלערנט תורה. קיין שום מענש האָט פון דעם נישט געוואוסט. און זיי זענען דאָרטען אַזוי געזעסען צוועלף יאָהר, ביז דער קיסר איז געשטאָרבען איז ממילא די גזירה בטל געוואָרען. דאַמאָלס איז אליהו הנביא באַלד געקומען צו זיי און אָנגעזאָגט די בשורה אַז די גזירה איז בטל געוואָרען, זענען זיי אַרויס פון דער מערה. אַמאָל איז דערוועקט געוואָרען אַ שאלה צווישען די חכמים און די הייליגע חברייא פון רבי שמעון בן יוחאי, און האָבען אַזוי געפרעגט. דאָס איז דאָך בעוואוסט אַז די ערשטע תוכחה פון פרשת בחקותי איז געגאַנגען דעם חורבן פון בית ראשון, און די צווייטע תוכחה פון פרשת כי תבא, איז געגאַנגען דעם חורבן פון בית שני. און מיר געפינען אין די ערשטע תוכחה עטליכע פסוקים פון נחמה, און פון דעם אויבערשטענס ווינגע ליעבע צו יודען. אַזוי ווי דער פסוק, וזכרתי את בריתי יעקב וגו', און דער פסוק ואף גם זאת בהיותם בארץ אויביהם וגו', אָבער אין די קללות פון די צווייטע תוכחה ווערט גאָר נישט געפונען קיין שום גוטע הבטחה און קיין שום נחמה פאַר יודען, ווייזט דאָך אויס אַז נאָך דעם חורבן בית שני זענען חס ושלום יודען פערפאַלען. די הייליגע חברייא האָבען נישט געפונען קיין קלאָרע תשובה אויף די שאלה. האָט רבי יוסי בן רבי יהודא אָנגעשריבען אַ בריעף צו רבי שמעון בן יוחאי, און האָט דאָרט איהם אָנגעפרעגט די שאלה. דעם בריעף האָט ער אוועקגעשיקט דורך אַ טויב, וועלכע איז גלייך אוועקגעפלויגען צו די מערה פון רבי שמעון בן יוחאי, און זי האָט פאַר איהם אַנידערגעלעגט דעם בריעף. ווען רבי שמעון און זיין זוהן רבי אלעזר האָבען איבערגעלייענט דעם בריעף, האָבען זיי זיך צוויינט אויף דעם וואָס זיי זענען אָבגעשיידט געוואָרען פון זייער הייליגע חברייא, און אויף דעם וואָס די הייליגע חברייא האָבען נישט געוואוסט אַליין צו ענטשיידען די שאלה, וועלכע האָט צומישט זייערע געדאַנקען. האָט רבי שמעון אָנגעהויבען שרייען וויינענדיג בזה הלשון. אוי וועה! אוי וועה! וואָס וועט טהון דער לעצטער דור, ווען זיי וועלען פאַרקלערען אין די שאלה, און וועלען נישט וויסען ווי אַזוי איהר צו בעשיידען, זיי וועלען דאָך חס ושלום אַריינפאַלען אין אַ גרויסען יאוש. אין דעם איז אליהו הנביא אַנגעקומען אין דער מערה, און האָט צו זיי אַזוי געזאָגט. אשרי חלקכם, וואוהל איז אייער חלק, אַז דער אויבערשטער האָט מיך געשיקט צו שטילען אייערע טרערען, און

איך

איך זאגען די ריכטיגע תשובה אויף די שאלה. איהר זאלט וויסען אז אלע הבטחות און אלע נחמות פון יודען זענען אנגעוויזען אין די קללות פון דער תוכחה. דאס איז למשל אזוי ווי א פאטער וואס האט ליעב זיין זוהן, און אז זיין זוהן זינדיגט, חאפט דער פאטער דעם קאנטשיק אין האנד אריין און הויבט אן אויף איהם ברומען און שרייען מיט פערשיעדענע קולות, אז ער וועט פאלען איבער איהם וועט ער איהם צוהאקען אויף שטיקער. אבער דער אמת איז, אז אויב ער שלאגט איהם יא, זענען די קלעפ לייכטע און מיט גרוים רחמים. דאס זעלבע פיהרט זיך דער אויבערשטער מיט זיין פאלק יודען. קום און זעה, וועלכעס איז דאס שווערסטע פון די קללות, עס שטעהט אין פסוק, גם כל חלי וכל מכה וגו', יעלם ה' עליך עד השמדך. דער געוועהנליכער פשט פון פסוק איז, אז דער אויבערשטער וועט חס ושלום אויפברענגען אויף יודען אלע קראנקהייטען, און אלע מכות, ביז ער וועט זיי פערטילגען. אבער אז מען קלערט אריין אין דעם פסוק דארף מען פערשטעהן, אז לויט דקדוק וואלט ניכער געדארפען שטעהן, יעלה ה' עליך, אבער נישט יעלם. נאר דא איז פערהאנען א רמז צום גוטען, יעלם איז דער טייטש ער וועט זיי פערהוילען, דאס הייסט אז די אלע קראנקהייטען און די אלע מכות וועט דער אויבערשטער, וואס מאכט רוהען די שכינה אויף דיר, זיי פערהוילען פון דיר, אז זיי זאלען אויף דיר גאר נישט קומען. און דאס וואס עס שטעהט עד השמדך, ביז ער וועט דיך פערטילגען פון די וועלט, איז אזוי גוט גלייך עס וואלט געשטאנען עד עולם, ביז עוויג. בעת ווייל עס איז דאך אנ'אונמעגליכע זאך אז דער אויבערשטער זאל חס ושלום יודען פערטילגען פון די וועלט, מחמת די שבועה וואס דער אויבערשטער האט געשווארען אז יודען מוזען זיין א עוויג פאלק, אזוי ווי עס ווערט געברענגט אין פיעל פסוקים, קומט דאך אוים, אז אזוי לאנג ווי דער אויבערשטער וועט נישט יודען פערטילגען פון די וועלט. אזוי לאנג וועט ער אויף זיי נישט ברענגען די קללות. נאך דעם האט אליהו מגלה געווען צו רבי שמעון נאך פיעל ברכות און פיעל נחמות, וועלכע ווערען אנגעוויזען אין די פסוקים פון די צווייטע תוכחה. דערביי האט ער איהם מגלה געווען נאך א גרויסען סוד, אז אין דעם פסוק, והיו חייך תלוים לך מנגד, ופחדת לילה ויומם ולא תאמין בחייך, דארט איז אנגעוויזען דער קץ פון די גאולה. נאך דעם האט רבי שמעון אנגעשריבען צו זיין הייליגע חברייא א תשובה אויף די שאלה וואס זיי האבען איהם אנגעפרעגט, און האט איבערגעגעבען דעם בריעף צו די זעלבע טויב, וועלכע איז גלייך אהין געפלויגען און האט זיי איבערגעגעבען דעם בריעף, און די הייליגע חברייא האבען זיך מיט דעם בריעף שטארק געפרעהט:

אין די גמרא סנהדרין שטעהט. אין די ישיבה פון אליהו הנביא

הנביא איז געלערנט געווארען, אז די וועלט דארף שטעהן זעקס טויזענד יאהר. די ערשטע צוויי טויזענד יאהר זענען געוועזען וויסט אהן תורה, די אנדערע צוויי טויזענד יאהר מיט תורה, און די לעצטע צוויי טויזענד יאהר נערען אנגערופען משיח'ס צייטען. נאר דורך אונזערע זינד, איז שוין אוועקגעגאנגען אזוי פיעל יאהרען פון די לעצטע צוויי טויזענד יאהר, און משיח איז נאך נישט געקומען. אמאל האט אליהו געזאגט צו רב יהודא דעם ברודער פון רב סלא חסיד, אז פריהער ווי אכט און פופציג יובלות קען משיח נישט קומען. (א יובל איז פופציג יאהר. הייסט סך הכל פיער טויזענד צוויי הונדערט און פופציג יאהר). נאר אין דעם לעצטען יובל קען שוין יא משיח קומען. האט רב יהודא געפרעגט, צי קען משיח קומען אין אנהויב לעצטען יובל, אדער צום סוף. האט איהם אליהו געענטפערט, דאס וויס איך נישט. האט איהם רב יהודא ווייטער געפרעגט, צי מוז משיח קומען נאר אין דעם לעצטען יובל, און דערנאך קען ער שוין נישט קומען, אדער דער פשט איז אז פון דעם לעצטען יובל אן און ווייטער האט דער משיח אלץ צייט צו קומען. האט אליהו איהם געענטפערט דאס וויס איך נישט. רב אשי זאגט אז אליהו הנביא האט בפירוש געזאגט צו רב יהודא בזה הלשון. ביז צו דעם לעצטען יובל איז גאר קיין האפנונג נישט דא אויף משיח. נאר פון דעם לעצטען יובל אן און ווייטער, דארף מען יא האפען אויף משיח'ס קומען:

אין די גמרא יומא שטעהט. אז נאך האט אליהו הנביא געזאגט צו רב יהודא דעם ברודער פון רב סלא חסיד. איהר וואונדערט זיך פאר וואס משיח איז נאך נישט געקומען. היינט איז דאך יום כפור, און אין דער שטאדט „נהרדעא" איז די נאכט געוועזען זנות ביי פיעל אידישע בתולות. האט רב יהודא געפרעגט ביי אליהו. וואס זאגט דער אויבער־שטער דאצו. האט אליהו געענטפערט, אז דער אויבערשטער איז מלמד זכות אויף יודען און זאגט אז דער יצר הרע שטארקט זיך איבער זיי פון די ערשטע מינוט אן. וואס א יודיש קינד ווערט נאר געבוירען. אזוי ווי עס שטעהט אין פסוק „לפתח חטאת רובץ", באלד ביי דעם געבורט־עפע־נונג פערלעגען זיך שוין אויף דעם מענש די זינד. האט ווייטער רב יהודא געפרעגט ביי אליהו, און וואס זאגט עפיס דער שטן דאצו. האט אליהו געענטפערט, אין יום כפור האט נישט דער שטן קיין רשות מקטרג צו זיין אין הימעל. האבען דערנאך די רבנן געפרעגט פון וואנען ווייסט דאס אוים. האט רמי בר חמא געזאגט, דאס ווארט „השטן" בעטרעפט דריי הונדערט פיער און זעכציג, דאס איז א רמז אז נאר אין דריי הונדערט פיער און זעכציג טעג פון יאהר האט דער שטן רשות מקטרג צו זיין. דאס הייסט א יאהר ווייניגער איין טאג. און דעם איבריגען טאג מיינט מען יום כפור:

אין די גמרא סנהדרין שטעהט, אז רבי יהושע בן לוי האט געטראפען אליהו הנביא ווען ער איז געשטאנען ביי דער טהיר פון די מערה, וואו עס איז געוועזען דאס קבר פון רבי שמעון בן יוחאי. האט רבי יהושע בן לוי געפרעגט ביי אליהו, צי וועל איך זוכה זיין צו עולם הבא. האט איהם אליהו געענטפערט, דאס ווענדט זיך אויב די הייליגע שכינה וועלכע געפינט זיך ערשט אין די מערה וועט וועלען. רבי יהושע בן לוי האט דערנאך דער־צעהלט, אז אריינקוקענדיג אין דער מערה האט ער געזעהן צוויי פערזאנען, און געהערט האט ער דרייערליי קולות. (די צוויי פערזאנען זענען געוועזען אליהו הנביא און רבי שמעון בן יוחאי, און דאס דריטע קול איז געוועזען פון די הייליגע שכינה). ווען אליהו איז ארויסגעקומען פון די מערה, האט איהם רבי יהושע בן לוי געפרעגט ווען וועט משיח קומען. האט איהם אליהו געענטפערט געה פרעג דעם משיח זעלבסט. האט איהם רבי יהושע בן לוי ווייטער געפרעגט. וואו געפינט מען איהם, און וואס זענען זיינע סימנים. האט איהם אליהו געזאגט, ער זיצט נעבען דעם טויער פון שטאדט רוים צווישען ארעמע לייט, וועלכע זענען קרעצענדיג און ליידען פיעל קראנקהייטען. און דאס איז דעם משיח'ס סימן, די איבריגע קראנקע ארעמע לייט, בינדט זיך יעדער אויף אלע זיינע נגעים מיט איין מאל, און נאך דעם אבריינגען פערבאנדאושירט זיך יעדער אלע זיינע נגעים מיט איין מאל, און דאס געדויערט ביי יעדען פיעל צייט. אבער דער משיח בינדט זיך נישט אויף אלע זיינע נגעים מיט איין מאל, נאר איינציגווייס בינדט ער אויף נישט מעהר ווי איין נגע, און נאך דעם אבריינגען פערבאנדא־זשירט ער זי באלד, כדי ער זאל זיין גרייט יעדער רגע, טאמער וועט מען איהם ארוף טהון ער זאל געהן אויסלייזען די אידען, זאל ער זיין באלד גרייט. די גאולה זאל נישט אויפגעהאלטען ווערען קיין איין רגע צוליעב דאס באנדאזשירען פון זיינע נגעים. רבי יהושע בן לוי איז אהינגעגאנגען אויף דעם ארט און האט דארט טאקי געטראפען דעם משיח מיט די זעלבע סימנים וואס אליהו האט איהם געזאגט. האט רבי יהושע בן לוי געגעבען שלום דעם משיח זאגענדיג „שלום עליך רבי ומורי". האט דער משיח איהם געענטפערט „שלום עליך בן לוי". האט רבי יהושע בן לוי איהם געפרעגט, ווען וועט דער הערר קומען אויסצולייזען די יודען פון גלות. האט דער משיח איהם געענטפערט. היינט וועל איך קומען. רבי יהושע בן לוי איז צוריקגעגאנגען צו אליהו, האט אליהו איהם געפרעגט וואס האט דיר משיח געזאגט. האט ער געענטפערט אז דער משיח האט איהם געזאגט „שלום עליך בן לוי". האט אליהו געזאגט, אויב אזוי, האט ער מבטיח געוועזען דיר און דיין פאטער אז איהר וועט האבען עולם הבא, בעוויל ער האט דיין פאטערס נאמען אויך דערמאהנט. האט רבי יהושע בן לוי געזאגט. דער משיח האט דאך אבער מיר געזאגט ליגען, ער האט געזאגט אז ער וועט היינט קומען, און צום סוף איז ער נישט געקומען.

האט

האָט אליהו געזאָגט אַז מיט דעם וואָרט „היום" (היינט), האָט דער משיח געמיינט אזוי ווי עס שטעהט אין תהלים, היום אם בקולו תשמעו. דאָס הייסט, אויב אידען וועלען היינט תשובה טהון, וועט משיח היינט קומען:

אין מסכת עדיות שטעהט. רבי יהושע האָט געזאָגט. איך האָב מקבל געוועזען פון רבן יוחנן בן זכאי, וואָס ער האָט געהערט פון זיין רבין, און זיין רבי האָט אויך דאָס מקבל געוועזען פון א רבין, אזוי איינער פון אנדערן, ביז די וואָס האָבען מקבל געוועזען פון משה רבינו ע"ה אויף דעם בארג סיני, אַז אליהו הנביא וועט נישט קומען מטמא צו זיין אָדער מטהר צו זיין, מרחק צו זיין אָדער מקרב צו זיין, ער וועט נאָר קומען מרחק צו זיין די וואָס האָבען זיך מקרב געוועזען מיט געוואלד, און מקרב צו זיין די וואָס זענען מרוחק געוואָרען מיט געוואלד. רבי יהודה זאָגט אַז אליהו הנביא וועט נאָר קומען מקרב צו זיין, אָבער נישט קיינעם מרחק צו זיין. רבי שמעון זאָגט אַז אליהו הנביא וועט קומען אויסצוגלייכען אלע מחלוקת'ען צווישען אידען. און די חכמים זאָגען אַז אליהו הנביא וועט קומען קיינעם נישט מרחק צו זיין, און קיינעם נישט מקרב צו זיין, נאָר צו מאַכען שלום אויף די גאַנצע וועלט. אזוי ווי עס שטעהט אין פסוק „הנה אנכי שולח לכם את אליה הנביא וגו'. והשיב לב אבות על בנים ולב בנים על אבותם":

אין דעם ספר פסיקתא רבתי שטעהט אויף דעם פסוק „מה נאוו על ההרים רגלי מבשר". אַז ווען דער אויבערשטער וועט אויסלעזען אידען, וועט אליהו הנביא קומען דריי טאָג פריהער, איידער משיח וועט קומען. און וועט זיך אַנידערשטעלען אויף די בערגער פון ארץ ישראל, וועט וויינען און וועט קלאָגען אויף זיי, און וועט אזוי אויסשרייען. בערגער פון ארץ ישראל! ביז ווי לאַנג וועט איהר אזוי שטעהן אין א פערוויסט פינסטער לאַנד! זיין קול וועט געהערט ווערען אויף די גאַנצע וועלט. דערנאָך וועט ער אויסשרייען בזה הלשון. עס איז נעקומען שלום אויף דער וועלט! עס איז געקומען שלום אויף דער וועלט! אזוי ווי עס שטעהט אין פסוק „מה נאוו על ההרים רגלי מבשר משמיע שלום", ווי שעהן וועלען זיין אויף די בערגער די פיס פון דעם מבשר, וואָס מאַכט הערען שלום. דעם צווייטען טאָג וועט זיך נאָך אמאָל אליהו הנביא אַנידערשטעלען אויף די בערגער פון ארץ ישראל, און ער וועט אויסרופען בזה הלשון. עס איז נעקומען א טובה אויף דער וועלט! עס איז געקומען א טובה אויף דער וועלט! אזוי ווי עס שטעהט ווייטער אין פסוק, אַז אליהו הנביא וועט זיין א מבשר טוב. דעם דריטען טאָג וועט זיך אליהו הנביא

הנביא וועטער אנידערשטעלען אויף די בערגער פון ארץ ישראל, און וועט אויסרופען בזה הלשון. עס איז געקומען א ישועה אויף דער וועלט! עס איז געקומען א ישועה אויף דער וועלט! אזוי ווי עס שטעהט אין פסוק, משמיע ישועה אומר לציון מלך אלהיך:

אין ספר אבודרהם שטעהט. אז לויט די מסורה געפינט זיך נאר אויף פינף ערטער אין תנ"ך, דער נאמען יעקב מיט א וא"ו. און נאר אויף פינף ערטער געפינט זיך דער נאמען אליה הנביא אהן א וא"ו. דער טעם דערפון איז אז יעקב אבינו האט צוגענומען די וא"ו פון אליהו הנביא פאר א משכון, ביז ער וועט קומען מיט דעם משיח בן דוד, וועלכער וועט זיין בעקרוינט מיט זעקס מדות. אזוי ווי עס שטעהט אין פסוק, אויף דעם משיח. ונחה עליו רוח ה', רוח חכמה ובינה, רוח עצה וגבורה, רוח דעת ויראת ה'. דאמאלס וועט יעקב אבינו אבגעבען צו אליהו הנביא דאס אות וא"ו. און דאמאלס וועט זיין נאמען ווערען גאנץ, בעווייל דער עבד דארף נישט זיין בעסער פון דעם הערר, דען נאר דאמאלס ווען משיח וועט קומען, וועט אויך דעם אויבערשטענס נאמען ווערען גאנץ, און זיין שטוהל וועט ווערען גאנץ, במהרה בימינו אמן:

אין די הגדה פון מהר"ל מפראג שטעהט. א טעם אויף דעם מנהג צו עפענען די טהיר פסח ביי נאכט ביי דעם סדר פאר שפוך חמתך. אז דאס איז א רמז צוליעב דעם וואס עס שטעהט אין פסוק „הנני שולח מלאכי ופנה הדרך לפני ופתאום יבוא אל היכלו האדון אשר אתם מבקשים ומלאך הברית אשר אתם חפצים הנה בא". דאס הייסט, דער אויבערשטער זאגט צו די אידען. איך וועל אייך שיקען מיין מלאך, ער זאל אבראומען א וועג פאר מיר, און פלוצלונג וועט קומען אין זיין היכל אריין דער הערר וועלכען איהר פערלאנגט איהם, און דער מלאך הברית וואס איהר פער־לאנגט וועט אויך האבען געקומען. דאס וואס עס שטעהט אין פסוק דער הערר, דאס מיינט מען דעם מלך המשיח, און דאס וואס עס שטעהט אין פסוק מלאכי ומלאך הברית, דאס מיינט מען אליהו הנביא, אז ער וועט קומען פריהער מבשר זיין די גאולה, דאס דער אדון המשיח קומט אן אין זיין היכל אריין. און בעוויל די גאולה שלימה ווענדט זיך אין דעם, אז אליהו הנביא זאל קומען פריהער מבשר זיין די גאולה. דערפאר איז מען זיך נוהג ביי דעם סדר, איידער מען הויבט אן צו זאגען שפוך חמתך, צו עפענען די טהיר, צו דערמאהנען דעם נאמען פון אליהו הנביא, און מען זאל בעטען אויף זיין קומען באלד אין גיך. דען שפוך חמתך איז א תפלה אויף די גאולה שלימה, אלזא מוז מען פריהער מתפלל

מתפלל זיין אויף דעם קומען פון אליהו הנביא, צו וויסען אז די גאולה שלימה קען נישט זיין אן די בשורה פון אליהו הנביא. און דורך דעם דבור וואס מען רעדט מיט דעם מויל, צוזאמען מיט די מעשה וואס מען עפענט ווירקליך די טהיר, די ביידע וועלען פערשטארקען און גוט איינ־וואָרצלען די אמונה אין די הערצער פון אונזערע קינדער. אז זיי זאלען וויסען אריכטיגען סימן אויף דעם קומען פון דעם אמת'דיגען משיח, וואס מיר האָפען אויף איהם. און אויף דעט שטעהט אין פסוק, מה נאוו על ההרים רגלי מבשר, משמיע שלום, מבשר טוב, משמיע ישועה, במהרה בימינו אמן:

# תפלת אליהו הנביא בעד כנסת ישראל

די הײליגע תפלה איז געשיקט געװארען פון שטאדט צפת אין ארץ ישראל, און עס איז בקבלה אז די תפלה האט אליהו הנביא מחבר געװעזען פאר אידען'ס װעגען אין גלות מתפלל צו זײן אלע יום כפור פאר מנחה. און כדי יעדער זאל זי פערשטעהן האבען מיר דאס מעתיק געװעזען אויף עברי טײטש:

רִבּוֹן כָּל הָעוֹלָמִים. אָבִינוּ שֶׁבַּשָּׁמַיִם. רַחוּם וְחַנּוּן. אָנָּא הַבֵּט נָא מִן הַשָּׁמַיִם וּרְאֵה בְּעָנְיֵנוּ וְרִיבָה רִיבֵנוּ. וְיַעֲלֶה עֶלְבּוֹנֵנוּ לְפָנֶיךָ מַה שֶּׁנַּעֲשָׂה לָנוּ בְּכָל שָׁעָה וְשָׁעָה. וְאַף אִם בַּעֲוֹנוֹתֵינוּ הִסְתַּרְתָּ אֶת פָּנֶיךָ מֵאִתָּנוּ. אֲבָל הֲלֹא בֶּאֱמֶת יָדוֹעַ תֵּדַע כָּל תְּלָאוֹתֵינוּ וּמַכְאוֹבוֹתֵינוּ אֲשֶׁר גָּבְרוּ עָלֵינוּ עַד מְאֹד. וְאַתָּה מַרְגִּישׁ בְּצָרוֹתֵינוּ. כַּכָּתוּב עִמּוֹ אָנֹכִי בְצָרָה. וְכָתוּב בְּכָל צָרָתָם לוֹ צָר. וְלָמָּה תַחֲרִישׁ כְּבַלַּע אֶת הַקּוֹדֶשׁ. וְעַד מָתַי יֹאמְרוּ בַּגּוֹיִם אַיֵּה נָא אֱלֹהֵיהֶם. הֲלֹא בְּאַהֲבָתְךָ שֶׁאָהַבְתָּ אוֹתָנוּ וּבְשִׂמְחָתְךָ שֶׁשָּׂמַחְתָּ בָּנוּ הִפְרַשְׁתָּ אֶת עַמְּךָ יִשְׂרָאֵל

מתוך

---

פירוש ע"ט

רבון כל העולמים. הערר פון אלע װעלטען, אונזער פאטער אין הימעל, דערבארעמדיגער און לײטזעליגער. מיר בעטען דיך, קוק באלד אראב פון הימעל און זעה אונזער פײן, און קריעג דיך אונזער קריעג. לאז אויפגעהן פאר דיר אונזער שאנדע, װאס מען טהוט אונז אן יעדער שעה. חאטש דו האסט פערבארגען דײן פנים פון אונז, צוליעב אונזערע זינד, אבער דאך איז דער אמת אז דו װײסט גאנץ גוט אונזער מיעדיגקײט און אונזערע װעהטאגען, װעלכע האבען זיך געשטארקט אויף אונז זעהר פיעל, און דו פיהלסט דאך אונזערע צרות, אזוי װי עס שטעהט אין פסוק „עמו אנכי בצרה", נאך שטעהט א פסוק „בכל צרתם לו צר". און פאר װאס שװײגסט דו אויף דעם, װאס דײן הײליגקײט װערט פערדארבען. און ביז װי לאנג װעלען אנדערע פעלקער זאגען „װאו איז דער יודישער גאט". עס איז דאך בעװאוסט אז מיט דײן ליעבשאפט װאס דו האסט אונז געליעבט, און מיט דײן פרײד װאס דו האסט דיך מיט אונז געפרײדט, האסט דו אב-

געשײדט

מתוך שבעים אומות. ונתת לנו תורתך הקדושה. וכרת עמנו ברית מלח עולם שתקבל תמיד נחת רוח מן עבודתינו אשר נעבוד אותך בלבב תמים. והפרשת מתוכנו את שבט לוי. ומשבט לוי הפרשת כהן גדול שיעמוד ויתפלל על בניך בכל יום ויום. ולכפר עליהם ביום הקדוש והנורא הזה על כל עונותיהם. כמה שנאמר כי ביום הזה יכפר עליכם לטהר אתכם מכל חטאתיכם לפני יי תטהרו. ואם אמנם בעונות אבותינו נחרבה עירנו ושמם בית מקדשנו ואין לנו כהן גדול שיכפר עלינו בעבודת יום הקדוש והנורא הזה. אבל הלא אמרת לנו ע"י נביאיך הקדושים ונשלמה פרים שפתינו. ובכן אבינו שבשמים רחום וחנון קבל נא את תפלותינו ברחמים וברצון כאשים וריח ניחוחים. כקטרת ונסכים. ותזכור לנו את אהבת

הקדמונים

---

## פירוש ע"ט

געשיידט דיין פאלק יודען פון זיבענציג אומות. און דו האסט אונז געגעבען דיין הייליגע תורה, און דו האסט מיט אונז כורת ברית געווען אויף עוויג, אז דו זאלסט תמיד פערנעמען א נחת רוח פון אונזער עבודה, וואס מיר וועלען דיך דיענען מיט דעם גאנצען הארץ. און דו האסט פון אונז אבגעשיידט דעם שבט לוי, און פון שבט לוי האסט דו אבגעשיידט דעם כהן גדול ער זאל זיך אנידערשטעלען פאר דיר אלע טאג מתפלל צו זיין אויף דיינע קינדער, און ער זאל אויף זיי מכפר זיין אין דעם הייליגען און פארכטיגען טאג אויף אלע זייערע זינד. אזוי ווי עס שטעהט אין פסוק „כי ביום הזה יכפר עליכם לטהר אתכם מכל חטאתיכם לפני יי תטהרו". דאס הייסט אז אין דעם טאג וועט ער אויף אייך מכפר זיין, אבצורייניגען אייך פון אלע אייערע זינד, איהר זאלט גערייניגט ווערען פאר גאט. און הגם עס איז טאקי וואהר, אז דורך די זינד פון אונזערע עלטערן איז חרוב געווארען אונזער שטאדט, און עס איז פערוויסט געווארען אונזער בית המקדש, און מיר האבען היינט נישט קיין כהן גדול, ער זאל אויף אונז מכפר זיין מיט דער עבודה פון דעם הייליגען און פארכטיגען טאג, אבער דאך האסט דו געזאגט צו אונז דורך דיינע הייליגע נביאים „ונשלמה פרים שפתינו", דאס הייסט אז מיר האבען כח פועל צו זיין דורך תפלה פון אונזערע לעפצען, אזוי גוט ווי מיר וואלטען מקריב געווען אקסען פאר קרבנות. אלזא אונזער פאטער אין הימעל דערבארעמדיגער און לייטזעליגער, נעם ערשט צו אונזערע תפלות מיט רחמים און מיט בעוויליגקייט אזוי ווי דער ריח פון קרבנות, אזוי ווי קטורת און נסכים, און זאלסט אונז געדענקען דאס ליעבשאפט פון די ערשטע צדיקים און דאס וואס דו האסט

כורת

הַקַּדְמוֹנִים וְאֶת הַבְּרִית אֲשֶׁר כָּרַתָּ. עִם אֲבוֹתֵינוּ הַקְּדוֹשִׁים אַבְרָהָם יִצְחָק וְיַעֲקֹב. וְקַיֵּים נָא לָנוּ מַה שֶּׁכָּתַבְתָּ בְּתוֹרָתְךָ הַקְּדוֹשָׁה. וְכִי יָמוּךְ אָחִיךָ וּמָטָה יָדוֹ עִמָּךְ וְהֶחֱזַקְתָּ בּוֹ: אָבִינוּ שֶׁבַּשָּׁמַיִם זְכוֹר כַּמָּה אֲלָפִים צַדִּיקִים וּקְדוֹשִׁים אֲנָשִׁים וְנָשִׁים וָטַף. אֲשֶׁר פָּשְׁטוּ אֶת צַוָּארָם לִשְׁחִיטָה כַּצֹּאן לַטֶּבַח יוּבָל. וְשָׁפְכוּ דָמָם כַּמַּיִם בְּכַמָּה מִיתוֹת מְשׁוּנוֹת. לְמַעַן קְדוּשַּׁת שִׁמְךָ הַגָּדוֹל. וּלְמַעַן קְדוּשַּׁת הַשֵּׁם יִשְׂרָאֵל: אָבִינוּ שֶׁבַּשָּׁמַיִם זְכוֹר כַּמָּה עֲנִיִּים וְאֶבְיוֹנִים אַלְמָנוֹת וִיתוֹמִים הַנִּמְצָאִים בָּהֶם בְּיִשְׂרָאֵל. שֶׁעוֹסְקִים בַּתּוֹרָה בְּכָל יוֹם תָּמִיד מִתּוֹךְ צַעַר וּמִתּוֹךְ הַדֹּחַק. וּזְכוֹר כַּמָּה בַּעֲלֵי בָתִּים יֵשׁ בָּהֶם בְּיִשְׂרָאֵל שֶׁאֵין לָהֶם פַּרְנָסָה. וְלֹא עוֹד אֶלָּא שֶׁמַּפְשִׁיטִים אֶת עוֹרָם מֵעֲלֵיהֶם מֵעוֹל הַגָּלוּת. וְאַף עַל פִּי כֵן הֵם קוֹבְעִים עִתִּים לַתּוֹרָה וְעוֹסְקִים בַּתּוֹרָה בְּכָל יוֹם תָּמִיד: אָבִינוּ שֶׁבַּשָּׁמַיִם זְכוֹר כַּמָּה פִּסְחִים וְכַמָּה עִוְרִים יֵשׁ בָּהֶם בְּיִשְׂרָאֵל שֶׁאֵין לָהֶם מְזוֹנוֹת. וְנוֹתְנִים שָׂכָר לִמְלַמְּדִים שֶׁיְּלַמְּדוּ

עם

## פירוש ע"ט

כורת ברית געווען מיט אונזערע היילינגע אבות אברהם יצחק ויעקב. און זאלסט באלד מקיים זיין צו אונז וואס דו זעלבסט האסט אנגעשריבען אין דיין היילינגע תורה וכי ימוך אחיך ומטה ידו עמך והחזקת בו", דאס הייסט אז ווען דיין ברודער וועט ווערען פעראָרעמט, און דו וועסט זעהן ווי ער הויבט אן צו פאלען, זאלסט דו איהם באלד שטארקען: אונזער פאטער אין הימעל. געדענק וויפיעל טויזענדער צדיקים און קדושים, מענער ווייבער און קליינע קינדער, וועלכע האבען אויסגעשטרעקט זייערע העלזער צו די שחיטה, אזוי ווי די שאף, און האבען פערגאסען זייער בלוט אזוי ווי וואסער, דורך פיעל מיתות משונות, אלץ צוליעב דעם היילינגקייט פון דיין גרויסען נאמען, און צוליעב דעם היילינגקייט פון דעם נאמען יוד: אונזער פאטער אין הימעל, געדענק וויפיעל אָרעמע לייט און אביונים, אלמנות און יתומים געפינען זיך צווישען יודען, און זיי זענען עוסק אין די תורה אלע טאג, כאָטש זיי ליידען צער און דוחק. געדענק וויפיעל בעלי בתים געפינען זיך צווישען יודען וואס האבען נישט קיין פרנסה. און מען ציהט פון זיי אב די הויט דורך דעם עול גלות. פון דעסטוועגען זעצען זיי זיך אויס צייטען צו דער תורה. און מאכען זיך שיעורים זיי זאלען לערנען תורה אלע טאג: אונזער פאטער אין הימעל, געדענק וויפיעל הינקעדיגע און וויפיעל בלינדע געפינען זיך צווישען יודען, וואס האבען אליין נישט צו עסען, און צאהלען מלומד-געלד צו מלמדים זיי

זאלען

עם בניהם תורה. זכור כמה נערים וקטנים יש בהם בישראל שאינם יודעים בין ימינם לשמאלם. ועוסקים בתורה בכל יום תמיד. זכור כמה זקנים וזקנות יש בהם בישראל שמשכימים ומעריבים לבתי כנסיות ולבתי מדרשות. ומחמדים ומתאוים ומצפים לישועתך בכל יום תמיד: אבינו שבשמים צדיק אתה יי וחסיד וכל מעשיך באמונה. אנא יתגוללו רחמיך הרבים וחסדיך הגדולים על בניך בני רחומיך שארית עמך בית ישראל ואל תשחיתנו. הלא גם על אומות העולם כתבת בתורתך שאם ימצאו עשרה אנשים כשרים בעיר אחת תשא לכל חטאתם ואל תשחיתם. ככתוב ויאמר לא אשחית בעבור העשרה. ואנחנו עמך ישראל המברכים ומשבחים ומפארים את שמך בכל יום ובכל שעה. ושמך יתפאר ויתברך ויתקדש לעיני כל הבריות על ידי עמך ישראל. שעושים כל מעשיהם הטובים בשתיקה. על אחת כמה וכמה שתרחם עלינו

ואל

---

### פירוש ע"ט

זאלען לערנען מיט זייערע קינדער תורה. געדענק וויפיעל יונגלעך און קליינע קינדער געפינען זיך צווישען יודען, וואס זיי ווייסען נאך גארנישט פון קיין שום שלעכטס און לערנען תורה אלע טאג. געדענק וויפיעל זקנים און זקנות געפינען זיך צווישען יודען, וועלכע זיצען גאנץ פריה און שפעט ביי נאכט אין די שוהלען און בתי מדרשים, און זיי טהוען גלוסטען און פערהאפען צו דיין הילף אלע טאג: אונזער פאטער אין הימעל, דו ביזט דאך א דערבארעמדיגער גאט, א צדיק און א חסיד און אלע דיינע מעשים זענען מיט דער וואהרהייט. מיר בעטען דיך אז דיין פיעל דערבארעמדיגקייט און דיינע גרויסע חסדים זאלען מגין זיין אויף דיינע קינדער דיינע געליעבטע קינדער, וואס זיי זענען דאס איבערבלייבונג פון דיין פאלק יודען, און דו זאלסט אונז נישט פערדארבען. דו האסט דאך אנגעשריבען אין דיין הייליגע תורה קעגען אומות העולם, אז באם עס וועט געפונען ווערען צעהן אנשים כשרים אין איין שטאדט, וועסט דו פערגעבען זייערע זינד און דו וועסט זיי נישט פערדארבען, אזוי ווי עס שטעהט אין פסוק „ויאמר לא אשחית בעבור העשרה". און מיר זענען דאך דיין פאלק יודען, וועלכע לויבען און ריהמען און בעשעהנען דיין נאמען אלע טאג און אלע שעה. און דיין נאמען ווערט בעשעהנט און געלויבט און געהייליגט פאר די אויגען פון אלע מענשען דורך דיין פאלק יודען, וואס טהוען אלע זייערע גוטע מעשים שטילערהייד, נישט אויף דעם בעריהם, איז דאך אודאי

א כל

ואל תשחיתנו. כי עמך ישראל הם קנינך אשר מעולם. שנאמר הלא הוא אביך קנך הוא עשך ויכננך. ונאמר יי קנני ראשית דרכו. ונאמר קודש ישראל ליי ראשית תבואתה: אבינו שבשמים זכור מה שכתבת לנו בתורתך. לא יומתו אבות על בנים ובנים לא יומתו על אבות. ונאמר בן לא ישא בעון האב ואב לא ישא בעון הבן. ועוד שאם חס ושלום יאבדו ישראל מן העולם. תאבד תורתך מן העולם ויחרב כל העולם. וכך שנו חכמים במשנה. אם אין תורה אין דרך ארץ: אבינו שבשמים כתבת לנו על ידי יונה הנביא עבדך. ואני לא אחוס על נינוה העיר הגדולה. אשר יש בה הרבה משתים עשרה רבו אדם. אשר לא ידע בין ימינו לשמאלו

ובהמה

---

## פירוש ע"ט

אַ כל שכן אַז דו דאַרפסט דיך איבער אונז מרחם צו זיין, און זאָלסט אונז נישט פערדאַרבען. דען דיין פאָלק יודען זענען דאָך דיין קנין פון עוויג אָן. אַזוי ווי עס שטעהט אין פסוק „הלא הוא אביך קנך הוא עשך ויכוננך". נאָך אַ פסוק שטעהט „יי קנני ראשית דרכו". און נאָך אַ פסוק שטעהט „קודש ישראל ליי ראשית תבואתה": אונזער פאָטער אין הימעל. געדענק וואָס דו האָסט אונז אָנגעשריבען אין דיין תורה „לא יומתו אבות על בנים ובנים לא יומתו על אבות". אַז פאָטערס זאָלען נישט גע־טוידט ווערען צוליעב די זינד פון קינדער, און קינדער זאָלען נישט גע־טוידט ווערען צוליעב די זינד פון זייערע פאָטערס. נאָך אַ פסוק שטעהט „בן לא ישא בעון האב ואב לא ישא בעון הבן", אַ זוהן דאַרף נישט ליידען די זינד פון זיין פאָטער, און אַ פאָטער דאַרף נישט ליידען די זינד פון זיין זוהן. און ווייטער אויב חס ושלום די יודען וועלען פערלוירען ווערען פון די וועלט, וועט דאָך דיין תורה אויך פערלוירען ווערען פון די וועלט, און די גאַנצע וועלט וועט חרוב ווערען, דען אַזוי האָבען די חכמים גע־לערנט אין אַ משנה „אם אין תורה אין דרך ארץ". אויב עס איז נישט דאָ קיין תורה, איז אויך נישט דאָ דאָס פיהרעכטס פון דער וועלט: אונזער פאָטער אין הימעל, דו האָסט אונז געשריבען דורך דיין קנעכט יונה הנביא „ואני לא אחוס על נינוה העיר הגדולה, אשר יש בה הרבה משתים עשרה רבו אדם, אשר לא ידע בין ימינו לשמאלו ובהמה רבה". דאָס הייסט ווי אַזוי זאָל איך נישט האָבען קיין רחמנות אויף דער גרויסער שטאָדט נינוה, וואָס דאָרט געפינט זיך העכער פון הונדערט און צוואַנציג טויזענד מענשען, וואָס האָבען נאָך נישט קיין פערשטאַנד צו וויסען דעם חילוק פון גוטס ביז שלעכטס, און אויך געפינט זיך דאָרט פיעל בהמות.

און

וּבְהֵמָה רַבָּה. כְּמוֹ שֶׁאַתָּה חַסְתָּ עַל נִינְוֵה. כֵּן יִתְגּוֹלְלוּ רַחֲמֶיךָ עָלֵינוּ. וְקַיֵּים עָלֵינוּ מַה שֶּׁהִבְטַחְתָּ לָנוּ וְאָמַרְתָּ. לְמַעֲנִי לְמַעֲנִי אֶעֱשֶׂה. כִּי אֵיךְ יֵחָל וּכְבוֹדִי לְאַחֵר לֹא אֶתֵּן. וּבְכֵן עֲשֵׂה לְמַעַן שְׁמֶךָ לְמַעַן תּוֹרָתֶךָ וּלְמַעַן קְדֻשָּׁתֶךָ וְתָחִישׁ לָנוּ יְשׁוּעָה שְׁלֵמָה בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן:

## פירוש ע"ט

און אזוי זאָלסט דו דיך בעציהען מיט דיין רחמנות צו אונז אויך, און זאָלסט מקיים זיין וואָס דו האָסט אונז מבטיח געווען און האָסט געזאָגט „למעני למעני אעשה, כי איך יחל וכבודי לאחר לא אתן" דאָס הייסט או דער אויבערשטער האָט געזאָגט. צוליעב מיר וועל איך שיקען די ישועה צו מיין פאָלק יודען, דען ווי אזוי וועל איך קאָנען צולאָזען אז מיין נאָמען זאָל ווערען פערשוועכט, און מיין כבוד וועל איך צו קיין אנדערן נישט געבען. אלזאָ זאָלסט דו טהון צוליעב דיין נאָמען. צוליעב דיין תורה און צוליעב דיין הייליגקייט, און זאָלסט אונז באלד און גיך שיקען א ישועה שלמה במהרה בימינו אמן.

# מאמר אליהו הנביא בחכמת הקבלה.

פתח אליהו ואמר רבון עלמין דאנת הוא חד ולא בחושבן. אנת הוא עלאה על כל עלאין סתימא על כל סתימין. לית מחשבה תפיסא בך כלל. אנת הוא דאפיקת עשר תקונין וקרינן להון עשר ספירן לאנהגא (נ"א לאנהרא) בהון עלמין סתימין דלא אתגליין ועלמין דאתגליין. ובהון אתכסיאת מבני נשא. ואנת הוא דקשיר לון ומיחד לון. ובגין דאנת מלגאו כל מאן דאפריש חד מן חבריה מאלין עשר ספירן אתחשיב ליה כאלו אפריש בך. ואלין עשר ספירן. אנון אזלין כסדרן. חד אריך וחד קצר וחד בינוני. ואנת הוא דאנהיג לון. ולית מאן דאנהיג לך לא לעלא ולא לתתא ולא מכל סטרא. לבושין תקינת לון דמנייהו פרחין נשמתין לבני נשא. וכמה גופין תקינת לון דאתקריאו גופין לגבי לבושין דמכסין עליהון. ואתקריאו בתקונא דא. חסד דרועא ימינא. גבורה דרועא שמאלא. תפארת גופא. נצח והוד תרין שוקין. יסוד סיומא דגופא אות ברית קדש. מלכות פה תורה שבעל פה קרינן לה. חכמה מוחא איהי מחשבה מלגאו. בינה לבא ובה הלב מבין. ועל אלין תרין כתיב הנסתרות ליי אלהינו. כתר עליון איהי כתר מלכות. ועלה אתמר מגיד מראשית אחרית ואיהו קרקפתא דתפלין. מלגאו איהו שם מ"ה [כזה יו"ד ה"א וא"ו ה"א] דאיהו אורח אצילות. ואיהו שקיו דאילנא בדרועוי וענפוי. כמיא דאשקי לאילנא ואתרבי בההוא שקיו: רבון עלמין אנת הוא עלת העלות וסבת הסבות דאשקי לאילנא בההוא נביעו. וההוא נביעו איהו כנשמתא לגופא דאיהו חיים לגופא. ובך לית דמיון ולית דיוקנא מכל מה דלגאו ולבר. ובראת שמיא וארעא ואפיקת מנהון שמשא וסיהרא וכוכביא ומזליא. ובארעא אילנין ודשאין וגנתא דעדן ועשבין וחיון ובעירין ועופין ונונין ובני נשא לאשתמודעא בהון עלאין. ואיך יתנהגון עלאין ותתאין. ואיך אשתמודען עלאי מתתאי. ולית דידע בך כלל. ובר מנך לית יחודא בעלאי ותתאי. ואנת אשתמודע עלת

על

עַל כּוּלָּא וְאָדוֹן עַל כּוּלָּא. וְכָל סְפִירָא אִית לָהּ שֵׁם יְדִיעַ וּבְהוֹן אִתְקְרִיאוּ מַלְאָכַיָּא. וְאַנְתְּ לֵית לָךְ שֵׁם יְדִיעַ דְּאַנְתְּ הוּא מְמַלֵּא כָל שְׁמָהָן וְאַנְתְּ הוּא שְׁלִימוּ דְּכֻלְּהוּ. וְכַד אַנְתְּ תִּסְתַּלֵּק מִנְּהוֹן אִשְׁתָּאֲרוּ כֻּלְּהוּ שְׁמָהָן כְּגוּפָא בְּלָא נִשְׁמָתָא. אַנְתְּ הוּא חַכִּים וְלָא בְּחָכְמָה יְדִיעָא אַנְתְּ הוּא מֵבִין וְלָא בְּבִינָה יְדִיעָא. לֵית לָךְ אֲתַר יְדִיעָא אֶלָּא לְאִשְׁתְּמוֹדְעָא תּוּקְפָּךְ וְחֵילָךְ לִבְנֵי נָשָׁא. וּלְאַחֲזָאָה לוֹן אֵיךְ מִתְנַהֵג עָלְמָא בְּדִינָא וּבְרַחֲמֵי דְּאִית צֶדֶק וּמִשְׁפָּט כְּפוּם עוֹבָדֵיהוֹן דִּבְנֵי נָשָׁא. דִּין אִיהוּ גְבוּרָה. מִשְׁפָּט עַמּוּדָא דְאֶמְצָעִיתָא. צֶדֶק מַלְכוּתָא קַדִּישָׁא. מֹאזְנֵי צֶדֶק תְּרֵין סַמְכֵי קְשׁוֹט. הִין צֶדֶק אוֹת בְּרִית קֹדֶשׁ. כּוּלָּא לְאַחֲזָאָה אֵיךְ מִתְנַהֵג עָלְמָא. אֲבָל לַאו דְּאִית לָךְ צֶדֶק יְדִיעָא דְאִיהוּ דִין. וְלָא מִשְׁפָּט יְדִיעָא דְאִיהוּ רַחֲמֵי. וְלָא מִכָּל אִלֵּין מִדּוֹת כְּלָל: בָּרוּךְ יְיָ לְעוֹלָם אָמֵן וְאָמֵן:

# לוח המפתחות.

זייטע
3 דער זמר פון אליהו הנביא ווי אזוי מען דארף איהם זינגען אלע שבת צו נאכטס:
5 ערשטע אבטהיילונג. דער יחוס פון אליהו הנביא:
6 די מיינונג פון רבי אלעזר בן פדת וועגען דעם יחוס פון אליהו הנביא:
7 דער וכוח פון די חכמים וועגען זיין יחוס:
די מיינונג פון רבי שמעון בן לקיש אז פנחס איז אליהו הנביא:
8 די מיינונג פון שפעטערע גדולים וועגען אליהו:
וואס דער „שלשלת הקבלה" שרייבט וועגען דעם זמן ווען און ווי לאנג אליהו האט געלעבט:
וואס דער „סדר עולם" שרייבט וועגען אליהו:
9 וואס דער ספר „סודי רזי" שרייבט וועגען אליהו:
וואס דער ספר „הפרדס" שרייבט וועגען אליהו:
10 א קלעהר צי אליהו הנביא האט געהאט קינדער:
11 צווייטע אבטהיילונג. דאס ערשיינונג פון אליהו הנביא אין דער צייט פון די יודישע מלכים:
12 אז אליהו האט צוגענומען דעם שליסעל פון רעגען און עס האט ניש גערעגענט דריי יאהר:
13 אז אליהו איז אנגעקומען צו דער אלמנה פון צרפת און האט געבעטן א ברכה אין דעם קריגעל מעהל מיט דעם פלעשעל בוימאייל
14 אז אליהו האט לעבעדיג געמאכט דאס טויטע קינד פון דער אלמנה
15 אליהו מיט דעם מלך אחאב ביי דעם בארג כרמל:
16 די צוויי קרבנות פון אליהו מיט די נביאי הבעל:
17 אז אליהו איז געענטפערט געווארען מיט פייער:
19 אליהו איז ענטלאפען פאר איזבל:
20 אז עס איז נגזר געווארען אויף אליהו הנביא ער זאל זיין אויף אל ברית מילה:
21 ווען אליהו האט זיך בעקאנט מיט אלישע בן שפט:
22 אליהו מיט דעם מלך אחאב אין דעם וויינגארטען פון נבות:
אליהו מיט דעם מלך אחזיה:
23 די זעלנער פון מלך אחזיה זענען צוויי מאל פערברענט געווארען אונטערן בארג פאר אליהו:
ווי אזוי איז אליהו נסתלק געווארען אין הימעל אריין לעבעדיגע היים:
25 דער מיינונג פון הייליגען זוהר וועגען דעם וואס אליהו איז לעבע דיגערהייט אין הימעל אריין:
26 אלישע בן שפט איז געבליבען נביא נאך אליהו:

זייטע
27 אליהו האט געשיקט א בריעף צום מלך יהורם:
28 דריטע אבטיילונג. דאס בעווייזונג פון אליהו ביי דער מעשה פון רבי עקיבא מיט זיין ווייב, וועלכע איז געוועז א טאכטער פון כלבא שבוע:
29 רבי יהושע בן לוי האט פערלאנגט פון אליהו ער זאל מיט איהם מיטגעהן זעהן זיינע וואונדערליכע מעשים:
30 רבי יהושע בן לוי מיט אליהו הנביא אין גן עדן:
33 דאס נס וואס אליהו האט געמאכט צו רבי אלעזר בן פרטא:
34 דאס נס וואס אליהו האט געמאכט צו ר׳ מאיר:
36 דאס נס וואס אליהו האט געמאכט צו רבי נחום איש גם זו:
37 דאס נס וואס אליהו האט געמאכט צו אסתר המלכה אויף דער סעודה:
38 ווען אליהו האט זיך בעוויזען פאר די הייליגע חברייא פון רבי שמעון בן יוחאי:
39 אליהו האט געפלעגט צו געפינען זיך אין דער ישיבה פון רבי:
40 אליהו האט זיך בעוויזען צו רב יהודא:
41 ווי אזוי אליהו האט געמאכט שלום צווישען רבי מיט רבי חייא רבה:
42 אליהו האט געוויזען צו איין תלמיד ווי אזוי די הייליגע נשמות געהען אויף אין גן עדן אריין:
אליהו מיט רבי ברוקא אויף א יריד:
43 דאס נס וואס אליהו האט געמאכט צו רב שילא:
44 דאס נס וואס אליהו האט געמאכט צו רב שימא:
45 דאס נס וואס אליהו האט געמאכט צו רב כהנא:
דאס נס וואס אליהו האט געמאכט צו רבה:
46 די מעשה פון איש חסיד:
50 די מעשה פון דעם עושר וואס האט נישט געוואלט זאגען אם ירצה השם:
52 די מעשה פון דעם תלמיד וואס מען האט איהם אוועקגערויבט זיין געלד:
55 די וואונדערליכע מעשה פון דעם בעל סנדקאות ר׳ ברונא פוזי מיט זיין ווייב חנה. אין צוויי טהיילען. ציהט זיך ביז זייטע 75:
7[illegible] פירטע אבטיילונג. ווען אליהו האט זיך בעוויזען צו רבי יוסי אין דער חורבה:
אליהו האט זיך נוקם געוועזן אין דעם יוד וואס האט נישט געוואלט דאווענען אין שוהל נור אין דרויסען, אויסגעדרעהט פון דער שוהל:
7[illegible] זעקס מעשיות וואס אליהו הנביא האט דערצעהלט פאר די חכמים:

די

זייטע

80 די מעשה וואס א אשה האט געפלעגט צו הערען רבי מאיר'ס דרשה פרייטאג צו נאכטס, און דורך דעם האט דער מאן זי פערטריי־בען פון דערהיים:

81 אליהו שטראפט צו רבי שמעון בן אלעזר:

83 אליהו האט געפרובט צו רבי יוסי בן קיסמא:

אליהו האט געפרובט צו רבי אלעזר ברבי שמעון:

84 אליהו שטראפט צו רבי ישמעאל ברבי יוסי:

85 אליהו שטראפט צו רבי יהושע בן לוי:

86 אליהו שטראפט צו רב ענן:

אליהו שטראפט א חסיד וואס האט פערמאכט דאס טויער פאר ארעמע לייט:

87 אליהו איז מקפיד אויף די וואס זענען מבזה זייערע משמשים:

רבי יוסי האט געדרשנט אז אליהו איז א בייזער:

דאס בעציהונג פון אליהו צו די וואס נעמען נישט קיין פאסענדע ווייבער:

88 וועגען דעם פסוק אעשה לו עזר כנגדו:

וואס אליהו האט מגלה געווען צו רבה בר אבוה וועגען די סעודה פון אסתר המלכה:

וואס אליהו האט מגלה געווען צו רבה בר שילא וועגען רבי מאיר'ן:

89 וואס אליהו האט מגלה געווען צו רב אביתר וועגען די מעשה פון פלגש בגבעה:

וואס אליהו האט מגלה געווען צו רבי נתן וועגען דעם מחלוקת פון רבי אליעזר מיט די חכמים:

90 אליהו האט זיך בעוויזען צו רבי שמעון בן יוחאי מיט א שאלה פון הימעל וועגען קרבנות:

91 אליהו האט זיך בעוויזען צו רבי שמעון בן יוחאי און צו רבי חייא און צו רב יהודא און בר הי הי און צו רב יהודה און צו רב נתן און האט צו אלע מודיע געווען סודות התורה:

93 פיער פרקים תורה און דרך ארץ. פרק א'.

94 פרק ב':

95 פרק ג':

97 פרק ד':

99 פינפטע אבטהיילונג. רבי אלעזר האט פארגעשטעלט פאר אליהו די דריי שאלות פון די אפיקורסים:

102 די מעשה פון ר' שמעון בן יוחאי מיט זיין זוהן ר' אלעזר וועלכע זענען געזעסען אין א מערה צוועלף יאהר:

104 וועגען דעם זמן פון די גאולה:

וועגען דעם יצר הרע:

זייטע
105 רבי יהושע בן לוי האָט געטראָפען אליהו ביי די מערה פון רבי
שמעון בן יוחאי :
106 וואָס וועט אליהו אויפטהון מיט זיין קומען :
אליהו וועט מבשר זיין וועגען די גאולה :
107 או יעקב אבינו האָט גענומען א משכון פון אליהו הנביא דאָס אות
וא"ו פון זיין נאָמען :
וועגען דעם מנהג וואָס מען עפענט פסח ביים סדר די טיהר פאַר
שפוך חמתך :
108 די תפלה פון אליהו הנביא פאַר די יודען מתפלל צו זיין אין יום
כפור :
114 דער מאמר פתח אליהו ואמר :
117 לוח המפתחות ביז 120 :